STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04835

DOS LEBN IN VALD

D. Evald

*Permanent preservation of this book was made possible
by Dr. Edward Flick & Irene Elizabeth Flick, R.N.
in honor of and in memory of
his mother Kate Gitel & father Morris Moshe Flick (A.H.)*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

1468

ד. עוואַלד.

דאָס לעבן אין וואַלד

ײדיש: א. ז. כהן.

פאַרלאַג / ב. שימין /

וואַרשע 1923

DRUK. SIKORA i MYLNER WARSZAWA, NOWOLIPKI 6.

דאָס

לעבן אין וואַלד

דער קוקוק.

טיף אין וואַלד, אין אַ מיטן לאָנקע, איז געשטאַנען אַ גרויסער דאָרנקוסט. אויף דעמדאָזיקן דאָרנקוסט האָבן די ביינטעטער געבויט זייער נעסט.

דעם ערשטן מאַי, אין אַ שיינעם העלן טאָג, זיינען זיי פאַרטיק געוואָרן מיט זייער אַרבעט, און בעת זיי זיינען געזעסן צוזאַמען און געשמועסט וועגן פאַרשידענע זאַכן, האָט מאַדאַם ביינטעטער געלייגט דריי גוטע אייער.

—איצט,—האָט זי געזאָגט און שווער אָפּגעזיפצט, ווי אַ ביינטעטער קאָן בכלל זיפצן,—איצט איז, מיין ליבער, געקומען אַ סוף צו די שיינע פריילעכע יוגנטיאָרן, איצט הויבט זיך אָן אַ שווערע ערנסטע צייט.

איר מאַן האָט זי געטרייסט, ווי ער האָט געקאָנט, אָבער זי האָט זיך אַוועקגעזעצט מיט גרויס מרה־שחורה אויף די אייער און האָט אים גאַנץ בייז איבערגעקרימט:

—די מאַנסלייט האַלטן בלויז אין איין פלוידערן, וואָס זיי קומט נאָר אויף דער צונג,—האָט זי געזאָגט.—פּרובט נאָר אַמאָל אַליין זיצן אויף אייער. איר מיינט, אַז מיט אַ פּאָר גוטע ווערטער

זייט איר שוין יוצא, און לאָזט אונז זיצן אין גרויסע יסורים. איך האָב נישט ליב דיינע גלאַטינקע ריידעלעך. אַי, דיין ציינ־געלע, דיין צינגעלע! אָט נעם זיך בעסער צו אַן אַרבעט און כאַפּ מיר אַ פּעטע פליג.

דעמזעלבן אָוונט איז זי געווען בייז ווי אַ טייוול, און האָט זיך אָנגערופן מיט אַ שווער געמיט:

—אוי, ווען איך וואָלט געוואוסט, וואָס איך ווייס איצט, וואָלט איך דיך אויף מיין שוועל נישט אַרויפגעלאָזט. וואָלסט געקענט צוזאָגן גאָלדענע בערג—ווער וואָלט דיך הערן? אוי, איך האַלט עס נישט אויס! איך האַלט עס נישט אויס! איך פלי אַוועק!

דער ניינטעטער האָט זיך זייער שוואַך צוגעהערט צו אירע גוואַלדן. דאָס אייגענע האָט ער שוין טויזנט מאָל געהערט פון זיינע פריערדיקע ווייבער, וואָרום יעדן פרילינג נעמט ער זיך אַ ניי ווייבל.

—אויב דו ווילסט, קענסטו זיך אַ ביסל דורכשפּאַצירן,—האָט ער זיך גוטמוטיק אָנגערופן.—אָבער שפּעטער וועסטו מוזן זיצן רואיק, אַנישט וועלן מיר קיינמאָל נישט האָבן קיין פייגעלעך פון די אייער. מיין פריערדיקע ווייב...

—איך בעט דיך, האַק מיר נישט אין קאָפּ אַריין מיט דערדאָזי־קער באַשעפעניש!—האָט זי אים איבערגעשלאָגן אינמיטן די רייד.

און מיט די ווערטער האָט זי זיך אויפגעהויבן און איז אַוועקגע־פלויגן. דער מאַן איז איר תכף ומיד נאָכגעפלויגן. דאָסמאָל איז זיין ווייב, קענטיק, געווען אַ צו נערוויאַישע בריאה און ער האָט זיך עטוואָס געשראָקן פאַר איר לעבן.

אין דער אייגענער רגע, ווען ביידע זיינען אַוועקגעפלויגן, האָט זיך אַן אַנדער פייגל אַוועקגעזעצט אויפן שוועל פון נעסט און אַריינגעקוקט דערין.

דאָס איז געווען אַ גרויסער פייגל, אַ היבש ביסל גרעסער ווי דער ניינטעטער, אינגאַנצן גרוי־ברוין מיט העלע פלעקן אויף דער ברוסט און אויפן בויך. אין שנאָבל האָט ער געטראָגן אַן

איי און האָט עס פּאַוואָליע אַוועקגעלייגט נעבן די איבעריקע אייער אין נעסט. דאָס איי איז נישט געווען גרעסער פאַר יענע, און מען האָט עס לגמרי נישט געקאָנט אונטערשיידן פון זיי.

דער פרעמדער פייגל איז געזעסן אַן אויגנבליק און האָט מיט טריבע אייגלעך אָנגעקוקט דעם קליינעם, וואַרעמען נעסט, וואו ער האָט אַריינגעלייגט זיין איי. דערנאָך האָט ער אויסגעשפּרייט זיינע פליגלען און אַוועקגעפלויגן איבער דער לאָנקע אין וואַלד אַריין. אויבן, אויף אַ הויכן בוים, איז געזעסן אַ צווייטער פייגל, וואָס האָט אים אָפּגעוואַרט.

—האָסטו באַזאָרגט דאָס איי?—האָט יענער געפרעגט.

—יאָ,—האָט דער ערשטער פייגל, וואָס איז געווען דאָס ווייב, געענטפערט!—איך האָב עס אַריינגעלייגט אינם נעסט פון די ביינטעטער אויף דער לאָנקע. דאָס זיינען גאַנץ אָרנטלעכע פייגל און זיי וועלן זאָרגן פאַר אונזער קינד.

—מער ווי דאָס האָבן מיר נישט געקענט טאָן,—האָב ער געזאָגט.—קו־קו! קו־קו!

און ביידע זיינען אַוועקגעפלויגן.

בעת דאָס ביינטעטער־פּאָרל איז צוריק אַריינגעפלויגן אין נעסט, האָט עס גאָרנישט באַמערקט, אַז אָנשטאָט דריי אייער ליגן איצט פיר. ראשית, זיינען ביידע געווען זייער שוואַך אין רעכענען, און, שנית, איז די מאַדאַם איצט געווען עטוואָס בעסער געשטימט. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף די אייער און איר מאַן האָט איר אויסגעזונגען אַ פריילעך לידל, אַז ס׳האָט אָפּגעהילכט אינגאַנצן וואַלד.

פערצען טעג איז זי געזעסן געדולדיק אויף די אייער. דאָס מאַנדל איז טיילמאָל אַרויסגעפלויגן און געבראַכט זומער־פליגעלעך, שרצימלעך און אַזוי געוויינלעכע פליגעלעך, וואָס ער האָט געכאַפּט אויף די דערנער, נעבן נעסט, בעת זיי זיינען רו־איק פאַרביי געפלויגן.

—נאָך אַלעמען ביסטו פּאָרט אַ פיינער מאַן,—האָט זי צופרידן אַ זאָג געטאָן און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

אָבער בעת איך זיץ אויף די אייער, באַדאַרפסט זאָרגן פאַר מיר.

צומאָרגנס, אויפן פופצעטן טאָג, זיינען די אייערשעלכעלעך אויפגעשפּאָלטן געוואָרן און פיר נאַקעטע יונגע פייגעלעך האָבן אויפגעעפנט זייערע ברייטע געלע שנעבעלעך. דער טאַטע האָט זיי אויפמערקזאַם באַטראַכט.

זיי האָבן נישט קיין אייגלעך,—האָט ער געזאָגט, אָבער דאָס וועט שפּעטער קומען.

—ווי שיין זיי זיינען!—האָט זיך די יונגע מוטער געקוויקט מיט זיי.

איר מאַן האָט זי פרייליך אָנגעקוקט און צוגעפּייפט אַ ביסל.

—און דו האָסט זיי נישט געוואָלט אויסזיצן,—האָט ער גיפטיק אַ זאָג געטאָן.

—דו רעדסט נאַרישקייטן!—האָט זי זיך אַ ביסל באַליידיקט.—איך האָב עס קיינמאָל נישט געזאָגט. דו הויבסט שוין ווידער אָן מיט דיין גלאַט צינגעלע. אפשר וואָלט גלייכער געווען, דו זאָלסט שאַפן עפּעס עסן פאַר דיינע קינדער, איידער צו זיצן דאָ, ווי דער גרעסטער פוילער. זיי רייסן אַזוי אויף די מיילעכלעך, אַז איך קאָן זיי אַריינקוקן אין זייערע זיסע קליינע מאָגנדלעך.

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, איז דאָס מאַנדל אַוועקגעפלויגן און צוריקגעקומען, אַוועקגעפלויגן און צוריקגעקומען און יעדעס מאָל, ווען ער האָט עפּעס געבראַכט, האָט דאָס קליינוואַרג געעפנט די שנאָבלען און עס איינגעשלונגען. זיי האָבן, קענטיק, קיינמאָל נישט געקענט זיך רעכט אָנזעטיקן. אָבער די פיר קינדער זיינען נישט אַלע געווען גלייכע פרעסערס. איינס איז געווען אַ גרעסערער פרעסער און ס'איז אויך געוואַקסן, ווי אויף הויוון.

—דאָס וועט אַמאָל זיין גאָר אַ פיינער ביינטעטער,—האָט זיך אָנגערופן דער פאָטער און האָט עס צערטלעך געגלעט מיטן שנאָבל אויפן רוקן.

—דו טאָרסט נישט מאַכן קיין שום אונטערשיד צווישן דיינע קינדער,—האָט אים די מוטער שטריינג אָנגעזאָגט.—איך מיין, אַז די קליינע זיינען אויך זייער וואוילע קינדערלעך.

איין אָוונט איז דער ביינטעטער געשטאַנען נידערגעשלאָגן נעבן זיין אשה, וואָס איז געזעסן און געוואַרעמט די קינדער.

—מיר האָבן אַ צו־גרויסע משפחה,—האָט ער זיך געקלאָגט פאַר איר.—אמת, מען טאָר זיך נישט אָפּלאָזן, ס'איז אָבער נישטאָ קיין צייט צו קוקן אויף זיך ביי אַזאַ פעקל פרעסער. קיין עין־הרע, טיילמאָל ווייזט מיר אויס, אַז איך וועל אַנידערפאַלן אָן כוחות. און די צייט איז אויך אַ שווערע. קיין זומערפליגעלעך זעט מען שוין אינגאַנצן נישט און מאַנכע שרצימלעך האָבן זיך אויך אויסגענומען. דו וועסט מיר מוזן צוהעלפן, וואָרום איך האָב שוין מער קיין כוח נישט.

דאָס ווייב האָט אים דאָסמאָל, קענטיק, מיטגעפילט, וואָרום זי האָט זיך אָנגערופן:

—מיין נישט, אַז וואַרעמען איז נישט קיין אַרבעט, אָבער איך זע, אַז דו שלאָגסט זיך אַרויס פון די כוחות און דעריבער וועל איך דיר צוהעלפן. די קליינע באַקומען שוין פעדערן און ביי דער איצטיקער וואַרעמקייט וועלן זיי זיך אודאי קענען באַגיין אַ ווײַלע אָן מיר. פון מאָרגן אָן וועלן מיר פליען צו־זאַמען.

צומאָרגנס האָבן שוין ביידע געאַרבעט צוזאַמען, געאַרבעט שווער און ביטער צו דערנערן די קינדער, אָבער וויפיל זיי האָבן געבראַכט אַהיים, האָט מען אַלץ נישט געקענט אָנזעטיקן די פרעסערס. זיי האָבן תמיד געהאַט אָפענע מיילער און געשריען, זיך געשטויסן און געשלאָגן פאַר אַ גרעסערן חלק.

איינמאָל, מיטאָגצייט, בעת די עלטערן זיינען געקומען אַהיים פון וואַלד, האָבן זיי געטראָפן אין נעסט אַ מוראדיקן טומל. די קליינע האָבן אויסגעשטרעקט די העלזער, גרייט זיך צו שלאָגן אויף טויט און אויף לעבן, און בעת מעשה האָט מען ממש פאַר־הילכט דעם וואַלד מיט די געשרייען און גוואַלדן.

—זאָל איינער ריידן, וואָרום איך פאַרשטיי דאָ גאָרנישט,—האָט

די מוטער געזאָגט.—וואָס איז דאָ געשען?

ביסלעכווייז איז זי דערגאַנגען, אַז ס'איז געשען אַ גרויס אומ־גליק: דאָס גרעסערע פייגעלע האָט איינס פון די קליינע אַרויס־געשטופּט פון נעסט. ס'איז אַראָפּגעפאַלן אויפן גראָז און האָט לאַנג געוויינט, ביז ס'איז אונטערגעקומען דער פוקס און עס אויפגעפרעסן.

—ער האָט זיך געטשעפּעט,—האָט דאָס גרעסערע פייגעלע זיך פאַרענטפערט.—איך בין נישט שולדיק, וואָס ס'איז אַרויסגעפאַלן.

—איך וועל דיר ווייזן!—האָט זיך דער פאָטער אַרויפגעוואָרפן אויף אים מיט גרויס גרימצאָרן.

אָבער דאָס ווייב האָט אים תיכף אָנגעכאַפּט פאַר אַ פליגל און האָט אים גוט אויסגעזידלט.

—ווי שעמסטו זיך נישט אַזוי צו שלאָגן אַ קינד? וואָס זיינען זיי שולדיק? זיי זיינען דאָך קינדער?

באַקלאָגט און באַוויינט דאָס אומגליקלעכע פייגעלע, וואָס איז, נעבעך, אויפגעפרעסן געוואָרן פון אַ פוקס, זיינען טאַטע־מאַמע ווידעראַמאָל אַרויסגעפלויגן פון נעסט נאָך פליגעלעך. זיי האָבן גיך פאַרגעסן זייער אבידה, מחמת די איבערגעבליבענע דריי קינדערלעך האָבן געהאַט אַזאַ געוואַלדיקן אַפּעטיט, אַז ס'איז גאָרנישט געווען קיין צייט זיך אָפּצוטעמען. אויסערדעם, האָט דאָס גרעסערע פייגעלע געהאַלטן אין איין וואַקסן און איז שוין געווען מיט דריי קעפּ העכער פון די אַנדערע צוויי, און יע־נע האָבן זיך שטאַרק באַקלאָגט, אַז ער מאַכט זיי איינג דעם נעסט און נעמט ביי זיי צו דאָס גאַנצע עסן.

—איר דאַרפט אָבער לעבן בשלום צווישן זיך, ביז איר וועט קענען אויסקומען אַליין,—האָט די מוטער געזאָגט.

—וואָלטן זיי שוין אויסגעוואַקסן און זיך אַוועקגעלאָזט קיין דרום!—האָט דער טאַטע געברומט מיט גרויס מרה־שחורה.

אַ וואָך איז דורכגעלאָפן אין גרויס פראַצע און נויט, און אָט איז פּלוצלונג געשען אַזוינס, וואָס האָט געטראָפן די ביינטענער ממש ווי אַ דונער. איינמאָל, ווען זיי זיינען געקומען אַהיים,

האָבן זיי געפונען אין נעסט בלויז דאָס גרעסערע פייגעלע.

—וואו זיינען די איבעריקע קינדער ?—האָט די מוטער געשריען נישט מיט איר קול.

דאָס גרעסערע פייגעלע האָט זיך פאַרשלאָגן אין אַ ווינקל פון נעסט און אַלץ איינאיינעם געטענהט :

—איך בין נישט שולדיק, איך האָב מיך בלויז אומגעדרייט, איז איינס אַרויסגעפאַלן. האָב איך מיך אַזוי דערשראָקן, אַז איך האָב דאָס אַנדערע אָנגעשטויסן, איז עס אויך אַרויסגעפאַלן. איך בין נישט שולדיק... און דאָ איז געקומען דער פוקס און זיי אויפגעפרעסן...

טאַטע־מאַמע האָבן זיך צעוויינט מיט ביטערע טרערן.

—מיר האָבן דאָס נעסט געבויט צו קליין,—האָט דער טאַטע צו־לעצט געזאָגט.—אָבער זע נאָר, ווי דאָס וואַקסט ! דאָס איז דאָך שוין באַלד גרעסער פאַר אונז !.. עס וואַקסט דאָך אָן אַ שיעור !

—אוי, מיינע בידנע, בידנע פייגעלעך !—האָט דאָס ווייב געוויינט אויפן קול.

—זאָל שוין דאָס איינע זיין אויף לאַנגע יאָרן !—האָט זי דאָס מאַנדל געפרובט טרייסטן.—זיי כאָטש אַ גוט קינד און געהאָרך טאַטע־מאַמע,—האָט ער אַ שאָקל געטאָן דעם קאָפּ צום בן־יחידל.

דאָס בן־יחידל האָט מבטיח־געווען, אַז ער וועט זיך אויפפירן גוט און איידל, אָבער ער האָט זיך קיינמאָל נישט געקענט אָנ־פרעסן צו דער זעט.

—מער ! מער !—האָט ער געשריען.—איך בין אַזוי הונגעריק, אַז איך פאַל אַוועק !...

און טאַטע־מאַמע זיינען אומגעפלויגן, ווי די משוגעים און אַלץ געטראָגן צום פרעסן פאַרן בן־יחידל.

איצט האָבן זיי נאָכמער צוזאַמענגעשלעפּט, ווי פריער, בעת אַלע פיר קינדער האָבן געלעבט, אָבער דאָס בן־יחידל האָט גע־האַט אַ מאָגן אָן אַ דעק און האָט בשום אופן נישט געקענט זאַט

ווערן. ס׳איז געוואַקסן פון שעה צו שעה, פון מינוט צו מינוט, און צולעצט איז עס געוואָרן אַזוי גרויס, אַז ס׳האָט נישט גע־קאָנט מער זיצן אין נעסט. איז עס אַרויסגעקראָכן און זיך אַנידערגעזעצט דערנעבן אויף אַ צווייג.

—אַ קלאָג צו דער מאַמען!—האָט די מוטער געשריען, בעת זי איז געקומען אַהיים און געטראָפן דאָס בן־יחידל זיצן אויף אַ צווייג.—דו וועסט נאָך, חס־ושלום, אַראָפּפאַלן און צוברעכן האַלז און געניק.

—למאי שרייסטו אויף מיר?—האָט זיך דאָס בן־יחידל באַליי־דיקט.—איך קען מער נישט זיצן אין נעסט. ס׳איז מיר דאָרט איינג און דושנע. וואָס האָט איר צו מיר? האָסטו מיר עפּעס געבראַכט? אוי, איך שטאַרב, איך גיי אויס פאַר הונגער!...

טאַטע־מאַמע האָבן געהאָלפן דעם בן־יחידל, עס זאָל זיך פאַ־וואָליע אַראָפּלאָזן פונם צווייג און בעת מעשה געבעטן עס רחמים, זיך גוט צו פאַרבאַהאַלטן אין גראָז, אַז דער פוקס זאָל עס נישט דערזען. הונדערט מאָל אין טאָג האָבן זיי אים געבראַכט עסן, און דאָס בן־יחידל איז אַלץ געוואַקסן און איז אַלץ גע־ווען טויט־הונגעריק.

ביסלעכווייז האָט עס באַקומען אַן עק און פעדערלעך אויף די פליגלען, אַזוי, אַז עס האָט שוין געקאָנט פלאַטערן קווער אי־בער דער לאָנקע און די עלטערן האָבן ס׳געמוזט אָפּט זוכן און רופן, בעת זיי האָבן אים געבראַכט עסן. דאָס בן־יחידל האָט אויסגעזען משונה, ווען אַלע דריי זיינען געזעסן צוזאַמען, מחמת דאָס קינד איז געווען צוויי מאָל גרעסער פון טאַטע־מאַמע, און מיט גרויס מי האָבן זיי אים געקאָנט אַריינטאָן דאָס עסן אין מויל אַריין. ס׳איז געווען אינגאַנצן גרוי־ברוין מיט העלע פלעקן אויף דער ברוסט און אויפן בויך.

הער ניינטעטער איז צייטנווייז געזעסן שטאַרק פאַרטראַכט מיט אויסגעשטאַרצטע אויגן אויפן קינד.

—ס׳איז דאָך עפּעס גאָרנישט אונזער קינד,—האָט ער געטענהט צו זיין אשה, וואָס האָט די לעצטע צייט עפּטער איינגעדרמעלט

פון מקיידיט.—זע, ס'אַראַ שנאָבל, ס'אַראַ פּיס, ס'אַראַ פליגלען...

איינמאָל, אינדערפרי, האָט דאָס קינד איינגעשלונגען אַ גרויסן, מאוסן האָריקן שרץ, וואָס איז אַרומגעקראָכן אין גראָז.
—שפּיי אויס, שפּיי אויס!—האָט די מאַמע געשריען.—דאָס איז ראָך סם. דו קאָנסט דאָך שטאַרבן דערפון.
און דאָס בן־יחידל האָט גוטמוטיק און מעשה שוטה געענטפערט:

—איך האָב שוין געפרעסן אַזעלכע שרצים און ס'האָט מיר נישט געשאַדט. שיין וואָלט איך אויסגעזען, ווען איך וואָלט געדאַרפט לעבן פון דעם, וואָס איר ברייגנט מיר...
—אַ משונהדיקע בריאה!—האָט שוין דער פאָטער אַרויסגעזאָגט מיט האַרץ.
—ס'איז גאָרנישט קיין נייַנטעטער!—האָט זיך פלוצלונג דערהערט אַ שטים נעבן זיי.
דער מאַן האָט בייז אַרויפגעקוקט און דערזען אַן אַלטע אשה פון אַ צווינקעניק, וואָס האָט זיך געוויגט אויף אַ צווייג.
—וואָס איז עס נישט?—האָט ער געפרעגט מיט גרויס גרימ־צאָרן.
—אָט דיין קינד...—האָט זי געענטפערט.
—וואָס פלוידערסטו, משוגענע?—האָט ער זי געזידלט.—מיין ווייב האָט געלייגט דאָס איי אין אונזער נעסט, און מיר האָבן עס געטריי דערצויגן צוזאַמען מיט זיינע פאַרשטאָרבענע ברידער און שוועסטער?
—יענע זיינען שוין געשטאָרבן?—האָט די אַלטע געפרעגט.—נו, יאָ, אַזוי געשיט עס טאַקע... ס'איז אַן אַלטע מעשה, און דערצו נאָך זייער אַ מאוסע מעשה.
דערהערט דידאָזיקע ווערטער, איז דער נייַנטעטער ווייכער גע־וואָרן און ער האָט זיך שוין געבעטן:
—דערציייל מיר די מעשה. לאָמיך אויך וויסן.
און ער איז אַרויפגעפלויגן אויפן העכערן צווייג און זיך אַוועק־געזעצט נעבן דער אַלטער.

באַלד איז זיין ווייב אויך צוגעקומען, און דאָס בן־יחידל האָט פונדערווייטנס זיך צוגעהערט, זיצנדיק אין גראָז.

—איך וועל אייך באַלד דערציילן,—האָט זיך אָנגערופן די צוויבקעניג־זקנה.—ס'איז כדאי, אַז אַ סך זאָלן עס הערן. יונגע באַוואַרפן זיך שטענדיק לערנען פון אַלטע.

און זי האָט אָנגעהויבן צו דערציילן. ביסלעכווייז זיינען צוגעפלויגן נאָך פייגעלעך, נייטעטער, לערכעלעך, שטשיגליצעס, טשיזשיקעס און אַנדערע. זיי האָבן זיך אויסגעזעצט אויף די קוסטעס אַרום דער זקנה און מיט גרויס אינטערעס זיך צוגעהערט צו איר מעשה.

—צי קענט איר דעם גרויסן גרויען פויגל, וואָס דרייט זיך עפּעס אַרום אונזערע נעסטן?—האָט זי געפרעגט.

—איך קען אים זייער גוט,—האָט זיך אָנגערופן אַ טשיזשיקל—דאָס איז דער שפּאַרבער, דער פאַרדאַרבער און דער פאַרצוקער!

—עך, דו קליינער שנעק!—האָט די אַלטע זיך פאַרקרימט.—פאַראַן אַן אַנדער גרויער פייגל, וואָס איז ערגער פאַרן שפּאַרבער. דער שפּאַרבער פאַרצוקט אונז פאַר זיינע קינדער, אַזוי ווי מיר כאַפּן פליגעלעך און ווערעמלעך פאַר אונזערע קינדער. דאָס איז אַן אָפענע זאַך, און אַזוי גייט עס צו פון קדמונים אָן, הגם ס'איז גאָרנישט קיין געשמאַקע זאַך אויפגעפרעסן צו ווערן. איך מיין אָבער דעם פייגל, וואָס הייסט קוקיק. ער איז אַ ביסל ענלעך צום שפּאַרבער, איז אָבער נישט אַזאַ גזלן, ווי יענער. אָבער יענער איז דאָך אַ חשובער פייגל, ווייל ער זאָרגט און האָרעוועט פאַר זיינע קינדער. דער קוקוק איז בטבע אַ פוילע באַשעפעניש, וואָס ווייס נישט מער ווי אַרומצעפליען איבערן וואַלד, זיך פוצן און צירן און שרייען קו־קו! ער בויט זיך נישט קיין נעסט, אַזוי ווי אַנדערע פייגל. ער האָט אַפילו קיינמאָל נישט צוזאַמענגעקליבן אַ פּאָר שטרויעלעך פאַר אַ נעסט. ער איז קיינמאָל נישט געזעסן אויף אייער, קיינמאָל נישט געוואַרעמט זיינע יונגע פייגעלעך אין די קאַלטע נעכט און קיינמאָל נישט געאַרבעט פאַר אַ יונג פייגעלע...

—אָבער וואָס רעדט איר?—האָט שוין נישט אויסגעהאַלטן מאַדאַם בײנטעטער.—ער מוז דאָך אויפהאָדעװען זײנע קינדער!
—יאָ, דו װײסט עס נישט, אָרעמע פרוי,—האָט די אַלטע געענט־פערט.—דו װעסט באַלד געװאָר װערן. הער נאָר מיט קאָפּ. באַלד װי ער לײגט אַן אײ, נעמט ער עס אַרײן אין שנאָבל און װאַרפט עס אונטער אין אַ נעסט פון אַנדערע חשובע פײגלעך. יענע זיצן עס אויס צוזאַמען מיט זײערע אײגענע אײער און נעמען עס אָן פאַר זײער קינד. זײ לײגן אַװעק די כּוחות פאַר אים און רײסן קריעה צו דערנערן דאָס פרעמדע קינד, און װײסט איר װאָס פאַר אַ דאַנק זײ באַקומען פאַר זײער פּראַצע? דער קוקוק רײסט אַרויס בײ זײערע אײגענע קינדער דעם ביסן פון מויל, און װען עס װאַקסט אונטער, שלאָגט עס זײ און װאַרפט זײ אַרויס פון נעסט, כּדי עס זאָל זײן גערוימער און ער זאָל האָבן מער צום פרעסן. דאָ האָט איר דעם גאַנצן ספּור־המעשה.

די קלײנע פײגלעך זײנען געזעסן פאַרציטערט אויף די צװײגן, די בײנטעטער האָבן שװײגנדיק אויסגעשטעלט פאַרגאַפטע שנאָב־לען און אויגן, און זײערע פעדערן האָבן זיך אויפגעשטעלט פאַר שרעק.
—קוקט אָן אָט די בײדע—האָט זיך װידעראַמאָל אָפּגערופן די אַלטע און אַ װײַז געטאָן מיטן שנאָבל אויפן בײנטעטער־פּאָרל.—זײ האָבן הײנטיקן זומער געהאַט צו טאָן מיטן קינד פון אַ קוקוק. זעט, װי מאָגער און צעשױבערט זײ זעען אויס! פרעגט זײ, װאו זײנען אַהינגעקומען זײערע אײגענע קינדער? װילט איר זען דעם תּכשיט, װעלכן זײ האָבן אויסגעהאָדעװעט, טאָ לאָזט אַראָפּ די אויגן אויפן גראָז: דאָרט זיצט עס מיט אַן אָפענעם פרעסערישן פּיסק...
אַלע פײגלעך האָבן אָנגעקוקט דעם שײנעם יונג, און אָנגעהויבן צו שרײען:
קוקוק־פרעסער! קוקוק־פרעסער!
דערהערט דידאָזיקע געשרײען, האָט דאָס בן־יחידל גענומען אַרומפליען אַהין און צוריק איבער דער לאָנקע און בעת־מעשה

געהאַקט מיטן פּיסק:

—ס'איז נישט אמת! ס'איז נישט אמת! ס'איז אַן אויסגעטראַכ־
טע מעשה!

—שווייג, דו ווילדע בריאה!—האָבן די פייגלעך זיך אַוואָרף
געטאָן צו אים און געוואָלט אים צעפּליקן. דער וואַלד איז
פאַרטרונקען געוואָרן פון קולות און געוואַלדן, און העכער פון
אַלעמען האָט געשריען דער יונגער טשיזשיק. צולעצט איז
אונטערגעשפּרונגען דאָס ניינטעטער־פּאָרל, און זיך גענומען בעטן
רחמים ביי די פייגלעך, זיי זאָלן לאָזן צורו זייער אומגליק־
לעך קינד.

—ס'איז דאָך אונזער בן־יחידל,—האָט זיך אָנגערופן מאַדאַם נײַנ־
טעטער.—איך האָב דאָך עס אויסגעזעסן און מיר ביידע האָבן
עס מיט גרויס צער און ווי אויסגעהאָדעוועט...

דער יונגער קוקוק איז אָבער אַריינגעפאַלן אין גרויס גרימצאָרן
און האָט קודם־כל מכבד געווען מיט אַ פּיק דעם יונגן טשיזשיק,
וואָס האָט אַלעמען איבערגעשריען. און באַלד דערויף האָט ער
זיך אָנגערופן:

—איך זע, אַז איך בין דאָ אַרומגערינגלט פון שונאים, אָבער
איך קאָן מיך פאַרטיידיקן. איך באַדאַנק פון גאַנצן האַרצן די
גוטע ניינטעטער, וואָס האָבן מיך מיט גרויס מסירת נפש אויס־
געהאָדעוועט. איך גלויב אָבער נישט אין דער מעשה פון דער
בייזער זקנה. און אָט וואָס איך וועל אייך זאָגן: איך וועל טאָן
אַלץ, וואָס איז מעגלעך, צו דערגיין דעם אמת. די גאַנצע וועלט
וועל איך אויסוואַנדערן און דעם אמת מוז איך וויסן!...

און מיט דידאָזיקע ווערטער איז ער אַוועקגעפלויגן. ער איז
געפלויגן הויך און שנעל און האָט בעת־מעשה באַוואונדערט די
כוחות פון זיינע פליגלען. ער איז אינגאַנצן אויסגעוואַקסן.

„איך בין שוין אַ מאַן.—האָט ער געטראַכט,—אַ געזונטער מאַן מיט
שטאַרקע פליגלען..."

ער איז געפלויגן ווייט, אין פרעמדע לענדער, איבער פרעמדע

פעלדער און לאָנקעס, וואו די פויערים האָבן אויסגעשטעלט הויכע סטאָגעס היי.

יעדעס מאָל, ווען ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם און זיך אויסצורוען אַ ביסל, האָט ער זיך דערמאָנט אָן דער געהערטער געשיכטע, און ער האָט בשום אופן נישט גע־קענט גלויבן אין איר. ער האָט געפילט און געוואוסט, אַז ער איז נישט ערגער, ווי אַלע אַנדערע פייגעלעך, און האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס זיין מוטער האָט אים געמאַכט צו שאַנד און צו שפּאָט פאַר דער גאַנצער פייגלוועלט.

און ער האָט דערפילט אַ ברענענדיקן האַס, אָבער צו וועמען — האָט ער נישט געוואוסט.

אין צפון איז צוגעפאַלן דער ווינטער.

אין וואַלד זיינען די בלעטער אַראָפּגעפאַלן פון דיביימער און די גרינע לאָנקע האָט זיך איינגעוויקלט אין אַ ווייסן מאַנטל. אַלע ביימער האָבן זיך אָנגעטאָן אין ווייסע מלבושים און האָבן פאַר־חלומט געקוקט אינם בלייערנעם הימל אַריין. עס איז געווען די צייט, ווען די ביימער האָבן מער געחלומט און געשוויגן.

איצט זיינען שוין נישט געווען קיין זומערפליגעלעך און קיין ווערעמלעך און קיין אַנדערע פייגעלעך, ווי שוועלבעלעך, אָדער בלויפייגעלעך. עס זיינען נאָר געווען גרויסע קראָען, וואָס האָבן פאַרהילכט די כמאַרנע לופט מיט אַ העסלעכן קראַקן און מיט אַ ווילד פאָכן פון די פליגלען, צו דערוואַרעמען די ביינער.

דער צוינקעניג, דער ניינטעטער, דער שטיגליץ און פיל אַנדע־רע פייגלעך האָבן זיך אַריבערגעפּעקלט קיין דרום, וואו די זון איז וואַרעמער און די בלעטער בלייבן תמיד גרין.

און דאָ, אין די וואַרעמע ליכטיקע לענדער, איז דער יונגער קוקוק, איינמאָל אין אַחנוכה־אָוונט, געזעסן איינזאַם און פאַר־לאָזן אויף אַ הויכן בוים און מיט גרויס מרה־שחורה געקוקט אַרום זיך. די זון האָט געהאַלטן ביי אונטערגיין און באַגאָסן

טויזנטער בל. מען און גראָזן מיט איר רויטן גאָלדענעם ליכט.

דעם קוקוק האָט עס אָבער נישט גערירט. אים איז געווען קאַלט און טריב אויף דער קוקו־נשמה. ער האָט נישט געפונען זיין מוטער, און די מעשה פון דער צוינקעניג־זקנה איז אים נישט אַרויס פון זינען. ער האָט אָבער געטראָפן דריי אַנדערע יונגע קוקוקס, מיט וועלכע ס'האָט פּאַסירט אַקוראַט דאָס אייגענע, וואָס מיט אים, און אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער געהערט עפּעס צו אַ פאַרשאָלטענעם מין, וואָס טאָר גאָרנישט לעבן אויף דער וועלט.

בעת ער איז אַזוי געזעסן פאַרזונקען אין זיינע מרה־שחורהדי־קע רעיונות, האָבן אויפגעציטערט די בלעטער נעבן אים, און אַ גרויסע אַלטע קוקיכע האָט אויסגעשטרעקט דעם קאָפּ און אים אָנגעקוקט.

—וואָס ביסטו אַזוי פאַרדאגעט?—האָט זיך אָנגערופן די אַלטע קוקיכע.—וואָס, מיט דיר איז, חלילה, אַן אומגליק געשען? אָדער דו געפינסט דאָ נישט צו עסן גענוג?

—און זוך מיין מוטער,—האָט אָפּגעענטפערט דער יונגער קוקוק.

די אַלטע קוקיכע איז אַרויפגעשפּרונגען צו אים אויפן צווייג און אים בעסער אָנגעקוקט.

—אפשר בין איך דיין מוטער,—האָט יענע געזאָגט.—איך האָב דיך שוין איינמאָל געזען דאָ, אויבן, צווישן די ביימער, און האָב דיך לאַנג באַטראַכט פונדערווייטנס. מיין האַרץ זאָגט מיר, אַז דו ביסט מיינס.

—אויב דו ביסט מיין מוטער, האָסטו איבערהויפּט נישט קיין האַרץ,—האָט אָפּגעענטפערט דער יונגער.—מיין מוטער איז אַ שלעכטע. זי האָט מיר געגנוג עגמת־נפש און בושה פאַרשאַפט.

און ער האָט פאַרציילט דער קוקיכע זיין לעבנסגעשיכטע. די אַלטע קוקיכע האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט, און ציטנווייז געשאָקלט מיטן קאָפּ.

און נאָכדעם האָט זי אים איבערגעפרעגט:

—אין אַ דאָרנקוסט, זאָגסטו? אין אַ גרויסן וואַלד דאָרט, ווייט, ווייט, אין צפון?—יאָ, עס שטימט. דו ביסט מיין קינד, ווי גרויס און שיין דו ביסט אויסגעוואַקסן!

זי האָט אים געוואָלט אַ גלעט טאָן מיטן שנאָבל איבער די פליגלען, אָבער דער יונגער איז אַוועקגעפלויגן מיט אַ געשריי:

—ריר מיך נישט אָן! האָט ער געשריען.—דו ביסט אַ שלעכטע מוטער געווען. איך האָב דיך פיינט!

—מיין גאָט!—האָט געזאָגט די אַלטע קוקיקע און זיך, קענטיק, גאָרנישט געקימערט דערפון, וואָס דער יונגער קוקוק איז אויפגערעגט.—איך געדיינק עס, ווי ס'וואָלט געווען ערשט נעכטן... איך האָב דעמאָלט געזוכט אַ נעסט, וואוהין אַריינצולייגן דאָס איי, פון וועלכן דו ביסט געבוירן געוואָרן. איך האָב דאָך געמוזט געפינען עפּעס אַ נעסט מיט אייער, וואָס זאָלן זיין ענלעך צו מיינע, אַ נישט וואָלטן די לייט עס באַמערקט און וואָלטן עס אַרויסגעוואָרפן. ס'האָט לאַנג געדויערט און צולעצט האָב איך מיך אַזוי איינגעמאַטערט, אַז איך האָב מיך פשוט געשראָקן, איך זאָל עס נישט פאַרלירן.

—הלואי וואָלטסטו עס פאַרלאָרן!—האָט געשריען דער יונגער—הלואי וואָלט איך בעסער נישט געבוירן ווערן. דעמאָלט וואָלט איך מיינע שוועסטער און ברידער נישט אומגעבראַכט, און וואָלט נישט באַלעסטיקט די ליבע און גוטע נייטעטער און וואָלט נישט געדאַרפט הערן, ווי מען זידלט מיין מוטער, אַז זי איז אַ שלעכטע, אַז זי האָט נישט קיין האַרץ און אַז זי וואַרפט אַוועק אירע אייגענע קינדער...

די אַלטע קוקיקע האָט געשוויגן און טיפער אָנגעקוקט איר זון. און יענער האָט ווייטער געטענהט פון אַ העכערן צווייג:

—פאַרוואָס האָסטו נישט געבויט אַ נעסט, ווי אַנדערע אָנשטענדיקע פייגלעך? און פאַרוואָס האָסטו נישט אויסגעזעסן דיינע אייער און נישט געזאָרגט פאַר דיינע קינדער? פאַרוואָס, פרעג איך, פאַרוואָס?

די אַלטע קוקיכע האָט טרויעריק אַ שאָקל געטאָן מיטן גרויען קאָפּ.

—יעדער האָט זיין פּעקל צרות, מיין קינד,—האָט זי זיך אָנגערופן מיט אַ זיפץ,—און איך האָב אויך מיינס. גלויב מיר, אַז איך האָב עס געטאָן נישט פאַר נחת, חלילה. יאָ, דו וועסט עס אַליין אויספּרובן און אַליין איינזען, בעת דו וועסט זומערצייט ציען קיין דרום און וועסט זיך פאַרשאַפן אַ ווייב.

—צי מיינסטו, אַז איך וועל זיך אויך אַזוי אויפפירן, ווי דו? האָט דער יונגער קוקוק גיפטיק געפרעגט.

אָבער די אַלטע האָט געענטפערט:

—און צי מיינסטו, אַז איך וואָלט נישט ליבערשט געוואָלט אויסבויען אַן אייגן נעסט און האַלטן ביי מיר מיינע קינדער, ביז זיי וועלן אויסוואַקסן און נאָכדעם אַרויספליען אויף גאָטס וועלט? צי מיינסטו, אַז פון וואוילטאָג לייג איך מיינע אייער אין פרעמדע נעסטן און ווייס קיינמאָל נישט, וואָס מיט זיי איז געשען?

—אַדרבה, זאָג טאַקע, פאַרוואָס טוסטו עס אַזוי?—האָט דער יונגער בייז געפרעגט.

און די אַלטע האָט ביטער געענטפערט:

—איך קאָן נישט אַנדערש. דאָס איז דער טרויעריקער סוד פון אונזער מין. דו פאַרשטייסט, איך קאָן נאָר יעדן אַכטן טאָג לייגן בלויז איין איי. דערין ליגט מיין אומגליק. ווען דאָס ערשטע איי זאָל וואַרטן אויפן צווייטן, וואָלט עס זיכער פאַרפוילט געוואָרן. איך קען זיי דעריבער נישט אויסזיצן. איך מוז אָנקומען צו פרעמדע נעסטן...

דער יונגער האָט זיך אָבער נישט אונטערגעגעבן:

—פאַרוואָס זשע לייגסטו די אייער נישט שנעלער?—האָט ער געפרעגט מיט אַ טאָן פון אַ גזלן.—צי קענסטו עס נישט? דער צוינקעניג האָט געזאָגט, אַז דו ביסט פויל.

—אָך, יאָ,—האָט אָפּגעזיפצט די אַלטע,—איך וואָלט עס גערן געטאָן. איך וואָלט אַלץ אין דער וועלט אַוועקגעגעבן, אַבי איך זאָל נאָר קענען אַליין אויסהאָדעווען מיינע קינדער. אָבער אין

קען נישט. אין מיין גוף האָב איך בלויז פלאַץ פאַר איין איי, און יעדעס איי ברויכט גאַנצע אַכט טעג ביז עס ווערט פאַרטיק.
דער יונגער האָט אָנגעקוקט די אַלטע מיט חשד.
—איך גלויב דיר נישט,—האָט ער געזאָגט.—דאָס זיינען לויטער תירוצים. דער ביינטעטער איז אַ קליין פייגעלע און לייגט זיינע אייער מיט איין קלאַפּ.
די אַלטע האָט געענטפערט:
—יאָ, ער טוט עס אַזוי און אַז גוט און אַז וואויל איז אים, וואָס ער קאָן עס אַזוי. אָבער ער עסט נישט אַזעלכע גרויסע גיפטיקע ווערים, ווי מיר. זיי זיינען הויט און ביין און מיר זיינען דיק. מיר האָבן נישט קיין אָרט פאַר די אייער.
—אָבער איך גלויב דיר נישט,—האָט אַלץ געטענהט דער יונגער.

און די אַלטע האָט רואיק געענטפערט:
—דאָס איז אָבער אַן אמת. אַזוי קייטלט זיך עס איינס אינם אַנדערן. איינס איז אַ פועל־יוצא פונם אַנדערן, ווי דו זעסט. מען דאַרף עס נאָר פאַרשטיין, און דעמאָלט קאָן מען פאַרטראָגן אַפילו די שווערסטע צרה.
דער יונגער האָט געשוויגן, און די אַלטע האָט ווייטער געזאָגט:

—יאָ, אַזוי פּאַסירט עס עפּטער אויף דער וועלט. די לייט האָבן ליב צו ריידן און צו באַריידן. זיי פאַרשטייען עס אַזוי, און מען מוז זיי עס מוחל זיין. זיי פאַרשטייען גאָרנישט, אַז די פליכט פונם קוקו איז צו עסן גיפטיקע ווערים און זייער פליכט איז אויסצוזיצן זיינע אייער. יעדער האָט זיין פליכט און קיין שולדיקע זיינען נישטאָ. עס איז נאָר דאָ אַ פאַרדראָס: פאַרוואָס קאָן איך נישט זיין אַ מוטער איבער מיינע קינדער...
די זון איז שוין אונטערגעגאַנגען און אַ געדיכטער שאָטן איז געפאַלן אויף די ביימער.
ביידע קוקוקס זיינען נאָך לאַנג געזעסן און אַרומגערעדט ערנסטע פראַגן. דערנאָך זיינען זיי איינגעשלאָפן. דעם יונגן האָט זיך

געהלומט, אַז ער פליט אַרום מיט אַן איי אין שנאָבל און זוכט דאָס נעסט פון אַ שטיגליץ, בכדי עס אונטערצעוואַרפן. דער אַלטער האָט זיך געחלומט, אַז זי איז שוין פטור געוואָרן פון צו לייגן אייער, און דאַרף זיך מער נישט פלאָגן וועגן דעם גורל פון אירע אונטערגעוואָרפענע קינדער. זי איז שוין אַלט און האָט אויסגעלעבט אירע יאָרן.

באַגינען, בשעת אַ רויטע זון איז אויפגעגאַנגען און האָט אָפּגעגאָסן די וועלט מיט פרישן רויטן ליכט, האָט דער יונגער געעפנט די אויגן און אַ קוק געטאָן אויף זיין מוטער, וואָס האָט שוואַך געדרעמלט, ווי אַ זקנה.

—מאַמע, איך בין דיר מוחל,—האָט ער זיך שטיל און ווייך אָנגערופן צו איר און האָט אויפגעהויבן די פליגלען.—איך בין דיר מוחל, מאַמע...

און ער איז אַוועקגעפלויגן אינם רויטן ליכט פון באַגינען.

דער בעז.

מיטן בעז איז געשען אַ צרה.
ס'איז געווען אַ שטיל וועטער און דאָך האָבן אַלע צווייגן און בלעטער זיך געטרייסלט ווי אין אַ קדחת, אַזוי, אַז אָנ־קוקנדיק זיי, האָט אָנגעהויבן צו שווינדלען דער קאָפּ.
דער בוכפינג האָט זיך אַריינגעזעצט, ווי געוויינלעך, אין קוסט כדי צו כאַפּן אַ דרעמל, אָבער דער צווייג, אויף וועלכן ער איז געזעסן, האָט זיך אַזוי געוואָרפן, אַז ער האָט נישט געקאָנט צומאַכן מיט אַן אויג, און געמוזט אַוועקפליען פון דאָרט. ער האָט אַפילו געפרעגט זיין אשה, וואָס ס'האָט דאָ געקאָנט פּאַסירן מיט דעם תמיד שטילן רואיקן קוסט, אָבער אַזוי ווי יענע איז געזעסן אויף אירע אייער, איז איר נישט געלעגן אין קאָפּ צו ענטפערן. דעמאָלט האָט ער אַ פרעג געטאָן ביי אַ באַקאַנטן פייגל מכוח דעם, און יענער האָט זיך געקראַצט ביים שוואַרצן טשובל און לאַנג געשאָקלט מיטן קאָפּ.
—איך פאַרשטיי נישט די בעז־שפּראַך,—האָט ער געזאָגט.—ס'האָט

אָבער געוויס עפּעס פּאַסירט. איך האָב עס באַמערקט שוין הײַנט אינדערפֿרי, בעת איך בין געזעסן אויפֿן שפּיץ און געזונגען.

מיט דידאַקטיק: ווערטער האָט זיך דער באַקאַנטער פֿייגל אַני־דערגעזעצט נעבן בוכּפֿינג, און ביידע האָבן מיט אויסגעגלאָצטע אייגלעך באַטראַכט דעם אויסטערלישן בעז־קוסט.

דאָס גאַנצע אומגליק איז באַשטאַנען דערין, וואָס דער וואָרצל איז מיט אַמאָל ברוגז געוואָרן.

—איך מוז ליגן אינדערפֿינסטער און האָרעווען פֿאַר דער גאַנ־צער פֿאַמיליע,—האָט ער געוואָרטשעט.—אויף מיר אַליין פֿאַלט די גאַנצע אַרבעט. איך דאַרף געבן צו עסן די צווייגן, די בלעטער און בליאונג און איך דאַרף זיי נאָך אײַנהאַלטן, אַז דער ווינט זאָל זיי נישט אַוועקטראָגן. אָבער צי פֿאַלט זיי אײַן אַמאָל, אַז עס איז דאָ אַ וואָרצל אויף דער וועלט, וואָס ליגט אינדערפֿינסטער און פֿראַצעוועט פֿאַר זיי אַלעמען? צי פֿאַלט זיי אײַן אַמאָל, אַז אויך דעם וואָרצל, דעם אײביקן קנעכט, קאָן אויך נמאס ווערן זײַן שווערע פֿראַצע? איך הער, ווי זיי ריידן אויבן פֿון פֿרילינג און זון און גאָלדן ליכט, אָבער איך האָב זיי קיינמאָל נישט געזען פֿאַר מײַנע אויגן. איך ווייס צו־מאָל נישט, וואָס דאָס איז בכּלל. איך ווייס נאָר, אַז אין פֿרי־לינג באַקומען זיי אַ געוואַלדיקן אַפּעטיט. ווינטערצײַט איז פֿאַר מיר אַ גן־עדן. דעמאָלט דאַרף איך מיך נישט אַרויסשלאָגן פֿון די כּוחות, און מען ליגט אין דער וואַרם רואיק, שטיל, אַ מחיה. ווערט אָבער וואַרם און שיין, הויבט זיך אָן פֿאַר אונז, אָרעמע וואָרצלען, אַ קאַטאָרגע־אַרבעט.

—גראָב זיך אײַן טיף אין דער ערד, דו אַלטער נאַרישער וואָרצל!—האָבן געשריען די צווייגן.—עס קומט אַ ווינט, אפשר גאָר אַ שטורם.

—עסן גיב אונז, דו שוואַרצער נאַר!—האָבן געשעפּטשעט די בלעטער,—מיר ווילן עסן.

און די בלומען האָבן אויפֿגעהויבן אַ זמרל, אַז זיי ווילן רעגן פֿון אויבן און זאַפּט פֿון אונטן.

—צי האָב איך עס נישט געזאָגט,—האָט דער וואָרצל געוואָר־טשעט,—אַז אויף מיר ליגט די גאַנצע אַרבעט? אָבער ס׳מוז נע־מען אַ סוף דערצו. איך וויל אַרויס פון דערפינסטער און איך הנאה האָבן פון דער זון און פון רעגן. זאָלן זיי זען, אַז איך בין נישט ערגער פון זיי. גענוג מיר צו פּראַצעווען פאַר נאַ־רישע צווייגן. גענוג מיר צו אַרבעטן פאַר אַזעלכע ליידיקגייער. איך וויל אויך אַמאָל מאַכן אַ יום־טוב. גענוג! גענוג! גענוג!

—מיר זיינען ליידיקגייער!—האָבן געשריען די צווייגן.—וואָס רעדסטו, דו נאַרישער וואָרצל? מיר אַרבעטן נישט ווייניקער ווי דו!

—איר?—איז דער וואָרצל געשפּרונגען פון דער הויט.—אַדרבא, לאָמיר הערן.

די צווייגן האָבן ווייטער געזאָגט:

—מיר אַרבעטן דעם גאַנצן טאָג אַרויסצושטעלן די גרינע בלע־טער אויף דער זון. מיר מוזן זיך אויסשפּרייטן אין אַלע זייטן, אַז דאָס גאַנצע געזינדל אונזערס זאָל געניסן פונם זונליכט. אויב דו וואָלסט געקענט אַרויס פון דערפינסטער, וואָלסטו אַליין איינגעזען, אַז מאַנכע פון אונז האָבן שוין אויסגעבויגענע רוקנס פון גרויס פּראַצע. אויב דו זוכסט שוין יאָ אויסצולאָזן דיין כעס, טאָ לאָז אים אויס צו די בלעטער, וועלכע זיינען אמתע ליידיקגייער און לא־יוצלחס.

דער וואָרצל האָט זיך אַ ביסל באַדאַכט און ביי אים איז גע־בליבן, אַז די צווייגן זיינען גערעכט. דעמאָלט איז ער אַרויפ־געפאַלן אויף די בלעטער מיט גרויס רציחה און זידלערייען.

—ווי לאַנג, מיינט איר, וועל איך זיין אייער משרת, האַ?—האָט ער זיך צעלאָזט אויף אַ קול.—איר זאָלט וויסן, ליידיקגייער, וואָס איר זייט, אַז איך הער אויף צו אַרבעטן. דערנערט אייך אַליין און לאָזט מיך געמאַך!

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, זיינען די צווייגן אויך אַרויפגע־פאַלן אויף די בלעטער:

—דער וואָרצל איז גערעכט. איר מוזט אייך עפּעס טאָן און נישט ליגן אויף אונזער קאַרק. שוין גענוג פאַר אונז צו זיין אייערע משרתים, אייערע אומזיסטע קנעכט!
און זיי האָבן געשאָרכעט און געקנאַקט, כדי בעסער צו באַטאָנען זייערע ווערטער.
דעמאָלט האָבן זיך אויפגעכאַפּט די בלעטער, אַלע ווי איינס.

—זיי שטיל, דו שוואַרצער וואָרצל!—האָבן זיי געשריען,—און איר לאַנגע צווייגן מאַכט נישט אַזאַ אָנשטעל! שרייט נישט אַזוי הויך, אַז אַלע זאָלן הערן, וואָס פאַר טפּשים איר זענט. צי מיינט איר באמת, אַז מיר האָבן נישט קיין אַרבעט, אַזוי גוט ווי איר?
—אדרבא, לאָמיר הערן!—האָבן זיך אָנגערופן די צווייגן און זיך אויסגעצויגן.
—אדרבא, זאָגט, זאָגט, וואָס טוט איר, ליידיקגייער, פרעסער!—האָט דער וואָרצל געכעסט און זיך געהאַלטן אַזוי שטייף, ווי ער האָט נאָר געקאָנט.
—צי ווייסט איר, אַז מיר גרייטן צו דאָס עסן פאַרן גאַנצן געזינדל?—האָבן גערוישט די בלעטער.—צי מיינט איר, אַז אַנשטענדיקע לייט קענען עסן רויע פּראָדוקטן, וואָס דער וואָרצל נעמט פון דער ערד און פירט זיי אַרויף אויבן דורך די צווייגן? ווען מיר באַקומען דידאָזיקע פּראָדוקטן, לייגן מיר זיי אַוועק אויפן קוימען און קאָכן זיי אַזוי לאַנג מיט זונשטראַלן, ביז זיי ווערן פאַרטיק. צי הייסט דאָס נישט קיין אַרבעט, פרעגן מיר אייך?
די צווייגן האָבן באַלד פאַרלאָרן די חוצפּה און דאָס לשון.

—יאָ...—האָבן זיי געשטאַמלט און געקנאַקט אַזוי ווי פאַרשעמט.—אפשר זענט איר גערעכט...
דער וואָרצל האָט זיי תּחילת אַפילו נישט אַזוי גוט תּופס געווען. דער ענין קאָכן, זונשטראַלן איז פאַר אים נישט אַזוי קלאָר געווען, אָבער צולעצט איז ער אויך געבליבן שטום: ער האָט נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן.

אַ ביסל שפּעטער האָבן די בלעטער אויפסניי געשעפּטשעט:

—אויב איר ווילט זיך דווקא זידלען, פאַרוואָס שווייגט איר די בלומען? דאָס זיינען דאָך נישט מער ווי ליידיקגייער, פּראַנט־לעך, וואָס זיצן אויסגעפּוצט אויפן סאַמע שפּיץ קעגן דער זון. זיי וואָלט גאָרנישט שאַטן אַריינצושיטן אַ פיינע פּאָרציע, אַז זיי זאָלן זי געדיינקען אויף דור־דורות...
—איר זייט גערעכט,—האָבן אַ קנאַק געטאָן די צווייגן.—מיר האָבן נאָר פאַרגעסן, אַז דאָס זיינען די אמתע אומזיסטע פּרעסער...

—יאָ, יאָ, מען באַדאַרף זיי גוט אָנלערנען!—האָט אונטערגעכאַפּט דער וואָרצל.—מיר ווען עס מער נישט דערלאָזן. זייט זיך מטריח, איר פוילע אויסגעפּוצטע בלומען, איר נאַרישע פּראַנט־לעך און זאָרגט אייך אַליין פאַר זיך! פאַר וואָסערע מעשים־טובים זאָלן מיר האָרעווען פאַר אייך?
שיינע, אויסגעפּוצטע און וואוילשמעקנדיקע, זיצנדיק אויף די בעסטע ערטער פונם קוסט, האָבן די בלומען זיך רואיק צוגע־הערט צו די דראָענדיקע טענות פון וואָרצל. דריי מאָל האָט דער וואָרצל געשריען צו זיי און דריי מאָל האָבן די בלומען נישט געענטפערט. צולעצט האָבן זיי שטיל און צאַרט אויסגע־זונגען:

אונזער חלום איז געוועבט
פון זון און ליכט...

—יאָ, יאָ, איר האָט געחלומט!—האָבן די בלעטער איראָניש גע־שאָכעט.—און דאָס הייסט ביי אייך אַרבעט, פּראַנטלעך!
אָבער די בלומען האָבן ווייטער געזונגען:

אין אונזער חלום ליגט דאָס גליק
פון אונזער שטאַם!
עס לעבט אין אונז אַ נייער דור
פון אונזער שטאַם!
געבענטשט זאָל זיין די זון, דאָס ליכט
פאַר אונזער שטאַם!

מיר זינגען אויס אַן אייביק ליד
צו אונזער שטאַם!

—פוסטע פראַנטן!—האָבן געשאָרכעט די בלעטער.
—נאַרישע פראַנטן!—האָבן געקנאַקט די צווייגן.
—שווייגן זאָלן זיי!—האָט געוואָרטשעט דער וואָרצל.

אַלע זיינען געווען איינשטימיק, אַז ס'איז די גרעסטע עולה צו האָרעווען ווייטער אויף די פוילע בלומען, וואָס זיינען נישט מער, ווי אויסגעפוצטע נאַרישע פראַנטן. און אַלע צוזאַמען האָבן גערוישט און געשאָרכט און געקנאַקט און געברומט און געוואָרטשעט פון פאַרדרוס און ערגערניש.

אָבער די בלומען האָבן ווייטער צאַרט געזונגען:

מיר וועלן חלומען אין זון
און צאַרטע ריחות לאָזן שפרייטן
אונטער הימל אונטער ברייטן—
מיר וועלן חלומען אין זון...

* *
*

דער זומער איז אַוועק און עס האָט זיך אָנגערוקט דער הערבסט.

די יונגע גרינע צווייגן האָבן אָנגעטאָן זייער ווינטערמלבוש. די בלעטער אָבער האָבן עס נישט געהאַט. דאָס האָט זיי פאַרשאַפט אַזויפיל קריינקונג און צער, אַז זיי האָבן באַקומען געלזוכט און זיינען געשטאָרבן. איינס נאָכן אַנדערן זיינען זיי אַראָפגעפאַלן אויף דער ערד, ביז דער אַלטער שוואַרצער וואָרצל איז אינגאַנצן פאַרדעקט געוואָרן מיט אַ קופּע פאַרוויאַלעטע בלעטער.

די בלומען זיינען שוין לאַנג פאַרשוואונדן געוואָרן. אויף זייער אָרט זיינען געזעסן משונהדיקע מאוסע באַשעפעניש, וועלכע האָבן גערוישט אין ווינט, און בעת דער ערשטער ווינטערשטורעם האָט פאַרכאַפּט דעם בעז־קוסט, זיינען זיי אַלע ביז איינעם אַראָפּגעפאַלן און געבליבן זיינען בלויז פוילע נאַקעטע צווייגן.

—ווײַ־ווײַ!—האָבן געקרעכצט די צווייגן.—מיר וואָלטן זיך איצט געביטן מיט דיר, אַלטער, שוואַרצער וואָרצל. אין דער ערד איז דיר וואַרעם און גוט.

דער וואָרצל האָט זיי אָבער נישט געענטפערט, ווייל ער איז געווען פאַרטיפט אין זיינע רעיונות. האַרט נעבן אים איז גע־לעגן עפּעס אַ משונהדיקע בריאה, און ער האָט נישט געוואוסט, ווער זי איז און וואָס זי איז.

—פון וואַנען קומסטו אַהער?—האָט געפרעגט דער וואָרצל.

זי האָט אָבער נישט געענטפערט.

—צי קענסטו נישט ענטפערן, בעת אָנשטענדיקע לייט ריידן צו דיר?—האָט דער וואָרצל האַרב געפרעגט.—מיר זיינען דאָך שכנים און דאַרפן זיך באַקענען.

אָבער די אויסטערלישע בריאה האָט ווייטער געשוויגן. דעמאָלט האָט דער וואָרצל זיך באַליידיקט, וואָס דאָס געשיט נישט אָפּט מיט אַ וואָרצל, און האָט אַ גאַנצן ווינטער מער נישט פאַרפירט קיין שמועס מיט איר.

אַז דער ווינטער איז אַוועק און דער פרילינג האָט ווייך און זיס אַרומגעכאַפּט די ערד, איז די קליינע בריאה אַזוי ווי אָנ־געשוואָלן געוואָרן, און איינמאָל האָט דערפון אַרויסגעשלאָגן אַ גרין שפּראָצל.

—גוט מאָרגן!—האָט דער וואָרצל געזאָגט—ברוך הבא! אפשר פּאַסט דיר איצט צו ענטפערן אויף דער שאלה, וואָס איך האָב דיר געפרעגט נאָך מיט אַ האַלב יאָר צוריק?—ענטפער, מיט ווע־מען האָב איך דעם כבוד צו ריידן?

—איך בין דער חלום פון די בלומען...—האָט שטאָלץ געענטפערט דאָס בריאהלע.—איך בין אַ זוימענקערנדל, און דו ביסט אַ שוטה!

דער וואָרצל האָט זיך באַדאַכט אַ ווײַלע. דאָס, וואָס מען האָט אים גערופן שוטה, האָט אים ווייניק געאַרט. ווען מען איז אַ וואָרצל, מוז מען קענען פאַרטראָגן אַ באַליידיקונג. ער האָט אָבער בשום אופן נישט פאַרשטאַנען, וואָס הייסט עס אַ בלומען־

חלום און דעריבער האָט ער געבעטן, מען זאָל עס אים בעסער אויסטייטשן.

—איך זע, אַז די ערד איז נאָך צו האַרט פאַר מיר, איך זאָל זי קענען אַדורכבּרעכן,—האָט דאָס זוימענקערנדל זיך אָנגערופן,— און דעריבער קאָן איך נאָך אַ ביסל שמועסן מיט דיר. הער זיך איין! בעת איר זייט פאַראיאָרן זומער אַזוי באַפאַלן די בלומען, בין איך געלעגן אין אַ בלי־שעלכל און זיך צוגעהערט צו די געשרייען. איך האָב אייך דעמאָלט שטילערהייט אויסגעלאַכט, אָבער אַריינוואַרפן אַ וואָרט האָב איך נישט געטאָרט, מחמת איך בין געווען נאָך צו יונג.

—און איצט ביסטו שוין אויסגעוואַקסן און מעגסט שוין ריידן, וואָס דיר פאַלט איין?—האָט דער וואָרצל גראָב געפרעגט.

—איצט בין איך שוין גענוג גרויס און קען מיך אַוועקשטעלן אויף די אייגענע פיס...—האָט דאָס זוימענקערנדל געענטפערט, און בעת־מעשה האָט עס אַריינגעלאָזט אַ דין קליין וואָרצעלע אין דער ערד.—איצט האָב איך מיין אייגענעם וואָרצל, און דאַרף דיר נישט ענטפערן אויף דיין חוצפה און גראָבקייט.

דער אַלטער וואָרצל האָט זיך געחדושט און גאָרנישט געענטפערט.

דאָס בריאהלע האָט זיך ווידעראַמאָל אָנגערופן:

—ניין, איך וויל נישט זיין אַזוי גראָב ווי דו, ווייל דו ביסט דאָך אייגנטלעך מיין פאָטער...

—דיין פאָטער?—האָט דער וואָרצל געזאָגט און איז געבליבן זיצן אַזוי ווי פאַרשטיינערט.

נאַטירלעך, איר זענט אַלע מיינע עלטערן. דו האָסט אַרויסגעצויגן פאַר מיר נערונג פון דער ערד און די בלעטער האָבן זי אויפגעקאָכט ביים זונליכט. די צווייגן האָבן מיך אַרויפגעהויבן צו דער לופט און צום ליכט, און די בלום האָט מיך געוויגט אין איר טיפן שעלכל און האָט איר חלום איינגערוימט די בינען און אויער אַריין, אַז זיי זאָלן אים איבערגעבן אַנדערע בעז־בליעכטסן... יעדער פון אייך האָט מיר עפּעס געגעבן

אַ מתּנה—און מיין לעבן איז געווען אָפּהייננגיק פון אייך...
איצט האָט דער וואָרצל געהאַט געגוג צו טראַכטן איבער דעם, וואָס ער האָט געהערט. מיט זיינע רעיונות איז ער ערשט פאַר־טיק געוואָרן אינמיטן זומער. אָבער בעת זיין פאַרשטאָפּטער קאָפּ האָט שוין אַלץ תּופס געווען, ווי געהעריק, האָט ער זייער העפלעך אַ פרעג געטאָן די צווייגן, צי ס׳שטייט נישט נעבן זיי אַ קליין באַחנט בעז־ביימעלע.
—יאָ,—האָבן געענטפערט די צווייגן.—אָבער האַלט זיך פעסט אין דער ערד. עס בלאָזט אַ שטאַרקער ווינט, וואָס קאָן אונז אַלעמען אומוואַרפן.
—זאָרגט נישט!—האָט דער וואָרצל מונטער צוגעוואָרפן.—איך וועל אייך האַלטן פעסט. איך האָב אייך נאָר געוואָלט אָנזאָגן, אַז דאָס קליינע שיינע ביימעלע איז מיין קינד...
—כאַ־כאַ,—האָבן זיך די צווייגן צעלאַכט.—צי מיינסטו באמת, אַז אַזאַ אַלטער שוואַרצער וואָרצל, ווי דו, קאָן האָבן אַזאַ באַחנט קינד? ס׳איז אַזוי צאַרט, אַזוי פריש און אַזוי גרין, ווי דו קאָנסט זיך גאָרנישט משער זיין.
—ס׳איז דאָך אָבער מיין קינד!—האָט דער וואָרצל געטענהט דאָס זייניקע.
און ער האָט דערציילט די צווייגן, וואָס ער האָט געהערט פונם זומערנקערנדל און די צווייגן האָבן דאָס אייגענע פאַרציילט די בלעטער.
און דעמאָלט האָבן זיך אַלע אָנגערופן:
—אויב אַזוי, זיינען מיר אַלע איין גרויסע משפחה, וואו יעדער האָט זיין אַרבעט.
און נאָכדעם האָבן זיי געפּליסטערט:
—שאַ... שטיל... שטילער... לאָמיר נישט שטערן די בלומען אין זייער חלום.
און דער אַלטער וואָרצל האָט געאַרבעט מיט אַלע כּוחות אַרויס־צוציען וואָס מער זאַפטן פון דער ערד, און די צווייגן האָבן זיך באַוועגט און אויסגעדרייט אין אַלע זייטן צו באַקומען מער לופט און ליכט, און די בלעטער האָבן זיך געוויגט אין וואַ־

רעמען זומערווינט און בעת־מעשה געקאַכט און געזאָדן און גע־
בראָטן דאָס שפּייז, ווי טויזנטער קליינינטשקע קיכעלעך.
און אויבן, אויפן סאַמע שפּיץ זיינען געזעסן די בלומען און
האָבן געחלומט און שטיל־שטיל צוגעזונגען:

בלעטער פאַל, בלעטער שטאַרב:
אָבער נייע קומען אויף.
נייע בלעטער־לעבנס שפּראָצן
נאָך אַ לאַנגן ווינטער־שלאָף.
זע, דער פרילינג שפּילט אין דרויסן,
ווינטלעך יאָגן זיך אַרום,
גלעטן צווייגן, האַלזן ביימער
און זיי קושן זיס די בלום...

דער רעגנוואָרם און דער באָטשאַן.

אינמיטן אַ גאָרטן איז געשטאַנען אַן אַלט פֿאַרלאָזט הויז און אַרום גאָרטן האָבן זיך אויסגעשפּרייט גרינע לאָנקעס אַזוי ווייט, ווי דאָס אויג האָט נאָר געגרייכט.

דאָס הויז איז געווען געדעקט מיט שטרוי, און באַוואַקסן אַרום און אַרום מיט ווילדע ווייַנטרויבן. די צווייגן האָבן זיך געפלאָכטן איבערן דאַך ביזן קוימען און אַראָפּגעהאַנגען פֿון אים ווי געדיכטע גרינע לאָדנס פֿאַר די פֿענסטער, אַזוי אַז קיין שום ליכט האָט נישט געקאָנט אַרייַנדרינגען אינעווייניק אין שטוב.

דאָך האָט עס קיינעם נישט געשטערט, מחמת קיינער האָט נישט געוואוינט אינם אַלטן הויז.

מיט אַ סך יאָרן צוריק האָט דאָ געוואוינט אַ גלח, אָבער נאָכדעם, ווי זיין ווייב און צוויי קליינע קינדער זיינען אים געשטאָרבן, ווייל זיי האָבן נישט געקאָנט פֿאַרטראָגן די פֿייכטקייט, האָט ער אויך פֿאַרלאָזט דאָס הויז און פֿון דעמאָלט אָן האָט קיינער דאָרט נישט געוואָלט וואוינען.

די ווענט זיינען געווען האַלב פאַרשימלט, דער קעלער האָט אָנגעקוואָלן מיט וואַסער און די פאָדלאָגע איז שוין לאַנג פאַר־פוילט און צעלעכערט געוואָרן.

די ביימער אין גאָרטן האָבן געוואַקסן ווילד, אָן שום השגחה, און די וועגן זיינען אַזוי ווי פאַרטרונקען געוואָרן מיט געדיכטן גראָז.

אויף די לאָנקעס האָבן זומערצייט זיך געפּאַשעט בהמות, האָבן געפרעסן גראָז און געריטשעט, און די פראָשן האָבן עפּטער געקוואַקעט אין די טיפע גריבער. נאָנט צו הערבסט זיינען גע־קומען די אַרבעטער פון דערבייאיקן הויף, האָבן אָפּגעקאָשעט דאָס גראָז, אויפגעשטעלט הויכע היי־סטאָגעס און עס אַוועקגע־פירט.

נאָכדעם איז צוגעפאַלן דער הערבסט, דער ווינט האָט געראַשט און די בלעטער אין גאָרטן זיינען אַראָפּגעפאַלן פון די ביימער. נאָכן הערבסט איז געקומען דער ווינטער און אַ ווייסער שניי האָט באַדעקט דאָס אַלטע טויטע הויז און די ברייטע לאָנקעס.

אָבער נאָכדעם, ווי דער שניי האָט געשמאָלצן, זיינען די לאָנ־קעס ווידער גרין געוואָרן. פון הימל האָט אַראָפּגעשמייכלט אַ גאָלדענע זון, און אין לופטן האָט ברייט געפליגלט דער באָ־טשאַן.

ער האָט געהאַט זיין נעסט אויפן דאַך פון אַלטן הויז און איז געבליבן אין זיין דירה אויך נאָכדעם, ווי דער גלח האָט זיך אַרויסגעצויגן. די פייכטקייט האָט נישט דערגרייכט אַזוי הויך, און ער איז גאַנץ צופרידן געווען מיט דער וואוינונג.

דאָס הויז איז אַזויאַרום געווען אינגאַנצן זיינס, און אין ערגעץ וואָלט ער נישט געפונען אַזויפיל פראָשן ווי אין די אַרומיקע לאָנקעס. ער האָט זייער גוט געוואוסט, אַז קיין שום באָטשאַן פאַרמעגט נישט אַזאַ גוטע דירה, ווי ער, און דעריבער האָט ער זיך יעדן פרילינג זייער געאיילט צו קומען, כדי אַן אַנדער באָטשאַן זאָל אים נישט אויסכאַפּן זיין וואוינונג.

אין אַ שיינעם זומערטאָג איז ער געקומען פון אַ ווייטן שפּאַציר

איבער די לאָנקעס און האָט געטראָגן אין שנאָבל פינף פראָשן מיט אַ האַלבער שלאַנג פאַר זיין ווייב און קינדער. צוויי פראָשן און אַ האַלבע שלאַנג האָט ער אַליין אויפגעגעסן. ער איז געוועזן זאַט און זייער גוט געשטימט.

אָבער אויפן גאָרטן־וועג האָט ער זיך פלוצלונג אָפּגעשטעלט, ער האָט באַמערקט אַ גרויסן רעגנוואָרם, וואָס האָט זיך געדרייט און געצאַפּלט אויף דער ערד.

—דו האָסט פּחד?—האָט געפרעגט דער באָטשאַן.

—האָט רחמנות, אייער וואוילגעבוירן, ווער איר זאָלט נישט זיין!—האָט דער וואָרם געבעטן רחמים און זיך נאָך מער געדרייט ווי פריער.

—דו קאָנסט דאָך זען, ווער איך בין,—האָט געענטפערט דער באָטשאַן.

—אוי, ניין,—האָט דער רעגנוואָרם געזאָגט,—איך קאָן נישט זען, איך בין בלינד. אָבער איך האָב אייך געהערט גיין און האָב מיך אַזוי דערשראָקן, אַז איך קען נישט געפינען מיין קליין נאָרעלע.

דעם באָטשאַן האָט שטאַרק אימפּאָנירט דער דאָזיקער פּחד. ער האָט אַוועקגעלייגט די האַלבע שלאַנג אויפן גראָז, האָט זיך אַ קראַץ געטאָן, און זיך אַוועקגעשטעלט אויף איין פוס, וואָס פאַר אַ באָטשאַן איז עס דאָס אייגענע, ווי ביי אונז מענטשן פאַרלייגן די הענט אויף דער ברוסט.

איך בין דער באָטשאַן!—האָט ער געזאָגט און פאַרוואָרפן שטאָלץ מיטן קאָפּ.

—אָך, מיין גאָט!—האָט אויסגערופן דער וואָרם.

—דו קענסט מיך דען?—האָט געפרעגט דער באָטשאַן.

—צי זאָל איך נישט קענען דעם חשובסטן פייגל אין לאַנד?—האָט דער רעגנוואָרם מיט גרויס פּחד געהנפעט.—די פראָשן ציטערן דאָך פאַר אייך אין זייערע גריבער און די שלאַנגען מאַכן הענדום־פענדום פליטה, ווען זיי דערשפירן אייער ריח. אָך, איר האָט שוין געווים אויפגעגעסן הונדערטער פון מיינע ברידער.

דער באָטשאַן האָט שטאָלץ געזאָגט:

—יאָ, איך האָב זיי געגעסן, ווען ס׳איז נישט געווען עפּעס בעסערס, און ביי אַ געלעגנהייט וועל איך דיך אויך נישט פאַרשוינען.. אָבער איצט בין איך זאַט. דו האָסט מזל.

—איך דאַנק טויזנט מאָל אייער הויכוואוילגעבוירן!—האָט ווייטער געהכנפעט פון פּחד דער רעגנוואָרם.—אַך, איך האָב אַזויפיל געהערט פון אייך! די מענטשן האַלטן פון אייך מער ווי פון אַלע אַנדערע פייגל, ווייל איר ברייגנט זיי די קליינע קינדער. איז עס וואָר?

—נאַ—אַ!—האָט געזאָגט דער באָטשאַן אַ ביסל פאַרלעגן און אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד זיין אויפגעהויבענעם פוס.—דאָס איז אַ ביסל אַ גוזמא, און צוריקגערעדט, זאָלן זיי זאָגן, וואָס זיי ווילן, מיר גייט עס נישט אָן!..

דער רעגנוואָרם איז דערווייל פאַרקראָכן אין אַ זייט.

—וואוהין קריכסטו, חברהמאַן?—האָט דער באָטשאַן געפרעגט און אַ האַק געטאָן אים מיטן שנאָבל איבערן רוקן.

—אוי, אוי, האָב רחמנות!—האָט זיך דער וואָרם צעוויינט.—איך האָב נאָר געוואָלט גיין אין מיין לאָך. איך האָב קיין צייט נישט אַרומצוגיין ליידיק, און, אגב, וואָלט איך זייער נישט געוואָלט באַלעסטיקן אייער הויכוואוילגעבוירן.

—איך מיין, אַז אַזוי לאַנג ווי איך האָב צייט, האָסטו עס אויך,—האָט דער באָטשאַן געזאָגט.—איך בין דיר מבטיח, אַז דו וועסט בלייבן לעבן. דאַרפסט וויסן, אַז איך בין אַן איידלמאַן און האַלט וואָרט. אָבער דיין גליק גילט נאָר בלויז היינט, דאָס הייסט כל־זמן איך בין נישט הונגעריק.

איר זייט זייער גרויסמוטיק,—האָט דער רעגנוואָרם מיט גרויס הכנעה אָפּגעקרעכצט.

דער באָטשאַן האָט זיך לאַנגזאַם דורכגעשפּרייזט. ער האָט פאַרוואָרפן דעם קאָפּ, אַרויסגעשטעלט די ברוסט און זייער הויך אויפגעהויבן אַ פוס. באַלד דערויף אָבער איז אים איינגעפאַלן, אַז דער רעגנוואָרם איז בלינד און זעט אים נישט. און ער איז געבליבן שטיין אין אַ געוויינלעכער וואַכעדיקער פּאָזע. אין דעם מאָמענט האָט אים דאָס ווייב אַ רוף געטאָן פון נעסט, אָבער

ער האָט איר נישט געענטפערט און האָט בלויז אַ קלאַפּ גע־
טאָן מיטן שנאָבל.
—איר זאָגט עפּעס, אייער הויכוואוילגעבוירן?—האָט דער וואָרם געפרעגט.
—איך האָב גערעדט עגיפּטיש מיט מיין ווייב,—האָט דער באָ־
טשאַן זיך אָנגערופן.—מיר באַזיצן אין אַפריקע אַ גוט. צווישן זיך ריידן מיר תּמיד עגיפּטיש. דאָרט איז טויזנט מאָל שענער ווי דאָ, און ווען נישט די קינדער, וואָלטן מיר דאָרט שטענ־
דיק געוואוינט. אָבער דו פאַרשטייסט דאָך גאָרנישט, וואָס איך רייד. האָסטו אַמאָל געמאַכט אַ נסיעה איבער דער וועלט?
—אָ, ניין,—האָט דער רעגנוואָרם געענטפערט.
—וואו זשע וואוינסטו ווינטערצייט?
—איך וואוין דאָ.
—אוי־וואַ!—האָט זיך דער באָשטאַן געחדושט.—ס׳מוז זיין זייער פּאַסקודנע צו קריכן אין אייז און שניי. דיר ווערט גאָרנישט קאַלט אין די פיס?
—איך האָב נישט קיין פיס,—האָט דער רעגנוואָרם געענטפערט.—און אויב עס ווערט קאַלט, פאַרגראָב איך מיר טיף אין דער ערד.
דער באָטשאַן האָט אים אָפּגעמאָסטן מיט זיין בליק און געזאָגט:

—איך ווייס נישט, צי ס׳פּאַסט פאַר מיין כבוד צו פאַרברייגגען מיט דיר... האָסטו עפּעס אַ ראַנג?
—אַ ראַנג?—האָט דער וואָרם איבערגעפרעגט פאַרחדושט.—וואָס איז דאָס אַזוינס? איך בין אַ פליייסיקער אַרבעטער און נישט מער. צי איז דאָס אַ ראַנג?
דער באָטשאַן האָט זיך שטאַרק צעלאַכט, און דער וואָרם האָט זיך אָנגערופן זייער פאַרשעמט:
—איך האָב מיך אודאי נישט אָנשטענדיק אויסגעדריקט... אָבער וויסן זאָלסטו, אַז איך בין דאָ אויפן פּלאַץ דער עלטסטער רעגנוואָרם. איך געדיינק נאָך אַפילו די צייט, ווען דער גלח האָט דאָ געוואוינט.

—פששש...—האָט זיך געחדושט דער באָטשאַן,—דו ביסט, אַלזאָ, דער ראש אין דיין משפחה. דאָס איז שוין נישקשה. מעג איך מיט דיר אַ ביסל שמועסן, אָבער איך בין דיר מתרה, אַז אונזערע פאַמיליעס טאָרן נישט פאַרקערן צווישן זיך.

—איך האָב בכלל נישט קיין פאַמיליע,—האָט דער רעגנוואָרם באַמערקט.

—האָסט נישט קיין פאַמיליע?—האָט דער באָטשאַן ממש געגאַפט און ברייט אויפגעריסן זיין שנאָבל.

און דער וואָרם האָט ווייטער געזאָגט:

—איך ווייס נישט, וואו מיין פרוי און קינדער זיינען. מיינע עלטערן האָב איך קיינמאָל נישט געזען, מיינע שוועסטער און ברידער וואָלט איך קיינמאָל נישט דערקענט, ווען איך וואָלט מיך אַפילו געטראָפן מיט זיי...

דער באָטשאַן האָט אויפגעהויבן אַ פוס און שטאָלץ אַרויסגערוקט די ברוסט.

—שיין פירן זיך אויף די נידריקע קלאַסן, מען קאָן נישט זאָגן!—האָט ער אַ טראַכט געטאָן און באַלד דערויף זיך אָנגערופן:

—מער קאָן איך מיט דיר נישט פאַרברייינגען. אַ גוטן טאָג! איך וועל אפשר קומען נאָכאַמאָל. אָבער היט זיך פאַר מיר, ווען איך בין הונגעריק.

און מיט דידאָזיקע ווערטער איז דער באָטשאַן אַוועקגעפלויגן אויפן דאַך פונם אַלטן הויז. דער רעגנוואָרם, ווידער, איז הענדום־פענדום אַריינגעקראָכן אין זיין לאָך.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט דער באָטשאַן ווידער געשפּאַצירט איבער די גאָרטנאַלייען, וואו ער האָט געשמועסט מיטן רעגנוואָרם.

—רעגנוואָרם!—האָט ער גערופן, אָבער קיינער האָט אים נישט געענטפערט.

—רעגנוואָרם, קום אַרויף! איך וויל מיט דיר אַ ביסל שמועסן!—האָט ער ווידעראַמאָל גערופן.

—איך האָב אָבער מורא!—האָט אַרויסגעשריען דער רעגנוואָרם פון זיין לאָך.

איז דער באָטשאַן אַריינגעפאַלן אין גרויס גרימצאָרן און האָט געקלאַפּט מיט זיין גרויסן שנאָבל איבער דער ערד אַזוי שטאַרק, ווי ער האָט נאָר געקאָנט. דער וואָרם איז דאָך אַרויסגעקראָכן און זיך גענומען דרייען פאַר זיינע פיס מיט דער גרעסטער הכנעה און חניפה.

—צי וועסטו קומען, ווען מען רופט דיך?—האָט דער באָטשאַן זיך אָנגערופן מיט גרימצאָרן און אויפגעהויבן אַ פוס.—צי ווייסטו נישט, ווער איך בין און ווער דו ביסט? צי קענסטו נישט אָפּשאַצן דעם כבוד דערמיט, וואָס איך טו ריידן צו דיר?

דער רעגנוואָרם האָט זיך נאָכמער גענומען דרייען פאַר די פיס פונם באָטשאַן און זיך אָנגערופן:

—זאָל אייער הויכוואוילגעבוירן נישט זיין אין כעס...—איך האָב געהאַט גרויס פחד, און איר האָב געהאַט אַליין געזאָגט, איך זאָל מיך היטן צו קומען אייך אויף די אויגן, ווען איר זענט הונגעריק.

—יאָ, ריכטיק!—האָט דער באָטשאַן שוין געזאָגט אַ ביסל ווייכער.—אָבער איצט דערצייל מיר עפּעס פון דיין לעבן. ס'איז מיר אומעטיק, און גרויסע לייט מעגן זיך אַמאָל אויך אַראָפּלאָזן צו די נידעריקע פאָלקסמאַסן.

דער רעגנוואָרם האָט זיך איינגעשרומפּן פון הכנעה.

—וואָס קאָן איך דערציילן?—האָט ער געזאָגט.—איך אַרבעט פון געבוירן אָן ביזן טויט. איך אַקער די ערד און גראָב גריבער...

—אַזוי? אַזוי?—האָט דער באָטשאַן שטאָלץ געצויגן מיטן שנאָבל,—דו גראָבסט גריבער, וואו די פּראָשן האַלטן זיך אויף?

—אוי, ניין,—האָט געענטפערט דער וואָרם,—אַזאַ גרויסע אַרבעט בין איך נישט אומשטאַנד אויסצופירן. איך גראָב נאָר טיף אין דער ערד. איך מאַך דאָרט קליינטשקע טונעלן קרייז און קווער...

—אָבער וואָס פאַר אַ נוצן ברייגסטו, למשל, דעם באָטשאַן?—דער רעגנוואָרם האָט זיך ווידער איינגעשרומפּן.

—אָ, יאָ,—האָט ער געזאָגט.—ערשטנס, קען אייער הויכוואוילגע־

בוירן מיך אויפעסן, ווען אייך גלוסט זיך.
—דאָס ווייס איך, נאַטירלעך,—האָט דער באָטשאַן געזאָגט און פאַרשטעקט דעם קאָפּ אין דער ברוסט.—וועגן דעם דאַרפסטו מיר נישט דערמאָנען. און וואָס ווייטער?
—און, צווייטנס, באַאַרבעט איך די ערד לויט מיינע כּוחות, אַזוי, אַז גראָז, בלומען אוןביימער זאָלן קענען וואַקסן. איך גרייט צו פייכטע שוואַרצע גאָרטנערד.
—דאָס מיינסטו אודאי די זומפּן?—האָט דער באָטשאַן געפרעגט.

—זאָל מיר אייער הויכוואוילגעבוירן מוחל זיין, וואָס איך דער־וועג מיך צו פאַרריכטן אייער טעות,—האָט דער רעגנוואָרם גע־זאָגט מיט גרויס הכנעה.—איך מיין יענע פרוכטבאַרע ערד, וואָס גיט אַרויס אַלע צמחים אויף דער וועלט. פון די צמחים לעבן די שרצים און פון די שרצים לעבן די פראָשן און פון די פראָשן באַוויליקט איר און אייער איידעלע פאַמיליע זיך צו דערנערן...
—צי מיינסטו, אַז איך ווייס עס נישט?—האָט געפרעגט דער באָ־טשאַן און האָט זיך שטאָלץ אומגעקוקט.—איך האָב בלויז גע־וואָלט דיך אויספּרובן, צי קענסטו עפּעס, ווי האָסטו עס אָנגע־רופן?..
—פייכטע שוואַרצע גאָרטנערד,—האָט אים דער רעגנוואָרם אונ־טערגעזאָגט.—די ערד, וואָס ליגט אונטן, טראָג איך אַרויף אויבן צו דער לופט, צו דער זון, און די ערד, ווידער, וואָס ליגט אויבנאויף, שלעפּ איך אַראָפּ אונטן. אַזוי מיש איך זי צוזאַמען און טויש אָן אויפהער, און מיין פּראַצע, דערלויב איך מיר צו זאָגן, איז זייער אַ וויכטיקע!
—ביזט אַ כוואַט, נישטאָ וואָס צו ריידן!—האָט אים דער באָ־טשאַן שיער נישט אָנגעקלאַפּט אין פּלייצע.—נו, און וואָס ווי־טער?
דער רעגנוואָרם, וואָס איז נישט געוווינט געווען לאַנג צו ריידן, האָט אָפּגעצויגן דעם אָטעם און ווייטער דערציילט.
—צי האָב איר אַמאָל באַמערקט, ווי די פאַרוועלקטע בלעטער

ליגן צוזאַמענגעוויקלט און שטעקן מיטן שפּיץ אין דער ערד? דאָס איז אויך מיין מלאכה. איך טו עס ביינאַכט, ווען ס'איז טונקל און שטיל, און קיינער שטערט מיר נישט. צומאָרגנס ביינאַכט צי איך און שלעפּ זיי ווייטער, ביז דאָס בלאַט ווערט אינגאַנצן פאַרשוואונדן. איך אַרבעט זיי איבער אין פּרוכטבאַרער גאָרטנערד.

—דאָס איז שוין אינטערעסאַנט!—האָט דער באָטשאַן באַשטעטיקט.

—אַך!—האָט דער רעגנוואָרם אָפּגעזיפצט.—הלואי וואָלטן אַלע געווען אַזוי גנעדיק און גוט, ווי אייער הויכוואוילגעבוירן! איך וויל זיך, אסור, נישט באַרימען. אַנדערע טוען אפשר אויף העכערע זאַכן, אָבער אַ פּלייסיקער רעגנוואָרם, וואָס דערפילט זיין פליכט און רירט נישט אָן קיין פליג אויף דער וואַנט, מוז זיך פילן באַעולט, ווען אַלע רודפן אים און ווילן נישט אָנדערקענען זיין ווערט! גאָט זאָל זיך דערבאַרעמען איבער אונז, ווען מען האָט דאָס אומגליק אָנצעטרעפן אייער הויכוואוילגעבוירן, ווען איר זענט הונגעריק, אָדער ווען די יונגע הערשאַפט אין נעסט וויל זיך דערקוויקן די נשמה, איז מען דעמאָלט, נאַטירלעך, אַ פאַרפאַלענער און מען מעג אָפּזאָגן ווידוי. דאָס האַלט איך אַפילו נישט פאַר קיין עולה, און האָב גאָרנישט איינצעווענדן געגן דעם. אָבער אַלע האָבן אונז פיינט און מען טרעט אונז מיט די פיס. מען זאָגט, אַז מיר זיינען העסלעכע לייט. אָבער צי קענען מיר, פרעג איך, אין דער פייכטער שוואַרצער ערד פּראַצעווען און אַרבעטן אין פיינע רייכע מלבושים? און צי וואָלט געטויגט אַזאַ אַרבעט? מען טרעט אויף אונז און מען קלערט, אַז מיר האָבן שוין גאָרנישט קיין געפיל. אַך, אייער הויכוואוילגעבוירן, טיילמאָל איז עס אַ גרויסער צער פאַר אַזעלכן, וואָס דערפילט תמיד זיין פליכט.

—הם, הם!..—האָט דער באָטשאַן אַ זאָג געטאָן עפּעס אין שנאָבל.—האָסט זיך צורעדט און דו רעדסט שוין פאַר פייער און פאַר וואַסער. איך האָב באמת מיטלייד מיט דיר.

דער רעגנוואָרם האָט זיך עטלעכע מאָל געדרייט פאַר זיינע פיס.

—איך דאַנק טויזנט מאָל אייער הויכוואוילגעבוירן, — האָט ער גע־זאָגט, — פאַר דידאָזיקע גנעדיקע ווערטער. ס'איז נישטאָ קיין שע־נערע זאַך פאַר אַ רעגנוואָרם, ווי אַרומצוקריכן גאָר פּאַוואָליע אין אַ פייכטן זומעראָוונט נאָך דער שווערער טאָגאַרבעט. דע־מאָלט האָט מען הנאה פון לעבן און מען זוכט זיך אויס בלע־טער, וואָס ווערן ביינאַכט אַריינגעשלעפּט אין דער ערד. אָבער צוליב די שלעכטע מענטשן מוז מען זיין זייער פאָרזיכטיק. דער גלח, וואָס האָט דאָ געוואוינט, איז בכלל געווען אַ גוטער מענטש. אָבער אויף אונז איז ער נישט געווען קיין מבין. איך האָב אַמאָל געהערט, ווי ער האָט זיך אָנגערופן צו אַ קליין יינגל, וואָס איז אַרויפגעטרעטן אויף אַ וואָרם, ער זאָל עס נישט טאָן, ווייל די ווערם זיינען עקעלהאַפטע ברואים, וואָס מען דאַרף זיך נישט אָנרירן אָן זיי. אָבער אַזוי ווי זיי זיינען דאָך גאָטס באַשעפעניש, טאָר מען זיי נישט טאָן קיין בייז. דאָס איז אַפילו גאַנץ פיין געזאָגט, אָבער פאַרוואָס האָט ער זיי נישט דערמאָנט, אַז מיר טראָגן שלעכטע מלבושים בלויז דערפאַר, ווייל מיר אַרבעטן שווער און אַז אונזער אַרבעט איז נוצלעך פאַר אַלעמען?

—יאָ־אָ, — האָט דער באָטשאַן געצויגן מיטן שנאָבל, — זיי פאַר־שטייען עס נישט.

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט דער רעגנוואָרם געזאָגט:

—אפשר וואָלט אייער הויכוואוילגעבוירן אַריינגעוואָרפן פאַר אונז אַ גוט וואָרט?

דער באָטשאַן האָט זיך אַ קראַץ געטאָן און זיך שטאַרק פאַר־טראַכט.

—איך ווייס נישט גענוי, וואָס איך זאָל דיר ענטפערן דערויף, — האָט ער געזאָגט. — איך אַ געוויסן זין ביסטו גערעכט און איך האָב רחמנות אויף דיר. איך בין אָבער נישט זיכער, צי איך וועט נישט טוישן מיין מיינונג, ווען איך וועל זיין הונגעריק. איך וועל עס מיר איבערלייגן. איך בין אַפילו אַ גרויסער חשוב ביי די מענטשן צוליב די קליינע קינדער, ווי דיר איז עס אויך

באַקענט, אָבער איך מוז זיך מישב זיין וועגן דעם.
איך דאַנק אייך דערפאַר טויזנט מאָל!—האָט זיך דער רעגנ־וואָרם געדרייט אָן אַן אויפהער.—איך קען אייך אַפּילו טאָן אַ טובה, ווען איר וואָלט געוואָלט...

—איך בין דיר מוחל דיינע טובות!—האָט דער באָטשאַן איראָניש אַ שמייכל געטאָן און אויפגעהויבן אַ פוס.

—יאָ, איר זייט גערעכט...—האָט יענער פון הכנעה זיך פאַרגראָבן אַ ביסל טיפער אין דער ערד.—אַזאַ בריאה, ווי איך, טאָר נישט ריידן מיט אייך אין אַזאַ טאָן. איך האָב אייך אָבער בלויז גע־וואָלט פאַרהיטן פון אַ געפאַר...

—מיך פון אַ געפאַר?—האָט דער באָטשאַן שטאָלץ זיך אָנגערופן.—איך ווייס נישט פון געפאַרן. אומעטום בין איך געשעצט און געאַכפּערט, און ווער ס'טוט מיר בייז, דער מוז באַצאָלן שטראָף. וואָס זשע פאַר אַ סכנה שטייט מיר פאָר? דו רעדסט שוין גאָר נאַרישקייטן, אַלטער רעגנוואָרם.

—הערט מיך אויס, איך בעט אייך, נאָר איין אויגנבליק,—האָט זיך דער וואָרם געבעטן.—ווי איך האָב אייך דערציילט, גראָבן מיר אומעטום אין דער ערד אונזערער טונעלן, און אַזוי ווי מיר זיינען אַ סך, האָבן מיר די גאַנצע ערד אונטערגעגראָבן. אין גאָרטן אַליין זיינען מיר פאַראַן אַן ערך פופציקטויזנט קעפּ!

—וואָס רעדסטו?—האָט דער באָטשאַן אַ קנאַק געטאָן מיטן שנאָבל.

דער רעגנוואָרם איז אָבער תיכף ומיד אַריינגעקראָכן אין לאָך.

—וואוהין לויפסטו?—האָט דער באָטשאַן אַ געשריי געטאָן.

—איך האָב מורא דאָ צו בלייבן, ווען אייער הויכוואוילגעבוירן רעדט אין אַזאַ הונגעריקן טאָן...—האָט יענער ציטריק געענט־פערט.

—שרעק זיך נישט און דערצייל ווייטער!—האָט דער באָטשאַן געהייסן.

דעמאָלט האָט דער וואָרם בלויז אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ פון לאָך און זיך אָנגערופן:

—איך האָב אייך געוואָלט נאָר זאָגן, אַז מיר האָבן אונטערגע־גראָבן דאָס גאַנצע הויז און אַז ס'קאָן אַ ליאַדע טאָג איינפאַלן.

—כאַ־כאַ־כאַ!—האָט זיך צעלאַכט דער באָטשאַן.

אָבער דער רעגנוואָרם האָט ווייטער גערעדט פון לאָך אַרויס:

—איר דאַרפט נישט לאַכן פון מיר. איך זאָג בלויז די וואָר־הייט. געדיינקט נאָר אין אונזער גרויסער צאָל. טייל מאָל וואַרפן מיר אום גאַנצע מויערן. און דאָס אַלטע גלחישע הויז איז אַזוי אַלט, אַז ס'וועט לייכט איינפאַלן...

דער באָטשאַן האָט נאָך אַלץ געלאַכט. נאָכדעם האָט ער אַ קלאַפּ געטאָן מיטן שנאָבל אין דער ריכטונג פונם רעגנוואָרם. דער רעגנוואָרם איז אָבער תיכף ומיד אַנטרונען געוואָרן טיף אין דער ערד און דער באָטשאַן איז שטאָלץ אַוועקגעפלויגן צו זיין ווייב. דאָרט האָט ער איר דערציילט פון דעם נאַרישן רעגנוואָרם, וועלכער האָט זיך איינגערעדט, אַז ער קאָן אומוואַרפן דאָס אַלטע הויז מיטן באָטשאַן־נעסט.

—מיט אַזעלכע לייט חברט מען זיך נישט,—האָט מאַדאַם באָטשאַן באַמערקט,—וואָרום זיי פאַררייסן די נאָז און נעמען ריידן פאַר פייער און פאַר וואַסער.

—סוף־כל־סוף וועל איך אים אויפעסן!—האָט דער באָטשאַן אַ קנאַק געטאָן מיטן שנאָבל.

— — — — — — — — — —

אַ וואָך איז דורכגעלאָפן און דער באָטשאַן מיטן רעגנוואָרם האָבן זיך מער נישט באַגעגנט.

איינמאָל, אין אַ זומערטאָג, איז דאָס באָטשאַן־פּאָרל געזעסן אויבן אויפן דאַך און באַטראַכט פון וויטן זייער קלייגוואַרג, וואָס איז געלעגן אין נעסט.

—די קינדערלעך וואַקסן אָן עין־הרע גאָרנישט שלעכט!..—האָט מאַדאַם באָטשאַן זיך אָנגערופן.

—ס׳איז שוין טאַקע צייט,—האָט הער באָטשאַן געענטפערט.—די פראָשן זייִנען שוין געוואָרן פאָרזיכטיקער. די חיונה קומט אָן נישט גרינג. היינט אינדערפרי, אַ שטייגער, האָב איך געכאַפּט בלויז איין פראָש. ווען איך פאַק דעם רעגנוואָרם, וואָלט איך אים תיכף ומיד איינגעשלונגען.

מאַדאַם באָטשאַן, וואָס האָט זיך נישט גוט געשפּירט, האָט זיך אַרומגעקוקט און פלוצלונג אַ זאָג געטאָן:

—וואָס איז דאָס? דאַכט זיך, אַז דער דאַך שאָקלט זיך...

—וואָס פלאַפּל...—האָט הער באָטשאַן זיך אָנגערופן, אָבער איידער ער האָט נאָך אַרויסגערעדט דאָס וואָרט, האָט דאָס הויז אַ ציטער געטאָן און איז איינגעפאַלן מיט אַ מוראדיקן קראַכן, פונקט ווי די גאַנצע וועלט וואָלט צעטרויסלט געוואָרן. אַ וואָלקן שטויב האָט זיך אויפגעהויבן צום הימל און ביידע באָטשאַנעס זייִנען נישט טויט, נישט לעבעדיק אַרויפגעפלויגן אינדערהויך.

פון עלטן הויז איז נישט מער געבליבן ווי אַ קופּע צעבראָקלטע ציגל און פאַרפוילטע בעלקעס. טיף אונטער דער קופּע איז געלעגן דאָס נעסט און די באָטשאַן־קינדער זייִנען צעקוועטשט און באַגראָבן געוואָרן.

מאַדאַם באָטשאַן איז אַרויס פון די כלים און האָט זיך צופלייפּעט און צעוויינט אַזוי, אַז די גאַנצע לופט איז אָנגעפילט געוואָרן מיט קולות און געוויין:

—אוי, וויי איז צו מיר! אוי, אַ קלאָג צו דער מאַמען! אוי, פינסטער איז מיין וועלט!

און דער מאַן האָט איר צוגעהאָלפן:

—אוי, אַן אומגליק איז געשען! אַ גרויס אומגליק איז געשען!

נאָכדעם האָבן זיך ביידע באָטשאַנעס שעהנלאַנג אַרומגעדרייט אַרום דער חורבה. זיי האָבן געהאַקט און געקלאַפּט מיט די שנאָבלען אין דער קופּע ציגל, אָבער קיינער האָט זיך נישט אָפּגערופן.

אין אָוונט איז דאָס פּאָרל געזעסן אויף אַ הויכן בוים אין גאָרטן

און מיט גרויס ווי געשמועסט פונם אומגליק, וואָס האָט זיי געטראָפן.
—דער רעגנוואָרם!—האָט דער באַטשאַן פלוצלונג אויסגעשריען.

ער האָט זיך דערמאָנט אין דער התראה פון רעגנוואָרם און האָט שטאַרק חרטה געהאַט, וואָס ער האָט זיך אַזוי לייכט צו־געהערט צו זיינע ווערטער.
—ווי האָט עס מיר גאָר געקאָנט איינפאַלן, אַז דער נאַרישער בידנער וואָרם וועט קענען פאָרזאָגן, וואָס ס'וועט געשען. ער מיט זיין משפחה האָבן עס אונטערגעגראָבן דאָס הויז און זיי זיינען שולדיק אין דעם טויט פון אונזערע קינדער. אָבער איך וועל מיך אָפּרעכענען מיט אים: איך וועל אים אויפעסן!..

ביידע זיינען אַרומגעפלויגן אין גאָרטן און גערופן דעם רעגנ־וואָרם מיט די פריינטלעכסטע און זיסטע ווערטער.
—ליבער רעגנוואָרם, קום אַרויס!—האָט דער באַטשאַן גערופן מיט אַזאַ זיסן קול, ווי מען רעדט צו אַ געליבטער.—מיין פרוי וואָלט זייער געוואָלט זיך באַקענען מיט דיר. זי זאָגט, אַז זי וויל הערן, ווי דו פאַרציילסט דיינע שיינע מעשיות וועגן דער ערד...

דער רעגנוואָרם האָט אָבער נישט געענטפערט: ער איז פאַר־קראָכן טיפער אין דער ערד און האָט זיך פאַרבאַהאַלטן. די באַטשאַנעס האָבן אים לאַנג גערופן, אָבער אַז זיי האָבן דער־זען, אַז דער רעגנוואָרם וויל נישט אַרויסקריכן פון זיין לאָך, זיינען זיי אַוועקגעפלויגן צו זייערע באַקאַנטע באַטשאַנעס, וואָס האָבן געוואוינט ביי אַ פּאָר וויאָרסט פון זיי. דאָרט, פאַר די באַקאַנטע באַטשאַנעס, האָבן זיי אויסגעקלאָגט דאָס האַרץ און האָבן זיך אַ ביסל באַרואיקט.
ביינאַכט איז דער רעגנוואָרם אַרויסגעקראָכן פון זיין לאָך און מיט גרויס רחבות זיך אויסגעצויגן אויפן פייכטן גראָז.
—ווי די לופט איז אָנגעגעם שווער,—האָט ער אַ זאָג געטאָן צו זיך אַליין.—היינט ביינאַכט וועלן מיר האָבן רעגן.

און באַלד דערויף האָט ער צוגעגעבן:

—אַך, יאָ, דאָס לעבן איז שיין און ליב, באַזונדערס ווען זייער הויכוואוילגעבוירן ווערט פאַרטיליקט פון אונזער גבול. אין גרונט גענומען איז ער אַ גאַנץ פיינער און לייטישער הער, אַ גרויסאַרטיקער הער, אָבער כל־זמן ער איז דאָ, באַדאַרף מען אַלץ לעבן אין גרויס פּחד, טאָמער ווערט ער הונגעריק...

קליינע פּראָשן.

ם׳איז געווען סוף מערץ.
די שליטלעך זיינען פאַרפּאַקט געוואָרן אויף איבעראַיאָר, און דאָס אייז איז אומעטום צעשמאָלצן געוואָרן. דער שניי איז אויך צוגאַנגען און אָנגעפילט די גריבער מיט אַ מוטנעם וואַסער. טיף אונטער די קוסטעס איז נאָך געלעגן צו ביסלעך שניי, אָבער דערדאָזיקער שניי איז געווען אַזוי שוואַרץ, אַז קיינער האָט זיך אויף אים נישט אומגעקוקט.
יונגע גרעזעלעך האָבן זיך שטיל און ווייך אַרויסגעכאַפּט פון דער ערד אויף גאָטס ליכטיקע וועלט און די פייגעלעך האָבן געעפנט זייערע בלויע אייגעלעך און ביימער און קוסטעס האָבן געאַרבעט געשמאַק און זיך אויסגעפּוצט אויף פסח און די קנאָספּן, איינגעוויקלט אין זייערע צאַרטע גרינע קליידעלעך, זיינען אַלץ דיקער געוואָרן, און אין איין שיינעם פרימאָרגן האָט דער אַגרעסקוסט פאַרלאָרן די געדולט, און זיך אָנגעטאָן אַ גרין זיידענע קאַפּאָטקעלע.

און די זון האָט ווײַלעווייז אַרויסגעקוקט פון די לויפנדיקע וואָלקנס און געשריען צו דער ערד:
—באַלד קום איך! באַלד קום איך! גרייט זיך, קינדערלעך!..

דערויף האָט אויך געוואַרט מאַדאַם שטאָר, וועלכע איז געזעסן אין וואַלד און אויסגעקוקט אויפן פרילינג.
ס׳איז נאָך געווען קאַלט, דערעיקרשט בײַנאַכט, און עס איז געווען ווייניק, זייער ווייניק צו עסן. מאַדאַם שטאָר וויל אָבער ליבערשט קומען פריער מיט אַ חודש, איידער שפּעטער מיט אַ טאָג. זי האָט זיך לויטער געפּוצט, אויסגעשטרעקט דעם שנאָבל אין דער לופט און געפייפט, צו שאַפן זיך אַ בעסערע שטימונג.

אָבער אַז ס׳איז איר שוין נמאס געוואָרן אַליין צו זינגען, האָט זי איר שוואַרצן קאָפּ פאַרוואָרפן אויף אַ זייט, פאַרמאַכט די אויגן און זיך צוגעהערט צום דערבײַיאיקן רוישיקן שטראָם.

—זינג, זינג!—האָט זי געזאָגט.—דו וועסט אַזוי לאַנג זינגען, ביז ס׳וועט קומען דער זומער. דעמאָלט וועסטו אויסטריקענען און אַנטשוויגן ווערן. אָ, דאָס וועט זיין אַ גאָלדענע צייט! וואַרעמע ליכטיקע טעג, די לאָנקעס זיינען פול מיט ווערעמלעך און מיין נעסט איז פול מיט זיסע קינדערלעך.
—אַך יאָ,—האָט זיך עמעץ אָנגערופן אונטער איר.—אָן קינדער איז שלעכט און מיט קינדער איז ביטער.
מאַדאַם שטאָר האָט זיך אומגעקוקט און האָט דערזען אַ גרויסע ברוינע פראָשין, וואָס האָט אויסגעגלאָצט אויף איר אַ פּאָר גרויסע אויגן.
—אַ פרייליכער פרילינג!—האָט איר מאַדאַם שטאָר באַגריסט.—נישט געדאגהט! ווען מען האָט אַ פולן נעסט, האָט מען אויך אַ סך אַרבעט. דאָס קליינוואַרג איז הונגעריק און שרייט און מען מוז שווער האָרעווען, צו פאַרשטופן זיי די מיילער. אָבער ס׳איז אויך אַ תענוג צו זיצן אינאָוונט ביים נעסט און איינצוויגן די קינדערלעך. נישט וואָר?

—קוואַ!—האָט די פּראָשין מרה־שחורהדיק געענטפערט אויף דעם שטאָרס ווערטער.

מאַדאַם שטאָר האָט זיך געמאַכט נישט הערנדיק און האָט ווייטער געזאָגט:

—און נאָך אַ גרעסערער תענוג איז, ווען די קינדער וואַקסן אונטער און באַקומען פליגעלעך און אַ ווײַדעלע—דעמאָלט לערנט מען זיי פליען און כאַפּן ווערעמלעך.

—קוואַ, קוואַ, קוואַ!—האָט די פּראָשין משונה געשריען און דריי מאָל אַ שפּרונג געטאָן.

—איך ווייס נישט, וואָס דו מיינסט מיט דײַן „קוואַ"—האָט מאַדאַם שטאָר געזאָגט,—אָבער ס'קלינגט נישט העפלעך.

און איידער זי האָט אַרויסגערעדט דידאָזיקע ווערטער, האָט די פּראָשין געמאַכט אַ קאָזשאָלעק און אַרײַנגעשפּרונגען אין גראָבן. זי האָט אויסגעצויגן אירע פאָדערשטע פיס קעגן דער ברוסט און מיט די הינטערשטע פיס האָט זי געמאַכט געוואַלדיקע באַוועגונגען. זי איז געשוואומען אַהין און צוריק און באַלד דעררויף ווידער אַרויסגעשפּרונגען אויפן ברעג, זיך אַנידערגעזעצט אויף דעם פריערדיקן אָרט און מרה־שחורהדיק געגלאָצט אין דער לופט אַרײַן.

מאַדאַם שטאָר האָט פאַר זיך געפייפט אַ שטילן זמרל און זיך אָנגערופן:

—נו ווי פילסטו זיך? דו ביסט, קענטיק, אַ ביסל צו היציק פון דער נאַטור און דאָס טויג נישט. מען דאַרף נישט צולאָזן קיין דאגות. דערצייל מיר, וואָס דיך קוועלט. דערפון וועט אַמאָל לײַכטער אויפן האַרצן.

—ווען איך זאָל אייך דערציילן, וועט איר מיך גאָרנישט פאַרשטיין,—האָט די פּראָשין געזאָגט.—וואָס ווייס אַ פייגל צו זאָגן פון אַזעלכע צרות, ווי מיר פּראָשן האָבן! זיי האָבן זייער אַ שיין וואַרעם נעסט און קענען דערציען זייערע קינדער פאַר אָרנטלעכע לייט. אָבער ביי אונז איז אַנדערש. איך האָב איבערהויפּט נישט קיין נעסט און מײַנע קינדער מוזן זיך באַנוגענען מיט קאַלט וואַסער.

—האָסטו נישט קיין נעסט?—האָט מאַדאַם שטאָר זיך געחדושט.—וואו זשע לייגסטו דיינע אייער?

—דאָ, אונטן,—האָט די פראָשין געענטפערט, אָנווייזנדיק אויפן גראָבן.

—אין וואַסער?

—באַטירלעך,—האָט די פראָשין אָפּגעזיפצט.—מיינע אייער האָבן נישט אַזאַ האַרטע שאָל, ווי אייערע און ווען איך וואָלט זיי געלייגט אויף דער ערד, וואָלטן זיי באַלד אויסגעטריקנט און קאַליע געוואָרן.

—צי קענען דיינע קינדער שווימען פון געבוירן אָן?—האָט מאַדאַם שטאָר געפרעגט.

—גאָט צו דאַנקען, יאָ, דאָס קענען זיי,—האָט די פראָשין צוגעקוואַקעט.—דאָס ליגט שוין אונזער משפחה אין בלוט. אָבער גאָט זאָל מיך נישט שטראָפן פאַר די רייד—זיי זיינען אַזוי נישט געראָטן, אַז פאַר עגמת־נפש וואָלט איך מיר ממש אַ מעשה אָנגעטאָן.

—וואָס טוען זיי דען פאַר אַ שלעכטס?—האָט מאַדאַם שטאָר געפרעגט.

—אַדרבה, זעט, זייט מוחל, אַליין,—האָט די פראָשין געזאָגט און זיך אויפגעהויבן פון אָרט. זי האָט געמאַכט אַ שפרונג לייגנאויס דעם גראָבן און מאַדאַם שטאָר האָט מאַרשירט הינטער איר. מאַדאַם שטאָר איז געווען זייער בייגיריק און, אויסערדעם, האָט זי געהאַט געוווּג צייט און האָט נישט געוואוסט, וואָס מען טוט מיט זיך. אַז זיי זיינען צוגעקומען צו אַן אָרט, וואו דער גראָבן פאַרוואַנדלט זיך אין אַ קליינער אָזערע, וואָס איז געלעגן שטיל און קלאָר, ווי אַ שפיגעלע, האָט זיך די פראָשין אָפּגעשטעלט.

אין וואַסער האָבן פלינק אַרומגעשמייעט קליינטשקע ברואימלעך און מיט די פיסקעלעך געצופּט די וואַסערפלאַנצן. זיי האָבן נישט געהאַט קיין פיס, נאָר דיקע געשוואָלענע בייכלעך און לאַנגע ווייַדלעך מיט פלוספעדערן. זיי האָבן אויסגעזען ווי קיילעכלעך מיט פישווייַדעלעך און ביי ביידע זייטן פון קאָפּ האָבן

זיי געהאַט אַ משונהדיק קליינטשיק פּלעדערווישל, וועלכן זיי האָבן אַרומגעפּאַכט אין וואַסער.

די פּראָשין האָט אָנגעקוקט די פרוי שטאָר מיט גרויס מרה־שחורה און נישט גערעדט קיין וואָרט.

—זע, זע!—האָט מאַדאַם שטאָר זיך געחדושט.—דאָס זיינען דאָך עפּעס פישלעך. מען קאָן זיי דאָך עסן...

—איך ווייס נישט, וואָס זיי זיינען, אָבער זיי זיינען אַזוי אַרויס־געקומען פון מיינע אייער!—האָט די פּראָשין ביטער אַרויסגע־זאָגט.—איך האָב קיינמאָל נישט געהערט, אַז אין אונזער משפחה זאָלן געבוירן ווערן פיש.

—וואַרט אַן אויגנבליק!—האָט מאַדאַם שטאָר זיך אָנגערופן.—איך האָב יאָ אַמאָל געהערט אַזוינס, אָבער איך קאָן מיך נישט ריכ־טיק דערמאָנען. איך ווייס נאָר אַזויפיל, אַז מיט דער צייט וועלן זיי ווערן ליטישע פּראָשן. איך בין זיכער, אַז דו וועסט נאָך דערלעבן פון זיי נחת.

—יאָ, אַ סך וואַסערן וועלן נאָך אָפּלויפן, ביז זיי וועלן ווערן ליטישע פּראָשן,—האָט די פּראָשין געשאָקלט טרויעריק מיטן קאָפּ.—קוקט אָן, אַ שטייגער, דעם ווידל! צי האָט מען אַמאָל געזען אַ פּראָש מיט אַ ווידל? נו, און דער בויך? מען קאָן דאָך אַרויסזען אַלע געדערעם דורך דער הויט! און, ווידער, וואָס היינגט זיי דאָרט ביים האַלז?—און וואו זיינען זייערע פיס? און וואָס טרייבן זיי זיך אַרום משוגענערווייז אין וואַסער און פרעסן גראָז? גראָז גאָר? פאַרוואָס פרעסן זיי נישט קיין פלי־געלעך, פרעג איך אייך? איך ווייס נישט, פאַרוואָס קומט עס מיר, איך זאָל האָבן אַזוינע נישט געראָטענע קינדער! דאָס זיינען דען פּראָשן?

און די פּראָשין האָט זיך צעוויינט אויפן קול. דערזען, ווי די פּראָשין האָט זיך צעיאָמערט, האָט מאַדאַם שטאָר זיך געוואָלט אָפּ־טראָגן וואָס גיכער, מחמת בטבע איז זי נישט קיין בעלן צו־צוזען אַזעלכע טראַגישע סצענעס, אָבער אין דער אייגענער רגע איז די פּראָשין מיט איין שפּרונג אַריין אין גראָבן און

צוגעשוואומען צו אַ שטיין, וואָס האָט אַרויסגעשטעקט פון וואַ־
סער און זיך אַרויפגעזעצט אויף אים.

—היי, די אַלטע נאַרישע פראָשין איז שוין דאָ!—האָבן זיך צעשריען די קליינע ווײַדלדיקע ברואימלעך.—היי, נאַרישע זקנה, נאַרישע! נאַרישע! נאַרישע!

דאָס חברהלע האָט געשריען און געלאַכט און אָן אַן אויפהער געצאַפּלט מיט די ווײַדעלעך. דערנאָך האָבן זיי זיך דערנענט צום שטיין און גענומען זינגען:

אַלטע פראָשין, שפּרינגסט פּאַוואָליע,
און דײַן פיסל רוקט זיך שווער.
מיר, די יונגע, שווימען מונטער,
דאָ א צאַפּל, דאָרט אַ קער!
היי, אין וואַסערל איז פריילעך,
קיינער ווייס דאָ נישט פון צער!
נאָר די אַלטע זיצט פאַרקומערט,
ווײַל די אַלטע איז אַ נאַר!

צוויי מאָל האָבן זיי געזונגען זייער פריילעך לידל און די אַלטע פראָשין איז געזעסן און געוויינט.

—איצט זײַנט איר אַליין אַן עדות,—האָט זי זיך אָנגערופן צו מאַדאַם שטאָר,—וואָס פאַר אַ קינדער דאָס זײַנען און ווי אַזוי זיי ריידן עס מיט טאַטע־מאַמע...

—יאָ־אָ,—האָט דער שטאָר געשאָקלט מיטן שנאָבל.—יאָ, אַ שיינע וועלט!

די קליינע ברואימלעך זײַנען אַוועקגעשוואומען. אַז די אַלטע פראָשין האָט זיך אויסגעווישט די אויגן און האָט זיך עטוואָס געשטאַרקט, האָט זי דערזען ווי איין ווײַדלדיק בריאהלע איז געשטאַנען אין וואַסער נעבן שטיין און געקלאַפּט אַרום זיך מיטן ווײַדעלע.

—פע, שעמען מעגסטו זיך אין דײַן ווײַטן האַלז!—האָט זיך די פראָשין צעשריען אויף אים.—מעג מען אַזוי לאַכן פון אַן איי־גענער מאַמען, האַ?! שיין אַזוי, האַ? איז דאָס גוט אַזוי, האַ?

—דאָס קליינינטשקע בראהלע האָט אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגן:

—וואָס ווילסטו פון מיר?—האָט עס געפרעגט.

—דו ביזט אַ שייגעץ!—האָט די פראָשין געשריען.—דו פאַרגיסט מיר דאָס בלוט פאַר בושה...

דאָס בריאהלע האָט זיך אָבער פאַרהאַלטן זייער גלייכגילטיק. זי איז געשוואומען אַהין און צוריק און פון צייט צו צייט אַ צופּ געטאָן אַ וואַסערפלאַנץ.

נאָכדעם האָט עס אַ זאָג געטאָן:

—איך ווייס נישט, וואָס דו שרייסט, דו אַלטע מכשפה! איך בין יונג, נישט מער. אָבער דו ביזט דאָך אויך אַמאָל געווען יונג?..

—אָ, אין מיינע צייטן,—האָט די אַלטע געזאָגט,—האָט מען זיך אַנדערש אויפגעפירט. ווען איך בין געווען יונג, איז מיר גאָר נישט איינגעפאַלן זיך אָנצוטאָן אין אַזעלכע פלעדערווישלעך, ווי דו!

דאָס ווייס איך נישט,—האָט דאָס בריאהלע זיך אָנגערופן און בעת־מעשה פריילעך באַוועגט מיט די פלעדערווישלעך.—אָבער זיי זיינען דען מאוס? אָבער פאַרגעס נישט, דו אַלטע מכשפה, אַז זיי זיינען דאָך אויך מיינע זשאַברעס און אָן זיי וואָלט איך נישט געקענט אָטעמען.

די אַלטע פראָשין האָט אויפגעציטערט פון כעס.

—אַזוי גאָר, זשאַברעס דאַרפסטו האָבן, דו שנעק איינער!—האָט זי נישט אויפגעהערט צו שרייען.—און אַ לאַנג ווידל דאַרפסטו, צו קלאַפּן מיט אים אין וואַסער? און פיס, עכטע פראָשנפיס געפעלן דיר שוין אויך נישט? יאָ, דערלעבט שיינע צייטן, נישטאָ וואָס צו ריידן.

—וואָס טויגן מיר די פיס?—האָט דאָס בריאהלע געטענהט.—דו ברויכסט זיי אפשר אַרומצוטופּען מיט זיי אויף דער ערד. איך שווים אָבער ליבערשט און דערצו ברויך איך מיין ווידל. היינ־טיקע צייטן מוז מען אים האָבן. מיט די אַלטפרענקישע אָפּגע־

לעבטע דרכים קאָן מען היינט נישט אויסקומען. דו פאַר־שטייסט?

—גאָט זאָל זיך מרחם זיין!—איז די אַלטע געשפּרונגען פון דער הויט.—דו רעדסט דאָך פון זינען!..

דאָס בריאהלע האָט זיך אָבער צעלאַכט און געזאָגט:

—וואָס טויג אונז צו ריידן. דו וועסט שוין קליגער נישט ווערן... דו ביזט שוין צו אַלט... איך וויל דיר בלויז דערמאָנען, אַז דו האָסט מיך געבראַכט אויף דער וועלט און דעריבער דאַרפסטו נישט זוכן קיין חסרונות אין מיר.

און מיט דידאָזיקע ווערטער איז דאָס ווײַדלדיקע בריאהלע אַוועקגעשוואומען.

די אַלטע פּראָשין איז אַראָפּ פון שטיין, איז צוגעשפּרונגען צו מאַדאַם שטאָר און זיך אַנידערגעזעצט נעבן איר. מאַדאַם שטאָר האָט זיך געשפּירט פאַרלעגן. זי האָט נישט געוואוסט, וואָס מען זאָגט דער פּראָשין אין אַזאַ שווערער מינוט. אַ ווײַלע האָט זי שטיל צוגעפּייפט און זיך אָנגערופן:

—איצט קומט דער פרילינג, וועט אַלץ שוין זיין גוט. דו וועסט אויפלעבן. וואו ביסטו אייגנטלעך געוועזן ווינטערצייט?

—אָט, איך בין געזעסן אין אַ לאָך אויפן גרונט פון מילטייך.—האָט די פּראָשין געענטפערט.

—אַזוי?—דערפון קאָן מען קריגן מרה־שחורה...—האָט מאַדאַם שטאָר זי באַדויערט.—בעסער וואָלסטו געמאַכט אַ שטיקל נסיעה־לע און זיך אַ ביסל דערפרישט.

—וואָס רעדט איר, מיין פריינט?—האָט די פּראָשין אַ ציטער געטאָן.—ווי קום איך צו אַ נסיעהלע? ווען איך שפּרינג נאָר אַ ביסל אַרום איבער דער לאָנקע, דערפיל איך שוין גרויסע יסורים אין די פיס.

מאַדאַם שטאָר האָט דערשפּירט, ווי איר שוידערט פון דידאָזי־קע ווערטער און איז אַוועקגעפלויגן, די פּראָשין האָט אַרויס־געשטעקט די צונג און געכאַפּט דערמיט אַ פליג, וואָס איז גע־זעסן אויף אַ בלאַט. זי האָט זי אַראָפּגעשלונגען און זיך פונסניי

פאַרטיפט אין אירע מרה־שחורהדיקע רעיונות.

— — — — — — — — —

מאַדאַם שטאָר האָט איצט געהאַט אַ סך צו טאָן מיט איר נעסט. די האָט שוין געפונען אַ וואויל נעסטל, וואָס איז געהאָנגען אויף אַ ליפע ביי אַ זומערוואוינוג. אָבער מען האָט עס געדאַרפט גוט אַרומזען סיי פון דרויסן און סיי אינעווייניק. מאַדאַם שטאָר האָט געשפּירט, אַז ס'איז געקומען די צייט צו לייגן אייער. זי האָט זיך שלעכט געפילט און האָט עפטער געוויינט גאָר אָן אַ שום סיבה.

דעמאָלט איז איר די אָרעמע פראָשין געקומען אויפן רעיון, איז זי צוגעפלויגן צום גראָבן און אַ רוף געטאָן די אַלטע פראַק־טישע באַשעפעניש.

—דאָ בין איך, דאָ בין איך! —האָט די פראָשין געענטפערט.

מאַדאַם שטאָר האָט געפרעגט:

—דו ביסט נאָך אויף דעמזעלבן אָרט, וואָס פריער? נו, ווי גייט עס מיט דיינע קינדער? ביי מיר האַלט עס אויך דערביי, האָב איך מיך דערמאָנט אָן דיר...

—דאָס איז זייער שיין פון אייך, —האָט די פראָשין געענטפערט,— מיין בעסטן דאַנק. אָבער איך קוק איצט אויפן לעבן מיט מער האָפנונג.

—וואָס הייסט? —האָט מאַדאַם שטאָר געפרעגט.

די פראָשין האָט איר פריילעך צוגעוואונקען און איז צוגע־געשפרונגען נאָענט צום וואַסער.

—קוקט אייך אַליין צו, —האָט זי געזאָגט.

מאַדאַם שטאָר האָט אַריינגעקוקט נייגיריק אין גראָבן, וועלכער האָט געשווימלט און געגריבלט פון קליינינקע פראָשעלעך. זיי זיינען לוסטיק אַרומגעשוואומען אַזוי ווי דעמאָלט, אָבער זיי זיי־נען שטאַרק אונטערגעוואַקסן. מאַנכע פון זיי האָבן שוין געהאַט וואונדערשיינע הינטערפיסלעך און אַנדערע, נאָך גרעסערע, האָבן אויך געהאַט קלייניטשקע פאָדערשטע פיסלעך.

—נישט וואָר, האָט די אַלטע געפרעגט, —זיי זעען איצט אויס אַ

ביסל בעסער? זיי האָבן נאָך אַפילו דעם עקלהאַפטן ווידל און די פלעדערווישלעך הייגגען נאָך אַרום קאָפּ, אָבער דאָך זעט מען קלאָר, אַז זיי ווערן שוין צו ביסלעך צו לייטן גלייך. איצט האַלט איך מיך אָפּ און מוסר זיי שוין נישט אַזוי ווי פריער. איך מיין, אַז ס'איז גלייכער צו לאָזן עס מיט דער באַטור. זיי זיינען אַפילו נאָך גרויסע עזותפּנימער, אָבער נישט געדאגהט. יאָ, היינטיקע קינדער! גאָט זאָל אייך געבן, איר זאָלט האָבן פון זיי מער נחת, ווי איך!

—אַ דאַנק! אַ דאַנק!—האָט מאַדאַם שטאָר געזאָגט.—זיי מיר געזונט. איך איל מיך איצט אַהיים, ווייל איך מוז מיך זעצן אויף מיינע אייעלעך.

אַ סך טעג זיינען אַדורכגעלאָפן און מאַדאַם שטאָר איז געזעסן אויף אירע אייער און נישט געהאַט קיין צייט צו טראַכטן פון דער אַלטער פראָשין. נאָר איינמאָל, ווען אירע אייעלעך האָבן געהאַלטן ביים אויספּיקן, האָט מאַדאַם שטאָר געבעטן איר מאַן, ער זאָל אַריבערפליען צום גראָבן און דאָרט געוואָר ווערן, וואָס הערט זיך ביי דער אַלטער פראָשין.

—די פראָשין איז אויך אַ מאַמע,—האָט זי געזאָגט.—די בידנע אַלטיטשקע האָט, נעבעך, גענוג צרות פון אירע קינדער. איך האָב גרויס מיטלייד מיט איר.

זי האָט דערציילט דעם מאַן פון אירע שמועסן מיט דער אַלטער פראָשין, און דער מאַן האָט געפאָלגט דער ווייב און איז אַריבערגעפלויגן צום גראָבן.

אָבער ווי שטאַרק ער האָט נישט אַרומגעזוכט אין וואַסער, האָט ער דאָך נישט געפונען קיין איין פראָשעלע. דער גראָבן האָט שוין געהאַט ווייניק וואַסער און טיף אין שלאַם איז אַרומגעקראָכן אַן אַלטער פעטער מוילוואורף.

פלוצלונג האָט ער דערהערט עפּעס אַ געפילדער אויף יענער זייט לאָנקע.

—קוואַ, קוואַ, קוואַ!—האָבן הונדערטער פראָשנהעלזער געשריען.

דער שטאָר איז אַריבערגעפלויגן אויף יענער זייט לאָנקע, און

דאָ האָט ער דערזען, ווי די אַלטע פּראָשין איז געזעסן און אַרום איר זיינען אַרומגעשפּרונגען אירע קינדער. איצט האָבן שוין אַלע געהאַט הינטערשטע און פאָדערשטע פיס, און אָן פלעדערווישלעך ביים קאָפּ. זיי האָבן אויסגעזען שיין און געזונט, און זייער פייכטע הויט האָט שטאַרק געגלאַנצט אויף דער זון. זיי האָבן אָן אויפהער געשריען:

—קוואַ, קוואַ, קוואַ!

פון די קינדערשע יאָרן איז זיי בלויז פאַרבליבן אַ שטיקל עק.

—מיינע טייערע קינדערלעך, האָט די אַלטע פּראָשין געזאָגט,— איך האָב גרויס נחת פון אייך. מיט דער צייט וועט איר אייך פּטור ווערן פונם מאוסן עק און דעמאָלט וועט איר גאָר זיין לייט.

מאַנכע יונגע פּראָשן האָבן זיך אַזוי אַנידערגעזעצט, אַז מען האָט לחלוטין נישט אַרויסגעזען זייער עק. זיי האָבן פאַרלייגט דעם קאָפּ אָן אַ זייט און אָנגעקוקט די אַלטע מיט גרויס ליבע און צערטלעכקייט.

—מיר האָבן שוין מער נישט קיין עקן!—האָבן זיי געשריען.— מיר זיינען עכטע נאָבעלע פּראָשן...

אַנדערע אָבער האָבן דוקא אַרויסגעשטעקט זייערע עקן און געחוזקט פון דער אַלטער אויפן סאַמע העסלעכסטן אופן.

אַלטע מכשפה!—האָבן זיי געשריען.—מיר זיינען נישט געוואָרן און ווילן נישט ווערן קיין פּראָשן! צי זעסטו נישט אונזערע עקן? רייד זיך נישט איין, אַז מיר ווילן זיין ענלעך צו דיר!

די אַלטע פּראָשין האָט זיי געזידלט און געשאָלטן, און דאָס יונגוואַרג האָט געפּילדערט און געליאַרעמט, אַז ס'איז פּשוט געוואָרן אַ חרפּה צו קוקן. דער שטאָר האָט פאַרדריסלעך געשאָקלט מיטן קאָפּ און איז אַוועקגעפלויגן אַהיים צו זיין ווייב. אינדערהיים האָט ער דערציילט זיין ווייב אַלץ, וואָס ער האָט געזען.

—דאָס איז עפּעס אַ ווילד געזינדל!—האָט ער געזאָגט.

—דאָס איז אַן אומגליקלעכע פאַמיליע...—האָט דאָס ווייב אים פאַרבעסערט.—אַז איך וועל נאָר קענען אַרויסגיין מיט די קינדער, וועל איך זיי באַזוכן. פאַר די קינדער שאַדט נישט צו זען אַ ביסל די וועלט. דעמאָלט וועלן זיי איינזען, ווי גוט זיי לעבן זיך.

און אַזוי איז טאַקע געווען. אַז די יונגע שטאָרן האָבן אָנגעהויבן זען און פליען, איז די מוטער מיט זיי צוגעפלויגן צו דער לאָנקע, וואו עס האָט זיך געפונען די נחלה פון דער אַלטער פראָשין. מען האָט זי געמוזט לאַנג זוכן און רופן, ביז מען האָט זי צולעצט געפונען אונטער אַ גרויסן גרויען שטיין.

—זעסט?—האָט מאַדאַם שטאָר זיך אָנגערופן,—אָט בין איך ווידער געקומען צו דיר. ווי גייט עס דיר, פריינט? וואו זיינען דיינע קינדער?

—אָ, זיי זיינען שוין לאַנג אַוועק פון מיר,—האָט יענע פריילעך צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.—זיי האָבן זיך צושפּרייט איבער דער גאַנצער לאָנקע און לעבן פאַר זיך.

—דאָס איז זייער שיין,—האָט מאַדאַם שטאָר באַמערקט.—נו, און ווי זעען זיי אויס?

—געלויבט צו גאָט, זיי זיינען אַזוי שיין, אַז ס'איז נישט אָפּצורייסן די אויגן פון זיי. זיי שפּרינגען און טאַנצן ווי די אַלטע. איך ווינש מיר גאָרנישט קיין בעסערע קינדער.

—אַז דער סוף איז גוט, איז אַלץ גוט,—האָט מאַדאַם שטאָר געלאַכט.

—איר זייט גערעכט,—האָט די אַלטע געזאָגט.—אָבער דער אָנהויב איז געווען אַ ביסל שווער. איר וועט מיר גלויבן? איינמאָל, בשעת זיי זיינען שוין געווען אינגאַנצן אויסגעוואַקסן און פאַרלאָרן דעם עק מיט די אַלע שאַלאַמויזן, האָב איך געוואָלט ערנסט איבערשמועסן מיט זיי. אָבער זיי האָבן מיך אויסגעלאַכט. זיי האָבן גאָרנישט געלאָזט ריידן אַ וואָרט. צולעצט האָט איינס פון זיי געזאָגט, אַז שולדיק אין דעם איז מסתמא די שלעכטע דערציאונג, און אַז מיט זייערע אייגענע קינדער וועט אַזעלכעס

נישט געשען. איך פרעג אייך, מיין טייערע, צי האָב איך נישט געאַרבעט פאַר זיי מיט אַלע כּוחות, זיי געלערנט און געמוסרט צו זיין לייטן גלייך?

—יאָ, אַזוי איז שוין שטענדיק מיט קינדער!—האָט מאַדאַם שטאָר איר צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

—נאַ!—האָט די אַלטע זיך אָנגערופן נאָך אַ שטילשווייגן.—זיי האָבן חוזר בתשובה געווען, און דאָס איז דער עיקר. ווידער וועלן מיר אַלע זיצן אין אונזערע לעכער אויפן גרונט פונם מילטייך און קיינעם וועט גאָרנישט קענען איינפאַלן, ווי צולאָזן און ווילד זיי זיינען געווען אין דער יוגנט.

ביי דידאָזיקע ווערטער האָבן ביידע ווייבער זיך פריינטלעך צושיידט

דער קרויטוואָרם.

דער גאַנצער קרויטגאָרטן האָט געשווירבלט און געגריבלט מיט קרויטווערם, און איינער פון זיי איז געווען גאָר אַ גרויסער וואָרם.

טאָג־טעגלעך איז ער אין עק גאָרטן אַרומגעקראָכן אויף אַ קעפּל קרויט. ער איז געווען טיף גרין, אַזוי ווי די בלעטער, אויף וועלכע ער איז געקראָכן, און געווען דיק און קיילעכיק, ווי אַ פּעסל. ער האָט געהאַלטן אין איין פרעסן און אַלע זיינע רעיונות האָבן זיך, קענטיק, געדרייט אַרום פרעס.

—געמיינער פרעסער! קישקע אָן אַ דעק! דו און דיינע ברידער פרעסן אויף מיינע קעפּלעך קרויט. איר זענט אַזויפיל, אַז מען קאָן אייך נישט פּטור ווערן.

—פרעסער! פרעסער!—האָט געזונגען דער סלאָוויק, וואָס איז געזעסן אין אַ זשאַסמינקוסט,—ער ווייס נישט פון קיין בלומען, מוזיק און געזאַנג. ער ווייס נאָר איין זאַך—פרעסן.

—פרעסער!—האָט געפייפט דאָס שוועלבעלע, וואָס איז געפלויגן איבערן קרויטגאָרטן מיט אירע לאַנגע שלאַנקע פליגלען.—ער

האָט נישט קיין שום חוש פאַר פּאָעזיע, זון און הימל און ווייס נישט פון קיין שום זאַך אויסער פּרעסן און פרעסן. און דער־צו איז ער גיפטיק, אַז מען קען אים אין מויל נישט נעמען.

—נאַרישע בריאה!—האָט צוגעוואָרפן די מוראַשקע, וואָס איז גראָד פאַרבייגעלאָפן מיט אַ קערנדל אין מויל.—צי האָט ער אין זינען אַ שטוב, קינדער, ווינטער־זאַפּאַסן און דעסגלייכן? ער ווייס נישט מער ווי פרעסן און פרעסן!

—מיין גאָט!—האָט דער קרויטוואָרם זיך אָנגערופן.—מער האָט ער קיין איין וואָרט נישט געקאָנט אַרויסברענגען. ער איז מבולבל געוואָרן פון די זידלערייען, וואָס האָבן זיך אַ שאָט געטאָן אויף אים פון אַלע זייטן.

אָבער בעת ער האָט געגעסן דאָס גרינע קרויט, האָט ער גע־האַט צייט צו טראַכטן וועגן אַלץ, וואָס ער האָט געהערט, און קודם כל וועגן דעם, וואָס די מוראַשקע האָט געזאָגט. און בעת די מוראַשקע איז ווידער פאַרבייגעלאָפן, האָט דער קרויטוואָרם זי אָפּגעשטעלט.

—היי, מוראַשקע,—האָט ער געשריען,—וואַרט אַ ווײַלע און זאָג מיר, וואָס האָסטו עפּעס פריער גערעדט וועגן קינדער. צי ווייסטו נישט, אַז איך בין נאָך אַליין אַ קינד, און איך ברויך נאָך אַ היבש ביסל צייט צו ווערן גרויס און שיין?

די מוראַשקע איז געבליבן שטיין אַזוי פאַרגאַפט און פאַרחדושט, אַז זי האָט לאַנג נישט געקענט קומען צו זיך.

—דו ביסט נאָך אַ קינד?—האָט זי זיך צולעצט אָנגערופן.—כלעבן, אַ שיין קינד! אַ העלפאַנד ביסטו—פּונקט מאָל אַזוי גרויס ווי איך, און נאָך אַ קינד? אויב אַזוי קאָן איך מיר גאָרנישט פאָר־שטעלן, ווי אַזוי דו וועסט אויסזען גרויסערהייט.

—איך ווייס אַליין נישט, ווי איך וועל דעמאָלט אויסזען,—האָט דער קרויטוואָרם שטיל געזאָגט,—אָבער איך שפּיר עס. איך קאָן דיר נישט דערקלערן, וואָס איך פיל צייטנווייז אין מיר. איך האָב אַ פאָרגעפיל, אַז פון מיר וועט אַרויסוואַקסן אַ גרויס און שיין באַשעפעניש—מען זאָל מיר נאָר לאָזן וואַקסן. איך וועל

נאָך אַמאָל אַרומפֿליען אין גאָרטן אויף שיינע פֿליגלען, ווען איך וועל פֿאַרוואַנדלט ווערן אין אַ שמעטערלינג—דו וועסט עס נאָך דערלעבן, מיין פריינט! איר וועט נאָך אַלע דערלעבן מיין גדולה!..

—טפוי!—האָט אַ שפּיי געטאָן די פֿאַרשמייעטע מוראַשקע.—עס איז פּשוט אַ חרפּה צו הערן אַזעלכע נאַרישקייטן. פֿאָרגעפּיל? וואָס הייסט פֿאָרגעפּיל? דו רייד מיר בעסער פון אַרבעט, פון פּראַצע, פון אַ פֿאַמיליע, פון קינדער, אָבער נישט פון פֿאָרגעפּילן!.. נאַרישקייטן! אַ גוטן טאָג, נאַרישער קרויטוואָרם.

און די מוראַשקע איז אַוועקגעלאָפן און זיך אָפּגעשטעלט אַ פּאָר טריט ווייטער אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם. די זון האָט געברענט, און דער קרויטוואָרם האָט זיך געוואַרעמט אין אירע שטראַלן און געפרעסן דאָס גרינע קרויט.

ס'איז געווען מיטאָגצייט און אַזוי הייס, אַז דער סלאָוויק האָט בישט געקאָנט מער זינגען פון היץ. ער האָט געשוויגן און געכאַפּט אַ דרימל. דאָס שוועלבעלע איז אַרויפגעפֿלויגן גאַנץ הויך צו טרינקען פרישע לופט, די מוראַשקע האָט געטראָגן אירע קליינע ווייסע אייעלעך אויף דער זון, און דער גערטנער איז געזעסן מיט זיין ווייב און קינדער אונטער אַ פֿאַרצווייגטן בוים און געגעסן מיטאָג.

אָבער דער קרויטוואָרם האָט אַלץ געפרעסן און געפרעסן.

פּלוצלונג האָבן זיך באַוויזן אין לופטן, איבערן קרויטגאָרטן, מחנות שוואַרצע פּינטעלעך. זיי האָבן געטאַנצט און געהאָפּקעט אַרויף און אַראָפּ. צולעצט האָבן זיי זיך אַראָפּגעלאָזט כמעט איבערן קרויטוואָרם, און ער האָט געזען, אַז דאָס זיינען שיינע קליינע ברואימלעך מיט פיינע קלאָרע פֿליגעלעך.

—ווער זענט איר? וואָס ווילט איר?—האָט זיי דער קרויטוואָרם אַ פרעג געטאָן.

—מיר זיינען מאַמעס,—האָבן די קליינע ברואימלעך געענטפערט,—און מיר זוכן אַ פּלאַץ פאַר אונזערע קינדער.

—דאָס איז גאַנץ פיין פון אייער זייט,—האָט דער קרויטוואָרם

געזאָגט און זיך דערמאָנט אין דער מוראַשקעס ווערטער,—אָבער איך קאָן אייך נישט סובל זיין.
—וואָס רעדט איר?—האָבן די קליינע ברואימלעך באַדויערט.—מיר האַלטן דאָך פון אייך אַזוי שטאַרק.
און מיט דידאָזיקע ווערטער האָבן צענדליקער פליגעלעך זיך אַרויפגעזעצט אויפן רוקן פונם קרויטוואָרם.
דער קרויטוואָרם האָט זיך פלוצלונג צעשריען:
—אוי, אוי! געוואַלט, ראַטעוועט, באַנדיטן זיינען מיך באַפאַלן!

די קליינע ברואימלעך האָבן זיך ווידער אויפגעהויבן אין דער לופט, אָבער נישט אַזוי הויך. זיי האָבן געשוועבט אויף זייערע קלאָרע פליגעלעך סאַמע איבערן רוקן פונם קרויטוואָרם.
—ווער זענט איר?—האָט ער געפרעגט און זיך געקאָרטשעט פאַר יסורים.—וואָס האָב איך אייך געטאָן, וואָס איר האָט מיך אַזוי צעשטאָכן?
—יעדער זאָרגט פריער פאַר זיך,—האָבן געענטפערט די פליגעלעך,—און מיר מוזן זאָרגן פאַר אונזערע קינדער. מיר הייסן שלופּוועספּן. דאָס איז אַפילו נישט קיין שיינער נאָמען, אָבער פאַרפאַלן—אַזוי הייסן מיר. איבריגנס, זיינען מיר נאָנטע קרובים מיט די מוראַשקעס, וועלכע איר קענט מסתמא.
—די משפחה איז אַ גאַנץ שיינע,—האָט געקרעכצט דער קרויטוואָרם,—אָבער איך פאַרשטיי נישט, פאַרוואָס די גאַנצע וועלט זידלט מיך און שטעכט מיך און פראַוועט ליצנות איבער מיר. וואָס האָט איר איצט געטאָן מיט מיר?
—דאָס וועט איר אינגיכן געוואָר ווערן,—האָבן געענטפערט די שלופּוועספּן.—דערווייל אַ גוטן טאָג!
זיי האָבן זיך אויפגעהויבן אין דער לופט, ווי קליינע שוואַרצע פּינטעלעך און זיינען נעלם געוואָרן.
דער קרויטוואָרם האָט טיף און לאַנג געזיפצט פון ווייטאָג. דאָך האָט ער נישט געקאָנט פאַרגעסן אָן די בייזע געסט, וואָס זיינען אים באַפאַלן ווי גזלנים.
אין אַ צייט אַרום האָט ער געמאַכט אַ פיינלעכע אַנטדעקונג.

ער האָט איינגעזען, אַז ער קען גאָרנישט זאַט ווערן. וואָס מער ער האָט געפרעסן, אַלץ מער האָט אים געפייניקט דער הונגער. ער האָט פאַרשלונגען איין קרויטבלאַט נאָכן אַנדערן און דער־ביי האָט ער געליטן גרויסע הונגער־יסורים.

—וואָס קאָן עס זיין!—האָט ער זיך געפרעגט מיט גרויס פחד.

—דאָס זיינען מ י ר!—האָט עמיץ געענטפערט אין זיין בויך.

—וואָס הייסט עס?—האָט דער קרויטוואָרם געפרעגט און זיך צו־בויפגעקאָרטשעט פון פחד.—צי איז אַריין אַ דבוק אין מיר, אָדער איך בין משוגע געוואָרן?

—דאָס זיינען מיר—די קינדער פון די שלופוועספן!—האָט מען ווידער געענטפערט פון זיין בויך אַרויס.

דעם קרויטוואָרם איז פינסטער געוואָרן פאַר די אויגן. אָבער אַז ער איז געקומען אַ ביסל צו זיך, האָט ער שוין פאַרשטאַנען זיין אומגליק.

—די שלופוועספן האָבן אַריינגעלייגט זייערע אייעלעך אין מיין גוף!—האָט ער ווילד אויסגעשריען.—און איצט וועל איך אפשר מוזן פאַשען אַ גאַנצע באַנדע פרעסערס?

—גאַנץ ריכטיק!—האָבן די קליינע געענטפערט פון אינעווייניק.—דו האָסט געטראָפן. אָבער רייד נישט קיין סך, דו פוילער וואָרם, און נעם זיך בעסער צום פרעסן. פרעס ביז דו וועסט צופלאַצט ווערן, ביז דו וועסט אַ מיתה־משונה איינעמען. אַ נישט וועלן מיר דיך אַליין אויפפרעסן...

און זיי האָבן אים גענומען רייסן און בייסן.

—אוי, אוי!—האָט געשריען דער וואָרם—איך וועל עסן! עסן! עסן!

—אָבער געשווינט! געשווינט! מיר זיינען טויט־הונגעריק.

און דער קרויטוואָרם האָט געפרעסן נאָך מער ווי פריער און אַלץ איז געווען ווייניק. אַליין אַ הונגעריקער און פאַרשמאַכטער, האָט ער לויטער געהערט, ווי דאָס קליינוואַרג אין זיינע גע־

דערם שרייט: עסן! עסן! די מוראַשקע, דאָס שוועלבעלע און
דער סלאָחיק האָבן אַלע טאָג געחוזק פון אים, און דער גערט־
נער האָט געקלאַפּט מיט זיין שטעקן אין קרויט אַריין, צו דער־
הרגענען די ווערם.

דער קרויטוואָרם האָט געמוזט אַלץ אָננעמען פאַר גוט און האָט
געאַרבעט איבער זיינע כוחות.

—לאַכט, לאַכט פון מיר! —האָט ער זיך אָנגערופן צו זיינע שכנים.—
ווען איר וואָלט וויסן, ווי שלעכט מיר איז, וואָלט איר שוין
נישט אַזוי געלאַכט. דאָס, וואָס איך דערגרייך און באַקום, גייט
נישט פאַר מיין טובה וועגן, נאָר פאַר די קינדער פון די שוואַר־
צע פליגעלעך, וואָס ליגן אין מיר... אוי, ווי איז מיר!

און ער האָט ווייטער און ווייטער געפרעסן. צולעצט האָט ער
שוין נישט געקאָנט אויסהאַלטן. דעם גאַנצן טאָג האָט ער גע־
פילט, ווי דאָס קליינוואַרג וואַנדערט אַרום אין אים. דורכגענו־
מען פון מוראדיקע יסורים, האָט ער זיך געדרייט און געקאָר־
טשעט אויפן קרויטבלאַט און געשריען נישט מיט זיין קול:

—ראַטעוועט! ראַטעוועט!

—פרעסט מיך שוין ליבערשט אויף איינגאַנצן! —האָט ער געשריען
צום קליינוואַרג.—לאָמיך בעסער גלייך שטאַרבן—איך קאָן שוין
מער אַזאַ לעבן נישט פאַרטראָגן.

—וואָס פלוידערסטו? —האָבן די קליינע געלאַכט אין אים.—אַזוי
גרינג גייט עס נישט. ווען ס'וועט קומען די רעכטע צייט, וועלן
מיר דיך שוין צורעכט מאַכן, זאָרג נישט. דערווייל מוזטו נאָר
שוויגן און פרעסן.

מיט יעדן טאָג זיינען די קליינע געוואָרן גרעסער און מיט יע־
דער מינוט האָבן זיי געוואָלט אַלץ מער עסן. און אַז זיי האָבן
שוין נישט געקאָנט מער זאַט ווערן מיט דעם, וואָס דער קרויט־
וואָרם האָט זיי געליפערט, האָבן זיי זיך צוגעכאַפּט צו די צוויי
גרויסע פעטסרעזערוון, וואָס דער קרויטוואָרם האָט אָפּגעשפּאָרט
און אָנגעזאַמלט אין דער שיינער צייט, איידער די שלופוועספּן
האָבן זיך באַזעצט ביי אים אין לייב. ער האָט זיי צוגעגרייט

פאַר די פיס און פליגלען, בעת ער וועט אַמאָל ווערן אַ שמעטערלינג, אָבער איצט, אַז ער האָט צוגעזען, ווי מען נעמט איס צו די טייערע שטיקער פעטס, האָט ער זיך שטאַרק צעקלאָגט און צעיאָמערט.

—ווײ, ווײ, וואָס זיי מאַכן מיט מיר!—האָט ער געקלאָגט,—איך וועל שוין קיינמאָל נישט פליען ווי אַ שמעטערלינג איבערן גאָרטן.

—איך האָב דיר אַלעמאָל געזאָגט, אַז דיין האָפנונג צו ווערן אַמאָל אַ שמעטערלינג, איז אַ פוסטער חלום!—האָט די מוראַשקע, וואָס איז גראָד פאַרבײגעגאַנגען, אַ זאָג געטאָן גראָב און האַרב.

דער קרויטוואָרם האָט זיך געקאָרטשעט פון יסורים.

הער,—האָט ער זיך אָנגערופן צו דער מוראַשקע.—אויב דו האָסט אַ פונק רחמנות אין דיר, טאָ העלף מיר אין מיין נויט!

און ער האָט דערציילט דער מוראַשקע אַלץ, וואָס מיט אים איז געשען. דאָס שוועלבעלע און דער סלאָוויק זיינען אויך צוגעגאַנגען און זיך איינגעהערט, און דער קרויטוואָרם האָט זיי געבעטן מיט ביטערע טרערן, זיי זאָלן אים העלפן.

—איך בין דאָך פון אייער משפחה,—האָט ער צולעצט געזאָגט.—העלפט מיר, וועט איר זען, וואָס פאַר אַ שיינער שמעטערלינג פון מיר וועט אַרויסקומען.

דאָס שוועלבעלע און דער סלאָוויק האָבן זיך איבערגעקוקט און געשאָקלט מיטן קאָפּ. אָבער די מוראַשקע, וואָס איז געווען קליגער פון זיי, האָט זיך ערנסט אָנגערופן:

—וואָס שייך דער קרובהשאַפט, קאָן זיין, אַז דו ביסט גערעכט. אָבער קיין שמעטערלינג וועסטו שוין נישט ווערן. דאָס איז נישט מער ווי אַן איינרײדעניש. דו בעטסט, מען זאָל דיר העלפן, אָבער מיט וואָס קען איך דיר, אַ שטייגער, העלפן? דו מוזט פאַרקוועטשן די ליפן און געדולדיק טראָגן דיין גורל.

—איך קאָן שוין נישט מער!—האָט דער קרויטוואָרם געשריען מיט די לעצטע כוחות.—איך וועל שטאַרבן! געוואַלד, העלפט

מיר, פאַרלאָזט מיך נישט! אויב איך וועל שטאַרבן, שטאַרבט אַ שמעטערלינג, איר זאָלט עס געדיינקען!
—מאַך נישט אַזאַ געוואַלט,—האָט זיך די מוראַשקע ווידעראַמאָל אָנגערופן.—אויב ס'זאָל אַפילו זיין אמת דאָס, וואָס דו זאָגסט, איז עס אויך נישט קיין גרויס אומגליק. לאָז געמאַך און ווער אַנטשטומט. די צייט איז קורץ און איך קען מיט דיר לאַנג נישט טענהן. אויב דו ווילסט אויסהערן מיין מיינונג אין קור־צע ווערטער, טאָ זיי וויסן, אַז דיין מאַמע האָט ווייניק גע־זאָרגט פאַר דיר און דיך געלאָזט אַריינפאַלן אין די הענט פון די שלופּוועספּן. און זיי מיר געזונט!..
און די מוראַשקע האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין גרויס איילעניש. דער סלאָוויק איז אַוועקגעפלויגן און זיך אַזוי זיס און ווייך צעזונגען אין דער אָוונטלופט, אַז אַלע האָבן זיך צוגעהערט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם און דאָס שוועלבעלע איז געפלויגן גאַנץ הויך, אָנזאָגנדיק, אַז מאָרגן וועט זיין אַ שיין וועטער.
און דער קרויטוואָרם האָט זיך הכנעהדיק איינגעדרייט אויף זיין קרויטבלאַט און געפרעסן, געפרעסן...
—הערט נאָר, עולם, ער וועט שוין צו איינג ביי אונז,—האָט צומאָרגנס איינע פון די שלופּוועספּן זיך אָנגערופן.—ס'איז פשוט נישטאָ מיט וואָס צו אָטעמען...
—דערצו האָב איך אַ גוטע עצה,—האָט זיך אָנגערופן אַ צווייטע.— מיר וועלן מאַכן לעכעלעך אין די לופטערן פון אונזער באַ־לעבאָס, וועלן מיר גלייך באַקומען פרישע לופט. מען באַדאַרף עס אָבער מאַכן פאָרזיכטיק, ער זאָל נישט דערשטיקט ווערן פאַר דער צייט.
באַלד זיינען געמאַכט געוואָרן לעכעלעך אין די לופטערן, אָבער דער קרויטוואָרם האָט אויפגעהויבן אַ געוואַלט אין הימל אַריין:
—לופט! לופט! גוואַלד, איך ווער דערשטיקט!
—דו וועסט נישט דערשטיקט ווערן, אָבער דו וועסט זיך מוזן באַנוגענען מיט ווייניק, נעם זיך ווידער צום עסן,—האָט מען אים געענטפערט פון מאָגן.

—אָבער איך קאָן נישט מער, —האָט געזאָגט דער קרויטוואָרעם און געוויינט מיט ביטערע טרערן.
אין אַ פּאָר טעג אַרום איז דער קרויטוואָרם געבליבן ליגן אָן כּוחות און די קליינע שלופוועספּן האָבן געשמועסן צווישן זיך:

—איצט וועט שוין טאַקע נעמען אַ סוף!..
און מען האָט גענומען פּרעסן דעם באַלעבאָס.
אין אָוונט האָבן זיי אויפגעפרעסן זיינע שיריים. פון דעם טויטן וואָרם איז געבליבן נישט מער ווי די הויט. זי איז געווען טרוקן און איינגעשרומפּן און איז, אַ צעקנייטשטע, ווי אַ שמאַטקע, געלעגן אויף דער ערד. די יונגע שלופוועספּן האָבן זיך איינגעהילט דערין ווי אין אַ וואַרעמען פּעלץ.
אין איין שיינעם פרימאָרגן זיינען זיי אַרויסגעפלויגן פון דאָרט. דאָס זיינען געווען שיינע קליינע בריאימלעך מיט לייכטע קלאָרע פליגעלעך, ווי זייערע עלטערן.
הוראַ!—האָבן זיי אויסגערופן.—איצט דאַרף מען אויסזוכן עפּעס אַ רעכטן קרויטוואָרם פאַר אונזערע קינדער. יעדער מוז זאָרגן פאַר זיך און פאַר זיין געזינדל. ס'איז גאָרנישט קיין בייז, ווען עס וועט זיין ווייניקער מיט אַ פיר ווערם. צו דער אַרבעט, חברה, מען מוז זיך איינאָרדנען! מען דאַרף לעבן, האָבן קינדער און עסן!
—אַוודאי דאַרף מען עסן!—האָט צוגעפּייפט דאָס שוועלבעלע, וואָס האָט אין דעם אויגנבליק אויפגעגעסן איינע פון זיי...

דער צווייפיסלער

I

די אַלטע בעלי־חיים.

דאָס איז געווען אַמאָל, אַמאָל, מיט אַסך יאָרן צוריק. געווען איז עס אין די וואַרעמע לענדער, וואו די זון לייכט שטאַרקער ווי ביי אונז, דער רעגן פאַלט געדיכטער, און אַלע בעלי־חיים און פלאַנצן געראָטן בעסער, ווייל דער ווינטער דריקט זיי נישט.

דער וואַלד איז געווען פול מיט לעבן און באַוועגונג.

די פליגן האָבן געזשומעט, דער ווערבייטשיק האָט געפרעסן די פליגן און דער שפּאַרבער האָט געפרעסן די ווערבייטשיקעס. די בינען האָבן גענאָגט האָניק פון די בלומען, דער לייב האָט געברומט, די פייגלעך האָבן געזונגען, דער קוואַל האָט גערוישט, דאָס גראָז איז געוואַקסן און געגרינט, די ביימער האָבן זיך געהויבן מיט זייערע צווייגן, די וואָרצלען האָבן געצויגן זאַפט פון דער ערד און די בלומען האָבן געבליט.

און מיט איינמאָל איז געוואָרן מורהדיק שטיל, פונקט ווי אַלץ

וואָלט פלוצלונג איינגעהאַלטן דעם אָטעם און פאַרגליווערט געוואָרן. דאָס רוישן פון די צווייגן האָט פאַרשטומט. די פיילכעלעך האָבן אויפגעוואַכט פון זייערע חלומות און געקוקט פאַרגאַפט אַרויף. דער לייב האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און געבליבן שטיין מיט אויסגעשפּיצטע אויערן. דער הירש האָט אויפגעהערט צו צופּן דאָס גראָז, דער אָדלער האָט אויבן אין דער לופט געררוט אויף זיינע פליגלען און די קליינע מויז איז אַרויסגעקומען פון איר נאָרע און זיך צוגעהערט.

דורכן וואַלד זיינען געגאַנגען צוויי ברואים, וואָס זיינען געווען אַנדערש ווי די איבעריקע, און וואָס קיינער האָט זיי נאָך ביז אַהער נישט געזען.

זיי זיינען דרייסט און מונטער געגאַנגען. דער שטערן־הויך, דאָס אויג קלאָר. זיי האָבן זיך געהאַלטן ביי די הענט און זיך אומגעקוקט נייגיריק, פונקט ווי זיי וואָלטן נישט געוואוסט דעם וועג.

—וואָס זיינען עס פאַר אַ ברואים?—האָט געפרעגט דער לייב.

—דאָס זיינען אַזוינע בעלי־חיים,—האָט דער הירש באַמערקט.—זיי קענען גיין, אָבער זיי שטעלן משונה דעם פוס. פאַרוואָס שפּרינגען זיי נישט אויף אַלע פיר, זיי האָבן דאָך פיר פיס? אַזוי לאָזט זיך גיין שנעלער און באַקוועמער.

—עס איז נאָך נישט אַזוי ווי דו זאָגסט,—האָט זיך די שלאַנג אַריינגעמישט.—אָט האָב איך גאָרנישט קיין פיס, און באַגיי זיך גאַנץ גוט אָן דעם.

—דאָס זיינען גאָרנישט קיין בעלי־חיים!—האָט דער סלאָוויק אַ פייף געטאָן.—זיי האָבן דאָך נישט קיין פעדערן און קיין האָר—די עטלעכע האָר, וואָס זיי האָבן אויפן קאָפּ, זיינען דאָך אַזוי גוט ווי גאָרנישט.

—און קיין שופּן האָבן זיי אויך נישט,—האָט צוגעוואָרפן דער העכט, וואָס איז אויף אַן אויגנבליק אַרויסגעשוואומען פון וואַסער.

—מאַנכע באַנוגענען זיך מיט דער הוילער הויט,—האָט שטיל

אַריינגעבראַכט דער רעגנוואָרעם.
—זיי האָבן נישט קיין עק!—האָט זיך געחדושט די מויז.—דאָס זיינען נישט קיין חיות.
—איך האָב אויך נישט קיין עק,—האָט דער קראָט באַמערקט,— און דאָך וועט קיינער נישט זאָגן, אַז איך בין נישט קיין בעל־חי.
—זעט נאָר, זעט!—האָט זיך אָנגערופן דער לייב—איינער פון זיי האָט אויפגעהויבן אַ שטיין מיט זיין פאָדערשטער לאַפּע. דאָס, מוז איך מיך מודה זיין, וואָלט איך נישט געקענט באַווייזן.
—אָבער איך קען אויך די אייגענע קונץ!—האָט זיך דערהערט אַ קול פון אוראַנג־אוטאַנג.—איך מוז אייך זאָגן, אַז דאָס זיינען אמתע בעלי־חיים, און אויב איר ווילט—אַ זכר מיט אַ נקבה. זיי הייסן צווייפיסלער און זיינען ווייטע קרובים מיט אונז.
—אויב אַזוי,—האָט דער לייב געברומט,—טאָ למאי האָבן זיי נישט קיין פעלץ אויף זיך?
—אפשר האָבן זיי אים אויסגעטאָן?—האָט דער אוראַנג־אוטאַנג משער געווען.
—למאי באַגריסטו זיי נישט?—האָט געפרעגט דער לייב.
—איך קען זיך נישט מיט זיי,—האָט דער אוראַנג־אוטאַנג געזאָגט,— און ס'איז מיר גאָרנישט געלעגן זיך צו באַקענען מיט זיי. איך האָב געהערט פון זיי... דאָס איז אייגנטלעך אַ געמיינער סאָרט מאַלפּע. איך קען זיי שיינקען אַן אַפּעלסין, אויב זיי זיינען הונגעריק, אָבער איך קאָן מיך נישט אַראָפּלאָזן צו זיי.

—זיי זעען אויס זייער באַטעמט,—האָט דער לייב ווידעראַמאָל זיך אָנגערופן.—איך וואָלט געוואָלט פּרובן זייער פלייש.
—ביי מיר האָסטו געפּועלט,—האָט דער אוראַנג־אוטאַנג נאָכגעגעבן.— אונזער משפחה איז נישט געוואָרן מער יחוס דורך זיי... מיר ווילן זיי גאָרנישט קענען.
דער לייב האָט זיך אַפילו אַ לאָז געטאָן צו זיי, אָבער האַרט נעבן זיי האָט ער פלוצלונג פאַרלאָרן דעם מוט. ער האָט עס אַליין נישט רעכט פאַרשטאַנען, ווייל ביז אַהער האָט ער פאַר

קיינעם קיינמאָל נישט געשראָקן. די נייע בעלי־חיים האָבן עפּעס געהאַט אַזוינע וואונדערלעכע אויגן און זיינען געגאַנגען זייער וועג אַזוי דרייסט און פריילעך, אַז ער האָט געשפּירט אין זיי אַן אומבאַקאַנטע געהיימע קראַפט, וואָס האָט אים אָפּהענטיק געמאַכט. זייערע ציין און נעגל האָבן נישט געשראָקן. און ער איז זיי פאַרבייגעגאַנגען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

—למאי האָסטו זיי נישט צעריסן?—האָט אים די לייביכע אַ פרעג געטאָן.

—איך בין נישט געווען הונגעריק,—האָט ער זיך פאַרענטפערט.

ער האָט זיך אַנידערגעלייגט אין הויכן גראָז און געמאַכט אַן אָנשטעל, ווי זיי גייען אים נישט אָן. די איבעריקע חיות האָבן אויך געטאָן דאָס אייגענע: עס איז שוין אַן אַלטע טבע נאָכצוטאָן די שטאַרקע און רייכע. אָבער קיינער פון זיי האָט עס נישט געמיינט ערנסט, וואָרום אַלע האָבן בשתיקה געטראַכט בלויז פון די נייע בעלי־חיים.

דער צווייפיסלער און זיין פרוי זיינען אַלץ ווייטער געגאַנגען און מיט יעדן טריט האָבן זיי זיך אַלץ מער געקוויקט מיטן בלויען הימל און מיט דער גרינער ערד. זיי האָבן געשפּירט, אַז מיט זייער אָנקומען האָבן זיי אַרויסגערופן אַ גרויסע מהומה אין דער וועלט פון חיות און האָבן אויך נישט באַמערקט, ווי אַלע בעלי־חיים האָבן בשתיקה זיי נאָכגעשפּירט. אומעטום, וואו זיי זיינען געקומען, האָבן דיביימער איינגעבויגן די קעפּ און זיך געסודעט צווישן זיך, די פייגלעך האָבן זיי אונטערגעהאָלפן און פון יעדן קוסט און בלאַט האָט זיי נאָכגעקוקט אַ נייגיריק אויג.

—דאָ וועלן מיר וואוינען!—האָט דער צווייפיסלער זיך אָנגערופן צו זיין פרוי און אָנגעוויזן אויף אַ קליינער לאָנקע, מיט אַ זילבערנעם קוואַל, וואָס האָט זיך געשליינגלט צווישן גראָזן און בלומען.

—ניין—דאָ!—האָט זיין פרוי אָנגעוויזן אויף אַ דערבייאיקן וועלדל

מיט אַ טיפן שאָטן און אַ ווייכן מאָך, וואָס האָט געדיכט באַדעקט די ערד.

—ווי אויסטערליש עס קלינגען זייערע שטימען! —האָט דער סלאָוויק געזאָגט. —זיי האָבן מער טענער, ווי איך.

—ווען זיי וואָלטן נישט געווען אַזוי גרויס, וואָלט איך זיי פאַרבעטן צו מאַכן אַ נעסט נעבן מיר... —האָט זיך אָנגערופן עפּעס אַ פייגל.

ביידע בייע בעלי־חיים זיינען געגאַנגען ווייטער און געפונען אַלעמאָל נייע ערטער, וואָס האָבן אויסגעזען נאָך שענער ווי די פריערדיקע, אַזוי אַז זיי האָבן זיך נישט געקאָנט באַשליסן, וואו זיך צו באַזעצן. דאָ האָבן זיי באַגעגנט אַ הונט, וואָס האָט שטאַרק געהינקט: ער האָט אַ קלאַפּ געטאָן זיין לאַפּע אָן אַ שאַרפן שטיין.

דער הונט האָט זיי געוואָלט אָפּטרעטן דעם וועג, אָבער ער האָט זיך צו לאַנגזאַם באַוועגט. דעמאָלט האָט די פרוי פונם צווייפיסלער באַטראַכט זיין פאַרוואונדעטע לאַפּע.

—איך וועל דיר העלפן, אָרעם הינטל, —האָט זי געזאָגט. —וואַרט נאָר אַ ביסל! איך האָב מיר אַ נומעלט אַליין צעשניטן דעם פוס און זיך אויסגעהיילט מיט קרייטעכצער.

דער הונט האָט געזען, אַז מען וויל אים טאָן גוטס, איז ער געבליבן שטיין, און די פרוי איז אַוועקגעלאָפן נאָך קרייטעכצער. דער צווייפיסלער האָט אים דערווייל געגלעט איבערן רוקן און זיך אויסגעטענהט מיט אים און אַז די פרוי איז צוריקגעקומען מיט די קרייטעכצער, האָט זי זיי אַרויפגעלייגט אויף דער לאַפּע און אַרומגעבונדן זי מיט אַ לאַנגן גראָז.

—נו, איצט איז גוט, —האָט זי געזאָגט, —מאָרגן וועסטו ווייטער קענען לויפן.

זיי זיינען געגאַנגען ווייטער, דער הונט אָבער איז געבליבן שטיין און האָט זיי פריינטלעך נאָכגעקוקט און געדרייט מיטן עק. דעמאָלט האָבן זיך דערנענט צו אים פאַרשידענע בעלי־חייב און געפרעגט:

—דו האָסט גערעדט מיט די פרעמדע... וואָס האָבן זיי געזאָגט...

ווער פיינסטו, זיינען זיי?

—זיי זיינען בעסער פון די אַנדערע בעלי־חיים אין וואַלד,— האָט געזאָגט דער הונט.—זיי האָבן מיר פאַרבונדן די לאַפּע און געגלעט איבערן רוקן. איך וועל זיי עס קיינמאָל נישט פאַר־געסן.

—זיי האָבן דעם הונט פאַרבונדן די לאַפּע... זיי האָבן אים גע־גלעט דעם רוקן...—האָט זיך פאַנאַנדערגעטראָגן אַ געמורמל צווישן אַלע בעלי־חיים.

און דאָס אייגענע האָבן די ביימער געשעפּטשעט און די בלו־מען געפּליסטערט און די פירפּיסיקע זיינען אַרומגעלאָפן און נישט אויפגעהערט צו ריידן דערפון, און דער סלאָוויק האָט עס באַזונגען אין זיינע לידער. די נייע בעלי־חיים זיינען ווייטער געגאַנגען און האָבן לגמרי פאַרגעסן אין הונט.

צולעצט זיינען זיי געוואָרן אַזוי מיד, אַז זיי האָבן זיך געמוזט אַנידערזעצן אָפּרוען. זיי האָבן זיך אַריבערגעבויגן איבערן קוואַל און געטרונקען און געלאַכט פון זייערע פּנימער, וואָס האָבן זיך אָפּגעשלאָגן אין וואַסער. נאָכדעם האָבן זיי אָפּגעריסן פון די ביימער זאַפטיקע פּירות און אַזויאַרום געשטילט דעם הונגער.

אַז די זון איז אונטערגעגאַנגען, האָבן זיי זיך אַנידערגעלייגט אין גראָז, זיך אַרומגענומען און איינגעשלאָפן. אַ ביסל ווייטער איז געלעגן דער הונט מיטן קאָפּ צווישן זיינע פאָדערשטע פיס, און נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון זיי.

די לבנה האָט אַראָפּגעשיינט אויף זיי, און אירע זילבערנע שטראַלן זיינען געפאַלן אויפן גרויסן אָקס, וואָס איז גראָד פאַר־ביי־געגאַנגען און האָט באַטראַכט די נייע באַשעפענישן.

—מו!—האָט ער געזאָגט.

—בע!—האָט די לבנה אַראָפּגעלאַכט.—וואָס גלאָצטו דאָ מיט דיי־נע אויגן?

—איך באַטראַכט דידאָזיקע באַשעפענישן, וואָס ליגן דאָ און שלאָפן—האָט דער אָקס געזאָגט.—דו קענסט זיי?

די לבנה האָט געענטפערט:

—מיר שיינט, אַז מיט הונדערטער טויזנטער יאָרן צוריק זיינען אַזוינע באַשעפענישן אַרומגעקראָכן איבער מיין אויבערפלעך, אָבער איך קאָן עס נישט זאָגן באַשטימט. מיין זכרון איז די לעצטע הונדערט טויזנט יאָר אַ ביסל קאַליע געוואָרן. ווען נישט די צוציאונגסקראַפט, וואָלט איך זיכער פאַרבלאָנדזשעט אויף מיין וועג אַרום דער ערד.

—יאָ, אין יענע ענינים, וואָס זיינען שייך צום זכרון און בכלל צום דיינקען בין איך אויך נישט קיין בריה...—האָט דער אָקס באַשיידן געזאָגט.—איך האָב אָבער פחד.

—פאַר זיי שרעקסטו זיך?—האָט די לבנה געפרעגט.

—איך קאָן עס נישט פאַרשטיין,—האָט דער אָקס געכאָרכלט,—אָבער איך האָב זיי פיינט...

—אויב אַזוי, טאָ צוטרעט זיי מיט די פיס!—האָט די לבנה געצהט.

—איך האָב מורא,—האָט געענטפערט דער אָקס,—אַליין האָב איך מורא פאַר זיי. ווען עמעץ וואָלט מיר געהאָלפן, וואָלט איך עס געטאָן.

—איך נישט...—האָט די לבנה געזאָגט.—דאָס איז נישט מיין זאַך.

זי איז אַוועקגעשוואומען, און דער אָקס איז געבליבן שטיין און האָט מעלה־גרה געווען. דערביי האָט ער שטאַרק געקנייטשט דעם האַרטן שטערן, אָבער ער האָט גאָרנישט געקענט צוטראַכטן.

—איר שלאָפט?—האָט פלוצלונג אַ פרעג געטאָן דער שעפס און אויסגעשטרעקט זיין קאָפּ צום אָקס.

די לאָנקע האָט מיטאַמאָל אויפגעלעבט.

עס זיינען אָנגעקומען אַלע בעלי־חיים, וואָס האָבן נאָכגעשפּירט די צווייפיסלער אין זייער וואַנדערונג. סיי די, וואָס שלאָפן בייטאָג און גייען אַרויס ביינאַכט אויף געיעג, און סיי די, וואָס טוען זייער אַרבעט בייטאָג—אַלע האָבן פאַרלאָזט זייער באָרע און אַרבעט און אַלע האָבן שוין מער נישט געטראַכט אַפילו פון עסן. לייב און הירש, וואָלף און שעפס, קאַץ און מויז, פערד און אָקס און נאָך פיל, פיל אַנדערע חיות זיינען

צוזאַמען געשטאַנען אין גראָז. דער אָדלער איז געזעסן אויף אַ שפּיץ בוים צווישן קליינע וואַלד־פייגעלעך, דער אוראַנג־אוטאַנג איז געזעסן אויף אַן אונטערשטן צווייג און געגעסן אַן אַפּעל־סין. אַ הון איז געשטאַנען אויף אַ מוראַשניק נעבן אַ פוקס, און גענז און קאַטשקעס האָבן אויסגעצויגן זייערע העלזער, שווי־מענדיק אויפן וואַסער.

—מיר זיינען איצט אַלע צוזאַמען, קענען מיר זיך אַן עצה האַלטן,—האָט זיך ערנסט אָנגערופן דער לייב.

—צי ביסטו זאַט?—האָט דער אָקס געפרעגט מיט הכנעה.

—אַ שאלה אַ ביסל? ווען איך וואָלט געווען הונגעריק, וואָלט איך מיט דיר אַנדערש געשמועסט. אין דערדאָזיקער נאַכט זיינען מיר פריינט און פאַרבינדעטע...—האָט דער לייב גרויסמוטיק גע־זאָגט.

—אויב אַזוי, לייג איך פאָר, מען זאָל אָן שום טענות און מענות מאַכן אַ סוף מיט די פרעמדע בעלי־חיים. לאָמיר זיי טויטן!—איז דער אָקס אַרויסגעטראָטן פאָרויס.

—וואָס פאַלט דיר איין, מגושם?—האָט דער לייב געפרעגט,—דו ביסט דאָך תמיד געווען אַ שטילער בעל־חי, וואָס רירט נישט אָן קיין פליג אויף דער וואַנט. וואָס ביסטו מיט אַמאָל עפּעס געוואָרן אַזאַ רוצח?

—איך קאָן עס אייך נישט דערקלערן,—האָט דער אָקס געזאָגט,—איך פיל אָבער, אַז מיר דאַרפן זיי טויטן וואָס גיכער, ווייל מיר וועלן האָבן פון זיי צו זינגען און צו זאָגן. אויב איר האָרכט מיך נישט, וועט איר חרטה האָבן.

—איך בין מסכים מיטן אָקס,—האָט צוגעבאָמקעט דאָס פערד.—אָקס, מאַך אַ סוף מיט זיי, און וואָס פריער, איז אַלץ בעסער.

—דערהרגעט זיי, דערהרגעט זיי!—האָט געשריען דער שעפּס און דער הירש אין איין קול.

—גוט אַזוי! גוט אַזוי!—האָט געשריען די קאַטשקע, די גאַנז און די הון.

—איך הער עס צום ערשטן מאָל אין לעבן!—האָט דער לייב

זיך אָנגערופן.—די סאַמע שטילע און פרידלעכע בעלי־חיים ווילן דוקא דערהרגענען די פרעמדע. וואָס האָט איר צו זיי? וואָס האָבן זיי אייך געטאָן פאַר אַ בייז? למאי האָט איר מורא פאַר זיי?

—איך ווייס אַליין נישט,—האָט דאָס פערד געזאָגט,—אָבער איך פיל, אַז זיי זיינען געפערלעך. איך פיל עס מיט אַלע מיינע פערדישע חושים.

—אַז איך קוק אויף זיי, נעמט מיך דורך אַ שוידער.

—איך כאַפּ אויך אַ ציטער, פונקט ווי מען וואָלט מיר אַראָפּגע־נומען די וואָל,—האָט זיך געחדושט דער שעפּס.

—איך האָב דאָס געפיל, ווי מען וואָלט מיך ברענען און בראָטן אויפן פייער...—האָט אויפגעציטערט די גאַנז.

—און מיר פילן זיך אַזוי ווי מען וואָלט אונז געפּרעגלט!..—האָט געשריען די קאַטשקע מיט דער הון.

—אַ מאָדנע זאַך,—האָט זיך געחדושט דער לייב,—איך האָב קיין־מאָל אַזוינס נישט געהערט, און איך פאַרשטיי אייך נישט. וואָס קענען די פרעמדע אייך טאָן, פרעג איך אייך? זיי גייען אַרום הויל און נאַקעט, עסן אַפּעלסינען, עפּל און דעסגלייכן און טוען קיינעם נישט קיין שלעכטס. זיי גייען נעבעך אויף צוויי פיס, בעת איר גייט אויף פיר, אַזוי אַז איר קאָנט לייכט אַנטרונען ווערן פון זיי. הערנער און קלויען האָט איר, און נישט זיי, היינט וואָס זשע האָט איר מורא?

—דו ווייסט, זאָג איך, חרטה האָבן!—האָט געסטראַשעט דער אָקס.—די ביידע בעלי־חיים זיינען אונזערע שונאים. די סכנה איז גרויס פאַר דיר ווי פאַר אונז אַלע.

—איך ווייס נישט פון סכנות און פחד!—האָט דער לייב גע־ברומט.—איז נישטאָ דאָ אַזאַ איינער, וואָס זאָל וועלן פאַרוואַרפן אַ גוט וואָרט פאַר די פרעמדע?

—ווען זיי וואָלטן נישט געווען מיינע קרובים, וואָלט איך עס געקרן געטאָן,—האָט זיך דער אוראַנג־אוטאַנג אָנגערופן.—אָבער מען וועט זאָגן, אַז איך בין אַ נוגע בדבר. לאָז זיי לויפן! זיי זיי־נען לגמרי נישט שעדלעך.

—לאָזט מיר אויך צו וואַרפן אַ וואָרט צו זייער זכות,—האָט דער הונט אַ זאָג געטאָן.—זיי האָבן אויסגעהיילט מיין לאַפּע, און איך מיין, אַז זיי זיינען קליגער און בעסער פון אייך אַלעמען. איך וועל זיי אויף מיין לעבן קיינמאָל נישט פאַרגעסן, ווייל זיי האָבן מיר פּשוט געראַטעוועט דאָס לעבן...

—דאָס איז אָרנטלעך פון דיין זייט, פעטער,—האָט דער לייב געשאָקלט מיטן קאָפּ.—דו ביסט אַ גוטער, און מען זעט, אַז דו ביסט פון אַ פיינער משפּחה. איך גלויב נישט, אַז די צווייפיסלער זאָלן אונז זיין געפערלעך, און איך וויל זיי נישט טאָן קיין שום בייז, סיידן אַז איך וועל ליידן הונגער און וועל טועם זיין פון זייער פלייש. דעמאָלט איז אַן אַנדער זאַך. הייַנט בין איך זאַט און וועל גיין אַהיים שלאָפן. אַ גוטע נאַכט, מייַנע הערן!

קיינער פון די בעלי־חיים האָט זיך נישט דערוועגט צו זאָגן מער אַ וואָרט. שטיל, אַזוי ווי זיי זיינען געקומען, זיינען זיי זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען. די נאַכט איז אַריבער און אין דער מזרחזייט האָט שוין געשפּראָצט דער טאָג.

פלוצלונג האָט זיך באַוויזן דער אָקס און דאָס פערד און דער שעפּס און די ציג, און הינטער זיי איז מיט אַלע כוחות געפלויגן די גאַנז און די קאַטשקע און די הון. דער אָקס איז געלאָפן פאָרויס מיט אַראָפּגעבויגענע הערנער. ער איז געלאָפן צום געלעגער פון די פרעמדע.

דאָ האָט ער זיך אָבער אָנגעשטויסן אויפן הונט, וועלכער האָט אָנגעהויבן שטאַרק צו בילן. די צווייפיסלער, וואָס האָבן געשלאָפן, זיינען אויפגעשפרונגען.

זייערע שלאַנקע גלידער האָבן זיך פיין געצייכנט אינעם שיין פון דער אויפגייענדיקער זון און פון די אויגן האָט אַרויסגעלויכטן אַ מענטשלעכע נשמה.

די חיות און עופות זיינען פאַרציטערט געוואָרן און האָבן געמאַכט פליטה.

—איך דאַנק דיר, מיין אַלטער פריינט!—האָט דער צווייפיסלער געזאָגט און אַ גלעט געטאָן דעם הונט.

די דאַמע האָט ווידעראַמאָל באַטראַכט די קראַנקע לאַפּע פונם הונט. זי האָט געשמייכלט און גערעדט צו אים מיט אַ ווייכער האַרציקער שטים. און דער הונט האָט איר וואַרעם געלעקט די הענט.

דערנאָך האָבן די פרעמדע זיך אויסגעבאָדן אין טייכל, דער צווייפיסלער האָט אַרויפגעקלעטערט אויף אַן עפּלבוים און אָפּ־געריסן עפּל פאַר זיך און פאַר זיין ווייב.

אויף דעמזעלבן בוים איז געזעסן דער אוראַנג־אוטאַנג און האָט געקייט אַן עפּל.

—אַוועק פון דאַנען!—האָט דער צווייפיסלער אַ זאָג געטאָן צו אים און בעת־מעשה אים צוגעסטראַשעט מיטן פינגער.—דער־דאָ־זיקער בוים איז מיינער, זאָלסט עס וויסן! דיין האַנט זאָל זיך נישט דערוועגן אָנצערירן אַפילו איין עפּל, דו הערסט?!

—צו אַלדע שוואַרציאָר!—האָט דער אוראַנג־אוטאַנג זיך צעקאָכט.—וואָס רעדסטו עס צו מיר מיט אַזאַ טאָן? נעכטן אויף דער פאַר־זאַמלונג פון חיות האָב איך דיך פאַרטיידיקט, בעת אַלע אַנדע־רע חיות האָבן דיך געוואָלט צערייסן. האָסטו דאָס פאַרדינט, האַ?

—אַוועק! דו העסלעכע מאַלפּע!—האָט דער צווייפיסלער געשריען.

ער האָט אָפּגעבראָכן אַ צווייג פון אַ בוים און דערלאַנגט דעם אוראַנג־אוטאַנג אַ פּאָר גוטע קלעפּ. יענער האָט זיך צעוויינט און איז אַנטלאָפן ווייט אין וואַלד.

II

דער יונגער דור.

דער וואַלד האָט גערוישט און געקאָכט פון אַרבעט.

אַלע נקבות האָבן געהאַט אייער אָדער קינדער, און אַלע זכרים האָבן געמוזט שאַפן צו עסן. יעדער איז געווען פאַרנומען מיט זיך און האָט זיך ווייניק געקימערט וועגן זיין שכן, סיידן ער האָט אים געוואָלט אויפרעסן.

די נייע בעלי־חיים האָבן זיך באַזעצט אויף אַן אינזל ביי אַ וואַסער.

זיי האָבן עס געטאָן צוליב דעם, ווייל דער לייב האָט זיי אַמאָל באַגעגנט ביים ברעג וואַלד. ער האָט זיי אַפילו נישט אָנגערירט, אָבער ער האָט געוואָרפן אויף זיי אַזאַ בייזן בליק, אַז מאַדאַם צווייפיסלער האָט אויפגעציטערט.

—ער וועט אונז נאָך אַמאָל באַפאַלן, געדיינק!—האָט זי געוואָרנט דעם מאַן.—איך האָב מורא צו שלאָפן אויף דער לאָנקע.

דעמאָלט האָבן זיי זיך באַזעצט אויף דער אינזל, וואָס זיי האָבן אַנטדעקט. זיי האָבן דאָרט אויסגעבויט אַ הייזל פון צווייגן און גראָז. אינדערפרי האָבן זיי אַריבערגעשוואומען דאָס וואַסער און

גערייסן פּירות אין וואַלד און ביינאַכט האָבן זיי געשלאָפן אין זייער הייזל. די חיות האָבן זיך ביסלעכווייז צוגעוויינט צו זיי און ס'איז מער נישט געווען קיין אסיפות וועגן זיי. דער הונט פלעגט אַלע פרימאָרגן קומען צו זיי אויף דער אינזל און פלעגט זיי אָפּבילן זיין גוט־מאָרגן, אָבער דער אוראַנג־אוטאַנג האָט זיי אומעטום באַרעדט.

נאָר די חיות האָבן על־פּי־רוב געענטפערט דעם אוראַנג־אוטאַנג:

—וועמען גייט עס אָן? מען ווייס, ווי עס פירט זיך צווישן אייגענע!..

איינמאָל ביינאַכט האָבן די נייע בעלי־חיים באַקומען אַ קליינס.

—מאַדאַם צווייפיסלער האָבן געהאַט אַ קינד!—האָט דער ווערביי־טשיק, וואָס קומט אומעטום און ווייס פון אַלע נייס, פאַרציילט אין וואַלד.

—איך בין זייער טשיקאַווע,—האָט זיך אָנגערופן פרוי סלאָוויק.— איך וואָלט געוואָלט אָנקוקן, זען דאָס קליינס. מיינע אייער וועלן פאַר דער צייט, חלילה, נישט אָפּקילן.

—דער פוקס איז נישטאָ, קאָן איך מיך אויך אַראָפּלאָזן און אַ קוק טאָן דאָס קליינס,—האָט די גאַנז געזאָגט.

ביים וואַסער האָט זיך פאַרזאַמלט אַ היבשער עולם, וואָס איז געווען זייער נייגיריק.

אַלע ווייבער האָבן פאַרלאָזט זייער באַלעבאַטישקייט צוליב דעם נייגעבוירענעם צווייפיסלער.

די יונגע מוטער איז געזעסן אין גראָז מיטן קינד ביי דער ברוסט, און איר מאַן איז געשטאַנען דערביי און געקייט אַן אַפּעלסין.

—ער איז נישט בעסער, ווי אַנדערע מאַנסלייט!—האָט מאַדאַם הירש אַ זאָג געטאָן.

—פאַראַן נאָך ערגערע!—האָט מאַדאַם קראָט זיך אָנגערופן.—מיין מאַן פרעסט אויף די אייגענע קינדער, אויב איך נעם נאָר אַראָפּ אויף אַ ווײלע דאָס אויג פון זיי.

פרוי שפּין האָט זיך אַריינגעמישט:

—די מאַנסלייט זיינען טויגעניכטסן, איך האָב מיינעם אויפגע־געסן באַלד ווי איך האָב נאָר אָפּגעלייגט די אייער.
מאַדאַם סלאָוויק האָט אַ פייף געטאָן:
—לאָזט מיך צורו מיט אייערע ווילדע מעשיות! כּלעבן, איר מאַן האָט איר געמעגט עפּעס אויסזינגען. מיין מאַן טוט אַלע־מאָל אַזוי.
מאַדאַם ראָרזינגער האָט זיך געלאָזט הערן:
—קוקט נאָר אָן דאָס קליינע, ווי שיין ס'איז!!
—אַ קליין שוואַך באַשעפעניש!—האָט שוין פרוי הירש געזאָגט.—ס'קאָן נאָך נישט שטיין אויף די פיס. און דער ווערבייטשיק זאָגט, אַז ס'איז נאָך נעכטן ביינאַכט געבוירן געוואָרן. אַז מיין קינד איז אַלט געווען אַ שעה, איז עס שוין אַרומגעשפּרונגען אויף דער לאָנקע.
מאַדאַם קענגורו האָט אויך אַריינגעשטעלט איר וואָרט:
—איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געזען, אַז מען זאָל אַזאַ פּיצל אַרומטראָגן אויף די הענט. וואָלט עס געווען מיינס, וואָלט איך עס אַריינגעלייגט אין בייטל, ביז ס'וואָלט זיך געקאָנט אַליין העלפן. אָבער די אומגליקלעכע פרוי האָט דאָך גאָרנישט קיין בייטל!
—עס קאָן זיין, אַז ס'איז בלינד,—האָט פרוי פוקס באַמערקט.—מיינע קינדער זיינען בלינד ניין פולע טעג.
—פאַרגעסט נישט,—האָט דער אוראַנג־אוטאַנג שטיל אַ זאָג געטאָן,—אַז דאָס זיינען אָרעמע לייט, נעבעך. האָדעוען קינדער ביי אַזאַ דלות איז נישט פון די גרינגע זאַכן.
—וואָס פּלוידערט ער!—האָט מאַדאַם סלאָוויק זיך באַליידיקט.—דאָס קינד איז שיין און זויבער—יעדע מוטער קאָן עס זען. מאַדאַם צווייפיסלער! איר באַדאַרפט אייער קליינס צופּאַשען אַ ביסל מיט ווערימלעך, וועט עס ווערן פעט און קיילעכיק.

—און ביינאַכט דאַרפט איר גוט ליגן דערויף,—האָט פרוי ראָר־זינגער באַמערקט.—אַנישט וועט איר עס פאַרקילן.
—הערט זיי נישט, וואָס זיי פּלוידערן דאָרטן!—האָט פרוי הירש

אויסגערופן.—זויגט עס ווייטער, ווי ביז אַהער. דאָס איז דאָס בעסטע. און זעצט עס אויפן גראָז, ס'זאָל זיך לערנען לויפן. איר מוזט עס צוגעוויינען דערצו פון קליינערהייט אָן.
מאַדאַם צווייפיסלער האָט געקוקט און געקוקט אויף איר קינד, און נישט געהערט, וואָס אַלע האָבן איר געזאָגט. זיך אָנגעזויגן צו זאַט, האָט דאָס קינד אָנגעהויבן שרייען און וואַרפן מיט די קליינע הענטלעך און פיסלעך. דער צווייפיסלער האָט גענומען דאָס קינד אויפן האַנט און געטאַנצט דערמיט.
—זעט, ס'איז דאָך אַ נחת צו קוקן!—האָט מאַדאַם ראָרזינגער געזאָגט.
אָבער מאַדאַם הירש האָט אַריינגעבראָקט:
—ס'איז טאַקע אַ נחת צו קוקן, אָבער די עלטערן זיינען זייער גדולדיק ביי זיך. זיי ווילן זיך גאָרנישט אומקוקן אויף אונז...

באַלד דערויף האָט זי אַריבערגעשריען צו דער אינזל:
—איך זאָג אייך נאָכאַמאָל, אַז מילך איז די בעסטע זאַך. אויב איר וועט האָבן קנאַפּ צו זויגן, וועל איך גערן צוזויגן. מיין קליין הירשעלע, מיין בן־יחידל, איז די טעג געשטאָרבן, האָב איך מער ווי גענוג.
דערנאָך זיינען אַלע אַוועק אַהיים. יעדע איינע פון זיי האָט זיך געשראָקן פאַרן מאַן, ער זאָל זי נישט באַפאַלן מיט זידלערייפאַר ליידיקגיין און ניין מאָס רייד.
—איך גיי ברענגען אַפּעלסינען אָדער אַנדערע פּרוכטן,—האָט זיך אָנגערופן דער צווייפיסלער.—איך וועל זיך אפשר אַ ביסל פאַרזוימען, מחמת אין שכנות זיינען שוין אַלע פּרוכטן אַרומגעריסן געוואָרן.
—אָבער זוים זיך נישט צו לאַנג!—האָט אים אָנגעזאָגט די פרוי.—דו ווייסט, אַז ביינאַכט האָב איך מורא.
דער צווייפיסלער איז אַריבערגעשוואומען דאָס וואַסער און איז פאַרשוואונדן געוואָרן אין וואַלד. אין אַ שעה אַרום איז ער צוריקגעקומען מיט אַ פּאָר קליינע ווערעמדיקע פּרוכטן.
ער און די פרוי האָבן געשפּירט הונגער, אָבער אַז עס איז צו־

געפאַלן די נאַכט, האָבן זיי מורא געהאַט צו פאַרלאָזן די אינזל.

—היינט ביינאַכט האָב איך דאָ געזען אַ וואַסערשלאַנג,—האָט דער צווייפיסלער געזאָגט.—זי האָט געכאַפּט אַ גרויסן פיש און אים אויפגעפרעסן. אפשר זאָלן מיר אויך אַזוי טאָן?

—אדרבא, פרוב,—האָט די פרוי דערשלאָגן געזאָגט.—מען מוז דאָך עפּעס עסן!

דער מאַן איז אַוועק צום ברעג. ער האָט אָפּגעוואַרט אַ ביסל ביים וואַסער און האָט מיט די הענט געכאַפּט אַ גרויסן העכט. ער האָט אים אַרויפגעוואָרפן אויפן זאַמד, און דער העכט האָט זיך געצאַפּלט און אַרומגעוואָרפן מיט אַן אָפן מויל: ער האָט זיך געשטיקט אין דער לופט און געשריען מיט אַלע כּוחות:

—גוואַלד! גוואַלד! ראַטעוועט!

אָבער אין אַ שעה אַרום האָט דער צווייפיסלער צורעכט געמאַכט דעם העכט און אויפגעגעסן אים צוזאַמען מיט דער ווייב.

—ברייננ מיר מאָרגן ווידער אַ פיש,—האָט זי געזאָגט.—אַ פיש שמעקט מיר גאַנץ גוט.

צומאָרגנס איז ער ווידער געגאַנגען צום טייך. ער האָט שוין ווערסט געכאַפּט אַ פיש, אָבער אין דער אייגענער רגע האָט זיך אונטערגערוקט אַ וואַסערשלאַנג און האָט אים אַרויסגעכאַפּט דעם פיש פון אונטער די הענט.

דער צווייפיסלער איז אַריינגעפאַלן אין גרויס גרימצאָרן.

—טראָג זיך אָפּ פון דאַנען, באַנדיט!—האָט ער זיך צושריען און זיך געוואָרפן שלאָגן צו דער שלאַנג.

—באַנדיט רופסטו מיך?—האָט געשיפּעט די שלאַנג און אויסגעשטעלט אירע ווייסע ציין.—דער טייך געהער צו מיר. איך וואויך דאָ פריער פון דיר.

דער צווייפיסלער איז אַרויסגעשפּרונגען פון וואַסער. ער האָט געכאַפּט גרויסע שטיינער און האָט זיי געוואָרפן אין דער וואַסערשלאַנג. איין שטיין האָט איר געטראָפן אין עק. די שלאַנג האָט זיך פאַרקרימט פון יסורים און איז אַנטלאָפן.

דעמאָלט האָט דער צווייפּיסלער געכאַפּט אַן אַנדער פּיש און געבראַכט אים אַהיים, און די וואַסערשלאַנג איז בייז, שווער און דערשלאָגן געקראָכן איר וועג. אין וועג האָט זי באַגעגנט דעם אוראַנג־אוטאַנג, וועלכער האָט איר צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

—איך האָב אַלץ געזען,—האָט ער געזאָגט,—איך בין גראָד געזעסן אויפן בוים. דער שטיין האָט דיך זיכער פאַרוואונדעט, ווייל דאָס וואַסער איז רויט געוואָרן פון דיין בלוט. מיך האָט ער שוין אויך אַמאָל געשלאָגן. ער האָט געזאָגט, אַז די עפּל געהערן צו אים, און האָט מיך מכבד געווען מיט עטלעכע קלעפּ. און מיר האַלטן זיך נאָך כלומרשט פאַר קרובים!

די וואַסערשלאַנג האָט געקריצט מיט די ציין.
—איך וואָלט אים זיכער דערהרגעט, אָבער איך בין צו קליין!—האָט זי אַ זאָג געטאָן מיט רציחה.
—אָבער עס וועט קומען זיין צייט!—האָט דער אוראַנג־אוטאַנג געטראַכט.—ער וועט נאָך אַריינפאַלן אין אונזערע הענט און מיר וועלן אים ווייזן ווער מיר זיינען!..

III

בלוט.

די זון האָט געברענט, ווי אַ קאַלכאויוון, און די ערד האָט זיך איינגעשרומפּן פון היץ.

די ביימער און קוסטעס האָבן אַראָפּגעלאָזט די בלעטער, דאָס גראָז איז געווען געל און צעבאַקט, אַזוי אַז דער אָקס האָט קוים געפונען אַ הויפן גראָז פאַר זיך. דאָס וואַסער אין טייך האָט זיך אַראָפּגעלאָזט און די פיש זיינען אַראָפּגעפאַלן אויפן סאַמע גרונט. פון קוואַל איז שוין לאַנג קיין זכר נישט געבליבן. די בעלי־חיים זיינען געלאָפן אין שאָטן און שווער געאָטעמט. אין פיל ערטער זיינען צמחים און בעלי־חיים אומגעקומען פאַר דורשט. די צווייפיסלער האָבן אויך שטאַרק געליטן פון דער טריקעניש.

דער איינציקער, וואָס האָט זיך געפילט גוט אין דער צייט, איז געווען די שלאַנג. זי האָט זיך אויסגעצויגן אויף דער זון און זיך געשמאָלצן פון גרויס תענוג.

—ברען, ברען, זונעלע,—האָט זי געזאָגט.—איך האָב פון דיר נחת. וואָס מער היץ, אַלץ בעסער. איצט איז גוט! זייער גוט!..

אָבער איינמאָל איז געפאַלן אַ רעגן.
נישט אַזאַ רעגן, צוליב וועלכן מען מוז עפענען אַ שירם אָדער אָפּוואַרטן אין אַ טויער, ביז ער וועט אויפהערן. ס'האָט געגאָסן ווי מיט צעבערס, און אַזוי האָט גערעגנט אַ טאָג נאָך אַ טאָג אָן אויפהער. די טראָפּנס האָבן אַזוי געקלאַפּט און געפּויקט איבער די דאַרע בלעטער און צווייגן, אַז מען האָט געקאָנט פאַרטויבט ווערן. דער טייך איז פול געוואָרן און דער קוואַל האָט אַזוי גערוישט, ווי נאָך קיינמאָל נישט. די גאַנצע ערד איז איצט געווען אַ דורשטיק מויל, וואָס האָט געטרונקען און געטרונקען, אָן אויפהער, און אַלץ נישט געקאָנט שטילן דעם דורשט.
אומעטום איז געווען שמחה־וששון.
דיביימער האָבן זיך אויסגעצויגן און אויסגעשפּרייט מיט באַנייטע צווייגן. דאָס גראָז האָט געשפּראָצט גרין און פריש, די בלומען האָבן אַרויסגעזעצט נייע קנאָספּן, די פראָשן האָבן געקוואַקעט, אַז ס'האָט אָפּגעהילכט אין גאַנצן וואַלד און די פיש האָבן פריילעך געקלאַפּט מיט די עקן. דער צווייפיסלער איז געזעסן פאַר זיין הייזל און זיך געפרייט צוזאַמען מיט אַלעמען.

אָבער עס האָט אַלץ ווייטער גערעגנט.
דער טייך איז אַרויס פון די ברעגעס, און דער צווייפיסלער האָט מורא געהאַט, אַז זיין אינזל זאָל אַמאָל נישט פאַרזינקען אין די כוואַליעס. דער דאַך פון זיין הייזל האָט דורכגענעצט און דאָס וואַסער האָט גערונען פון די ווענט.
—דאָס קינד פרירט!—האָט זיך אָנגערופן דעם צווייפיסלערס ווייב.

זיי האָבן באַשלאָסן צו פאַרלאָזן די אינזל. מיט גרויס מי זיינען זיי אַדורכגעקראָכן דעם טיפן טייך. אויף דער לאָנקע זיינען זיי געגאַנגען ביזן גאַרטל אין וואַסער און ביידע האָבן געטראָגן דאָס קינד. צולעצט האָבן זיי געפונען אַ בוים, וואו זיי האָבן זיך אַ ביסל איינגעאָרדנט.
פון צווייגן האָבן זיי אויסגעפלאָכטן אַ דאַך איבערן קאָפּ און

צוגעדעקט אים מיט גראָז און מאָך, און בײַ מאַן און װײַב האָט זיך באַװיזן אַ בלאַסער שמײכל אויף די ליפּן.
—דאָ קאָן נישט אַרײַנדרינגען דער רעגן,—האָט ער געזאָגט.
—עס נעצט אָבער פּאָרט,—האָט זי זיך אַרומגעקוקט.
—איך האָב עס אַלעמאָל געטענהט,—האָט דער אוראַנג־אוטאַנג געחוזקט.—זײ האָבן נישט קײן פעלץ אָדער עפּעס אַנדערש, און זײ װעלן נישט אויסהאַלטן.
—איר װאָלט נויטיק באַדאַרפט צוקאָרמענען אײַער קלײנס מיט װערעם, מאַדאַם,—האָט דער סלאָװיק געראַטן,—װאָלט עס שוין געװען אַ לײט. מײַנע קלײנע זײַנען שוין כמעט אַזױ גרױס װי איך...
—איר באַדאַרפט עס לאָזן אַרומשפּרינגען אויף דער לאָנקע, װי איך האָב אײַך אַמאָל געעצהט,—האָט פרוי הירש זיך אַרײַנגעמישט,—װאָלט זיך עס אַלײן געקאָנט העלפן.
—זעצט אײַך דערויף, אַזױ װי איך טו מיט מײַן קלײנװאַרג,—האָט פרוי ראָזינגער זיך אַרײַנגעמישט,—װעט דאָס קינד זיך דערװאַרעמען.
מאַדאַם צװײפיסלער האָט גאָרנישט געענטפערט אויף די אַלע עצות און האָט בלויז געקוקט פאַרדאגהט אויף איר קינד, װאָס האָט געשװידערט פאַר קעלט.
—משמעות זײער אַ פאַרצערטלט קינד,—האָט צוגעװאָרפן דער שטעכלשװײַן.—האָט מען קינדער, מוז מען זײ גוט דערציען, מיט שכל... מאָלט אײַך אַ באַשעפעניש פון אַ האַלב יאָר און קאָן זיך אַ װײַלע נישט באַגײן אָן דער מוטער... דאָס איז אַ חרפּה און אַ בושה! שמיך האָט מען עס געדאַרפט געבן און אַרויסשמײסן צו אַלדי שװאַרציאָר!..
—אַרויסגעװאָרפענע רײד!—האָט פרוי הירש װידעראַמאָל געזאָגט.—זײ װילן נישט הערן, װאָס מען רעדט צו זײ, או װי מען בעט זיך אויס, אַזױ שלאָפט מען.
די חיות זײַנען אַװעק און פרוי צװײפיסלער איז געזעסן אין גרויס מורה־שחורה. דער רעגן האָט געשמיטן און דאָס קינד האָט געציטערט פאַר קעלט.

—זע נאָר דאָס נאַרישע שעפסל דאָ, אונטן אויף דער לאָנקע,— האָט זי אַ ווייז געטאָן מיט אַ פינגער.—אים איז וואַרעם אין זיין דיקן פעלץ, און מיין קינד ליגט נעבעך און פרירט.

דער צווייפיסלער האָט געהערט, וואָס זי האָט געזאָגט, אָבער ער האָט גאָרנישט געענטפערט. אַ צייט לאַנג איז ער געזעסן פאַרטראַכט און געשוויגן. דערנאָך איז ער אַרומגעגאַנגען און ווייטער געטראַכט. דער רעגן האָט נאָך אַלץ געפּאַטשט. דאָס קינד איז בלוי געוואָרן פאַר קעלט און דאָס שעפסעלע אויף דער לאָנקע האָט געמיטלעך געצופּט דאָס גראָז.

דעמאָלט האָט דער צווייפיסלער זיך אַ לאָז געטאָן צום שעפסע־לע. אויפן וועג האָט ער זיך איינגעבויגן, אויפגעהויבן אַ שאַרפן שטיין און פאַרבאַהאַלטן אים אין פויסט. ער איז געגאַנגען פאַ־וואָליע און אומישנע געקוקט אין אַן אַנדער זייט, נישט אי־בערצושרעקן דאָס שעפסעלע. נאָכדעם אָבער האָט ער מיט גרויס אימפּעט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף אים.

—מע־ע! גוואַלד! ראַטעוועט! איך שטאַרב!—האָט געשריען דאָס שעפסעלע.

דער צווייפיסלער האָט אים געשלאָגן מיטן שאַרפן שטיין איבער שטערן און דאָס בידנע באַשעפעניש איז אַנידערגעפאַלן. דע־מאָלט האָט ער עס אַרומגעכאַפּט מיט ביידע הענט אַרום האַלז און האָט עס דערשטיקט.

מיטן שאַרפן שטיין האָט ער געמאַכט אַ לאָך אינם פעל און גע־נומען עס אַרומשינדן. זיין פרוי האָט אים צוגעהאָלפן. זיי האָבן אויך צוגענוצט די ציין, ס׳זאָל צוגיין גיכער. אַז דאָס פעל איז אַראָפּגעשונדן געוואָרן, האָבן זיי איינאַנדער אָנגעקוקט מיט גליקלעכע לאַכנדיקע אויגן.

—אָך, ווי גוט עס שמעקט!—האָט ער זיך געהיצט.

—זעלטן גוט!—האָט זי איינגעשטימט.—איצט וועלן מיר דעם קינד אָנטאָן אַ פעלץ, און דערנאָך וועלן מיר עסן.

דער צווייפיסלער האָט געטרונקען דאָס בלוט פונם שעפסעלע און געריסן דאָס פלייש מיט די ציין.

—איך פיל מיך אַזוי שטאַרק, ווי קיינמאָל נישט!—האָט ער ד׳[illegible]

נאָכמער צעהיצט.—זאָל קומען אַפילו דער לייב, וועל איך אים בייקומען.

זיי האָבן אָפּגעשונדן דאָס שעפּסעלע און איינגעוויקלט דאָס קינד אין זיין וואָל. דאָס קינד האָט זיך תיכּף דערוואַרעמט און איז איינגעשלאָפן. מאַן און ווייב האָבן זיך גוט אָנגעפרעסן מיטן פלייש און האָבן שוין מער נישט געטראַכט פון רעגן און קעלט. ביידע זיינען געזעסן אונטער אַ בוים און ווילד, ווילד געלאַכט...

—איך וואָלט אויך געוואָלט האָבן אַזאַ שעפּסנפּעלץ!—האָט זי זיך אָנגערופן.

—גוט, דו וועסט באַקומען!—האָט ער פריילעך צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.—מען וועט דאַרפן אויסגעפינען אַ שעפּס מיט אַ ווייכן פעל. דו וועסט האָבן אַ גרויסאַרטיקן פעלץ! איך וועל מיר אויך מאַכן אַ שעפּסנפּעלץ... און דו ווייסט וואָס?—מיר וועלן אויסשפּרייטן אַ שעפּסנפעל אויך איבער אונזער געצעלט זיך צו שיצן פאַרן רעגן. מאָרגן גיי איך זוכן שעפּסן. עס וועט שוין זיין גוט!

—און נאָכדעם וועלן מיר ווידער מאַכן אַ סעודה פון פלייש?—האָט זי געפרעגט.

—אַלע טאָג וועלן מיר עסן פלייש! דו ווייסט, פלייש איז זייער געשמאַק...

—דו זאָלסט אָבער זיין זייער פאָרזיכטיק...—האָט אים דאָס ווייב געוואָרנט.—קענסט זיך נאָך, חלילה, צושעדיקן...

—אודאי וועל איך מיך היטן!—האָט ער געזאָגט.—מאָרגן פרי גיי איך צום טייך נאָך שאַרפע שטיינער, טאָמער וועל איך פאַרלירן דעם איינעם, וואָס איך האָב. ווייסטו וואָס?.. איך וועל איינעם באַפעסטיקן צום עק פון אַ צווייג... איך וועל אים צובינדן מיט אַ פלעכטגראָז. אַזוי־אַרום וועל איך קענען טרעפן דעם שעפּס פון ווייטן... איך וועל וואַרפן צו אים דעם צווייג מיטן שטיין. אַלע חיות וועלן קריגן דאָס זיבעטע קדחת, ווען זיי וועלן דערהערן, אַז איך האָב דערהרגעט עטלעכע שעפּסן.

בעת זיי האָבן אַזוי געועדט צווישן זיך, זיינען זיך צונויפגע־קומען אַלע בעלי־חיים פון וואַלד, ווי דעמאָלט ביי נאַכט, בעת די פרעמדע האָבן זיך באַוויזן צום ערשטן מאָל.

—דער צווייפיסלער האָט דערהרגעט אַ שעפּס!—האָט דער ווער־בייטשיק געשריען, פליענדיק, אַ נאַסער און צושויבערטער פון רעגן, צו אַלע שכנים מיט דערדאָזיקער בשורה.

—דער צווייפיסלער האָט דערהרגעט דעם שעפּס, די ציג און דעם אָקס און אַליין אַלץ אויפגעפרעסן!—האָט טריב געקראַקעט די קראָ און געקלאַפּט מיט די פליגלען.

—אַ ליגן!—האָט דער אָקס געברומט.—איך לעב נאָך, גאָט צו דאַנקען, אָבער איך בין אין גרויס סכנה.

—דער צווייפיסלער האָט אויסגעהרגעט אַלע חיות אין וואַלד! ער זיצט אינמיטן וואַלד און מאַכט אַ תכלית פונם לייב,—האָבן געשעפּטשעט די וואַסערראָרן.

אַלע בעלי־חיים האָבן זיך פאַרזאַמלט אויף דער לאָנקע צו דער־גיין דעם אמת. דער לייב, הויך פאַרוואָרפן דעם קאָפּ, איז אויך געקומען.

—וואָס איז דאָ אייגנטלעך געשען?—האָט ער געפרעגט.

—זאָל איך פאַרציילן?—האָט דער אוראַנג־אוטאַנג געמאַכט אַ טריט פאָרויס.—איך בין געזעסן אויבן אויפן פאַלמענבוים און האָב אַלץ צוגעזען. איך מוז אייך זאָגן, אַז עס האָבן זיך אָפּגעטאָן מאוסע זאַכן.

דו ביסט אייגנטלעך אַ געמיינע בריאה,—האָט דער לייב שאַרף געזאָגט.—דו ביסט עדות זאָגן געגן דיינע אייגענע קרובים.

—דאָס זיינען ווייטע קרובים!—האָט דער אוראַנג־אוטאַנג זיך פאַר־ענטפערט.—זייער ווייטע. און איך מוז אייך דערמאָנען, אַז נאָך דעמאָלט האָב איך אַראָפּגענומען פון זיך יעדע אחריות פאַר די צווייפיסלער, וועלכע זיינען אַ שאַנדפלעק פאַר אונזער פאַ־מיליע. אָבער איך וועל אייך ווייטער פאַרציילן. בין איך אַזוי געזעסן אויפן בוים און צוגעזען, ווי ער איז באַפאַלן דאָס שעפּ־סעלע און האָט עס דערהרגעט... דערנאָך האָט ער דאָס אומ־

גליקלעכע באַשעפעניש אַוועקגעשלעפּט צום בוים, וואו ער וואוינט און איך האָב געזען, ווי ער האָט אים אָפּגעשונדן די פעל. דאָס ווייב האָט אים אַפילו צוגעהאָלפן. דערנאָך האָבן זיי זיך אַוועקגעזעצט און מען האָט געפרעסן מיטביידע באַקן...

—דאָס אינגאַנצן?—האָט דער לייב געפרעגט.—בשעת איך בין נאָך געווען יונג, האָב איך געגעסן אַ סך שעפסן, הגם איצט עס איך בלויז הירשנפלייש. פאַרוואָס זאָל דער צווייפיסלער אויך נישט אַמאָל הנאה האָבן פון אַ שטיקל שעפסנפלייש?

—איך בעט אַ דערלויבניש,—האָט זיך פּלוצלונג אָנגערופן דער אָקס צום לייב,—צו דערמאָנען אין מיינע ווערטער אויף אונזער לעצטער פאַרזאַמלונג. ד י ר און דיין גלייכן איז אפשר דער ענין נישט שייך, ווייל דערווייל זיינען מ י ר בלויז זיינע קרבנות. אָבער דו דאַרפסט געדיינקען, אַז ער קאָן פאַר דיר ווערן אַ געפער־לעכער קאָנקורענט. באַקומט ער אויך קינדער, וועט ער ברויכן אַ סך שעפסן, און אפשר אויך הירשן.

—וועלן בלייבן פאַר מיר די אָקסן...—האָט דער לייב זיך קאַלט צעלאַכט.

—נאַטירלעך...—האָט געענטפערט דער אָקס און אַ שוידער האָט אים אַרומגעכאַפּט פון דעמדאָזיקן געלעכטער.—אָבער עס האַלט שוין טאַקע ביים אָקס. דער צווייפיסלער זוכט פלייש! איר פאַרשטייט וואָס דאָס הייסט? און ער האָט, משמעות, אַ שרעקלעכן אַפּעטיט.

—הם!...—האָט דער לייב אַ ברום געטאָן.—דו ביסט אפשר גע־רעכט.—אָבער מיר וועלן זיך שוין דורכריידן מיט אים.

ער איז אַוועקגעגאַנגען און דער אוראַנג־אוטאַנג איז אים הכנעה־דיק נאָכגעשפרונגען און געטייטלט מיט אַ האַנט:

—אָט־אָ־דאָ! אָט־אָ־דאָ! זייט מוחל!

דער לייב איז געשטאַנען אונטערן בוים, וואו דער צווייפיסלער האָט זיך איינגעאָרדנט. אַלע איבעריקע וואַלד־חיות האָבן זיך פאַרגנבעט הינטער די קוסטעס אוןביימער, אָפּוואַרטנדיק, וואָס דאָ וועט געשען.

—צווייפיסלער!—האָט דער לייב אַ ברום געטאָן.—צווייפיסלער!

ווי אַ דונער האָט דער ברום זיך צעשאָטן אין וואַלד. אַלע אַרום זיינען אויפגעציטערט געוואָרן. דער לייב האָט אַ קלאַפּ גע־טאָן מיט זיין עק און האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. אָבער קיי־נער האָט זיך נישט אָפּגערופן. דעמאָלט האָט דער לייב ווידער־אַמאָל געברומט, אָבער אַלץ האָט געשוויגן, ווי פאַרגליווערט.

—ס'אַ עזות־פּנימער! —האָט דער אוראַנג־אוטאַנג געהנפעט דעם לייב.

—זיי זיינען אפשר טויט? —האָט זיך אָנגערופן דער סלאָוויק. —זיי האָבן זיך אפשר איבערגעפרעסן מיטן שעפּס?

—מען שטאַרבט נישט פון צופיל, נאָר פון צו ווייניק פרעסן! —האָט אַריינגעבורטשעט דער חזיר, וועלכער האָט געגראָבן מיטן שנוק אין דער ערד.

דער לייב האָט אַ בריל געטאָן צום דריטן מאָל און אַזוי גע־וואַלדיק, אַז אַ קליין פייגעלע איז אַראָפּגעפאַלן פון אַ צווייג אויף דער ערד, און די שלאַנג האָט עס תיכף ומיד אונטער־געכאַפּט און איינגעשלונגען, אָבער אַזוי שטיל, אַז קיינער האָט עס נישט באַמערקט. נאָר דער לייב האָט ווידער קיין ענטפער נישט באַקומען.

פּלוצלונג אָבער האָט זיך דער צווייפיסלער באַוויזן אויפן בוים.

ער איז שטאַרק און שווער געשלאָפן נאָך דער רחבותדיקער סעודה און איצט איז ער געוועז אש־להבה, וואָס מען האָט אים אויפגעוועקט. ער האָט געהאַט צושויבערטע האָר, די אויגן פאַר־לאָפן מיט בלוט און אַ שוים האָט אים אַרויסגעזעצט פון די ליפּן.

—ווער דערוועגט זיך עס צו שטערן מיין שלאָף? —האָט ער בייז געפרעגט.

—איך דערוועג זיך עס... דער לייב! —האָט דער וואַלד ווידער אַ ציטער געטאָן אונטער זיין ברום.

—דער לייב... דער מלך פון די חיות, —האָבן אַלע אַרום זיך אָפּגערופן מיט גרויס הכנעה און חניפה.

—אָבער איך בין דער מלך אין מיין אייגן הויז,—האָט דער צווייפּיסלער געענטפערט,—און איך וועל קיינעם נישט דערלאָזן צו שטערן מיין שלאָף. אַוועק!

—ער איז אַ מורד במלכות... ער איז משוגע... איך גיב נישט קיין גראָשן פאַר זיין לעבן!—האָבן זיך אַלע חיות געסודעט אין גרויס שרעק.

דער צווייפּיסלער אָבער האָט געכאַפּט דעם שענקלביין פונם דערהרגעטן שעפּס, אַ פּאָר מינוט זיך געצילט און נאָכדעם מיטן גאַנצן כוח אַ שליידער געטאָן אין לייב. ער האָט אים געטראָפן אין שטערן. דער לייב האָט אַרויסגעלאָזט אַ מוראדיקן בריל, אַזוי אַז אַלע בעלי־חיים האָבן הענדום־פּענדום געמאַכט פּיס. דער לייב איז אויך אַנטלאָפן און בעת־מעשה שטאַרק אָפּגע־קרעכצט פון גרויסע יסורים.

און דער צווייפּיסלער האָט זיך צוריק אַוועקגעלייגט אויף זיין געלעגער און געשלאָפן ביז צומאָרגנס.

אַז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט און אַראָפּגעקראָכן פון בוים, איז דער הונט געלעגן און גענאָגט דעם ביין, וואָס דער צוויי־פּיסלער האָט געוואָרפן אויפן לייב. און דער הונט האָט גע־דרייט מיטן עק. דער צווייפּיסלער האָט אים געגלעט און גע־געבן נאָך אַ ביין.

—ווילסטו זיין מיין פריינט און דינער?—האָט ער אים געפרעגט.

—יאָ, איך וויל...—האָט יענער צופרידן געענטפערט.—דו באַ־האַנדלסט מיך זייער גוט און, אויסערדעם, ביסטו שטאַרקער און קליגער פון אַלע חיות.

—נו, זייגען מיר חברים!—האָט אים דער צווייפּיסלער ווידעראַמאָל אַ גלעט געטאָן.—דו וועסט היטן מיך און מיין הויזגעזינט און וועסט מיר צוהעלפן אין געיעג...

VI

דער צווייפיסלער אויף געיעג.

די רעגנצייט האָט זיך געענדיקט, די זון האָט געשיינט אויפסניי. דערנאָך האָט ווידער געפרעגנט און ווידער זיך אויסגעלייטערט. די צייט האָט זיך אייביק געטוישט.

די צווייפיסלער האָבן זיך אויפגעשטעלט אַ נײַי הויז, בעסער ווי די פריערדיקע כאַטקע אויף דער אינזל און דאָס דעכל אויפן עפּלבוים.

ס'איז געווען אַ פעלזנהייל, וואָס איז צופעליק געפונען געוואָרן. אין דערדאָזיקער הייל איז געווען קיל אין דער הייסער צייט און וואַרעם אין דער קאַלטער. זי האָט גוט געשיצט פון רעגן און פון שטורם, און בײַנאַכט האָט מען זי פאַרלייגט מיט אַ שטיין. דער צווייפיסלער האָט זי אויסגעבעט מיט פעל און די פאָדלאָגע באַדעקט מיט מאָך. דאָ, אין דערדאָזיקער וואוינונג איז געווען זייער באַקוועם און גוט.

פון אינדערפרי ביזן אָוונט האָט ער נישט גערוט, מחמת די פאַמיליע האָט זיך אַלץ פאַרגרעסערט און מען האָט געדאַרפט עסן.

ער האָט שוין געהאַט דריי קינדער, וועלכע זיינען געווען זייער גערעטן. זינט ער האָט באַליידיקט דעם לייב, האָט ער געמוזט זיין זייער פאַרזיכטיק. אויסערדעם, האָבן עפּעס אַלע חיות פאַר־לאָרן דעם צוטרוי צו אים.

דער צווייפיסלער איז געוואָרן אַ גוטער יעגער, כמעט נישט ערגער פונם לייב, און מעגלעך, אַז דערפאַר האָט ער פאַרלאָרן דעם צוטרוי פון די חיות.

ביי זיך אין הייל האָט ער שוין געהאַט צוויי גרויסע שפּיזן מיט אַ קליין שפּיזעלע, וואָס זיין עלטסטער זון האָט זיך זייער געשיקט באַנוצט דערמיט. זיי זיינען אַרויס אויפן געיעג אַזוי קלוג און געשיקט, ווי דער לייב און אַנדערע פלינקע פאַרצו־קער. דער הונט האָט אָנגעטריבן חיות אויף זיי, און די צווייפיסלער האָבן שנעל און ראש געאַרבעט מיטן שפּיז.

—ער איז אַ געשיקטערער יעגער, ווי איך,—האָט דער לייב איינ־מאָל אין אָוונט אַ זאָג געטאָן צו זיין ווייב.—היינט האָט זיין שפּיז געטראָפן אַ יונגן הירש, וואָס איך האָב שוין געהאַט אַן אויג אויף אים.

—למאי האָסטו אים אַליין נישט גענומען?—האָט זי געזאָגט.

—איך בין געקראָכן צו אים דורכן גראָז, אָבער איידער איך האָב נאָך באַוויזן אַ שפּרונג צו טאָן, האָט אים שוין דער צוויי־פיסלער אַנידערגעלייגט מיט זיין געווער. דער שפּיז איז אים געזעסן אין האַלז און האָט געמאַכט אַ סוף צו זיין לעבן.

—למאי האָסטו אים דערנאָך נישט אָפּגענומען?—האָט דאָס ווייב נישט צופרידן געפרעגט.

—הערסטו דאָך, ער האָט געהאַלטן אין האַנט נאָך אַ שפּיז, און זיין קליינער האָט אויך געהאַט אַ שפּיז. איך ווייס נישט, וואָס פאַר אַ כוח עס זיצט אין דידאָזיקע שפּיזן. אַלע, וואָס ווערן געטראָפן פון שפּיז, פאַלן באַלד טויט.

—דו האָסט, אַפּנים, מורא פאַרן צווייפיסלער!—האָט אים די לייבי־כע פאַרגעוואָרפן.—ער איז איצט דער מלך פון וואַלד, און

נישט דו. ווען דיין זון זאָל זיין אַזאַ פּחדן, ווי דו, איז אַ סוף צו אונזער לעבן.

דער לייב האָט געשוויגן און געקוקט אַרום זיך מיט גליענדיקע אויגן.

באַגינען איז דער לייב אַוועק צו דער הייל פון צווייפיסלער. ער האָט זיך אַנידערגעלייגט אין די קוסטעס פאַר דער הייל־טיר און געדולדיק געוואַרט, ביז מען וועט אַוועקקייקלען דעם שטיין פון אינעווייניק. די זון האָט פאַררויטלט דעם ברעג וואַלד, און דער לייב האָט זיך אויפגעהויבן און זיך צוגעגרייט צו אַ שפּרונג. די אויגן זיינען אים פאַרלאָפן מיט בלוט און די פיס האָבן אים אויפגעציטערט פון הייסן אומגעדולדיקן בלוט. באַלד ווי עמעץ האָט זיך נאָר באַוויזן פון דער הייל, האָט דער לייב אַ שפּרונג געטאָן, אַריינגעפּאַקט אים אין זיינע לאַ־פּעס און תיכף ומיד פאַרטראָגן אין די קוסטעס.

אַן אימהדיקער וויגעשריי האָט אַרויסגערופן דעם צווייפיסלער פון דער הייל. ער איז אַרויסגעלאָפן מיט צוויי שפּיזן אין די הענט און דער לייב האָט געזען, אַז ער האָט געפּאַקט נישט דעם פיינט, נאָר איינעם פון זיינע קינדער. האָט ער באַלד אָפּ־געלאָזט דאָס קינד און זיך מכין געווען צו אַ נייעם שפּרונג. דער צווייפיסלער האָט אים אָבער באַמערקט צווישן די בלע־טער, און האָט אַ שליידער געטאָן אויף אים דעם ערשטן שפּיז. דער שפּיז האָט נישט געטראָפן און דער לייב האָט דערוייל געמאַכט פּליטה.

דער צווייפיסלער און זיין פרוי האָבן אַוועקגעטראָגן דאָס טויטע קינד אין זייער הייל און האָבן עס שטאַרק באַוויינט. און דער לייב איז פאַר דער צייט געלאָפן, ווי געטריבן פון טויזנ־טער שדים, פונקט ווי דער גאַנצער וואַלד וואָלט אויף אים אָנגעיאָגט אַן אימה. וואו ער איז נאָר געקומען, זיינען די חיות אָפּגעשפּרונגען פון אים אין גרויס פּחד.

—דער לייב אַנטלויפט פאַרן צווייפיסלער!—איז דער ווערבייטשיק אַרומגעלאָפן מיט אַ נייס צווישן אַלע חיות.

—דער צווייפיסלער האָט פאַרוואונדעט דעם לייב מיט זיין שפּיז!—האָט געשריען די קראָ.
—דער צווייפיסלער האָט דערהרגעט דעם לייב און יאָגט זיך איצט נאָך דער לייביכע!—האָט געפּייפּט די מויז.
און דער לייב איז געלאָפן אַלץ ווייטער.
ער איז פאַרבייגעשפּרונגען זיין אייגענע הייל און האָט גע־וואָלט אויסמיידן זיין ווייב: ער האָט זיך געשעמט צו ווייזן פאַר איר מיט זיין פּחד און ציטריקער פעל.
פאַרנאַכט איז ער ערשט געקומען אַהיים.
—זע, דו לעבסט נאָך?—האָט אים די לייביכע אַ פרעג געטאָן מיט חוזק.—מען שמועסט דאָך אין וואַלד, אַז דער צווייפיסלער האָט דיך דערהרגעט... זייער שיין, נישטאָ וואָס צו ריידן!

און די לייביכע האָט נאָך צוגעשאָטן גיפטיקע ווערטער.
—איך האָב אָבער דערהרגעט איינס פון זיינע קינדער!—האָט דער לייב פאַרענטפערט זיין שוואַכקייט.
—איינס פון זיינע קינדער האָסטו דערהרגעט!..—האָט די ליי־ביכע אים איבערגעקרימט און זיך צעלאַכט.
דער לייב איז געשפּרונגען פון וואוט און רציחה. ער האָט אַ פּאַטש געטאָן דאָס ווייב, זיך אַנידערגעלייגט און געקוקט אַרום זיך מיט הייסע גליענדיקע אויגן.
אָבער די וואַלד־בעלי־חיים האָבן זיך געסודעט:
—דער לייב איז אין גרויס פּחד!... דער לייב איז אַנטלאָפן פאַרן צווייפיסלער!
—צי האָב איך עס נאָך פריער נישט געזאָגט?—האָט דער אָקס געברומט.—מיר האָבן אים נאָך דעמאָלט באַדאַרפט טויטן!..

—אָך, ווען דער לייב וואָלט אונז דעמאָלט געפאָלגט...—האָט דאָס פערד געקלאָגט.
—אוי וויי!—האָט געקרעכצט די גאַנז און די הון.

דער אוראַנג־אוטאַנג האָט זיך דערווייל אַרומגעדרייט אין וואַלד

פאַרטיפט אין זיינע רעיונות.

—דער פעטער איז, אפנים, גאָרנישט קיין נאַר,—האָט ער גע־מורמלט צו זיך אונטער דער נאָז.—פאַרוואָס זאָל איך אים נישט נאָכטאָן? איך בין ענלעך צו אים און אין אייניקע זאַכן שטייג איך אים איבער. איך וועל אויך באַווייזן די אייגענע קונצן!

ער האָט גענומען אַ שטעקן און געפּרובט גיין אַזוי ווי דער צווייפיסלער. דאָס האָט זיך אים איינגעגעבן, און ער האָט זיך אַזוי אַ לאָז געטאָן אויף די אַנדערע בעלי־חיים מיט אַן אויפּ־געהויבענעם שטעקן און מיט משונהדיקע גוואַלדן. די בעלי־חיים אָבער האָבן אים אויסגעלאַכט. דער פוקס האָט אים אַרויסגעריסן דעם שטעקן, דער הירש האָט אים אַ שטויס גע־טאָן מיט די הערנער אין רוקן, דער ווערבייטשיק האָט אים אָנגעמאַכט אויפן קאָפּ, און ס׳איז געוואָרן אַזאַ געלעכטער און אַזאַ געפּילדער, אַז ער איז קוים מיטן לעבן אַנטלאָפן און זיך פאַרבאָרגן צווישן געדיכטע קוסטעס.

צוזאַמענגנס האָבן די בעלי־חיים בייגעלעבט אַזאַ מין סצענע.

זיי האָבן געזען, ווי דער צווייפיסלער האָט אַוועקגעטראָגן דאָס טויטע קינד זיינס אין וואַלד אַריין און דערויף אָנגעלייגט אַ בערגל מיט שטיינער. זיין פרוי האָט אָפּגעריסן די שענסטע בלומען און באַפּוצט מיט זיי די שטיינער.

—צי האָט מען ווען אַזוינס געזען?—האָט זיך אָנגערופן דער סלאָוויק.—ווען עס שטאַרבט ווער פון אונז, בלייבט ער ליגן דאָרט, וואו ער האָט צוגעמאַכט אויף אייביק די אויגן. און דאָ טוט זיך מעשים מיטן טויטן יינגל. מען וויל, אַז זיין אָנ־דיינק זאָל כלומרשט בלייבן אויף אייביק. איך ווייס נישט אַפילו וואו מיינע פאַראַיאָריקע קינדער זיינען אַהינגעקומען, אַ פשיטה שוין פון מיין אָרעם קליין פייגעלע, וואָס איז אַרויס־געפאַלן פון נעסט און געבראָכן האַלדז און געגיק.

—איך זאָג אייך, ס׳וועט נאָך זיין ערגער. געדיינקט מיינע ווער־טער!—האָט דער אָקס ווידעראַמאָל געוואָרנט.

און כך הוא: אין אַ וואָך אַרום איז געשען עטוואָס אַזוינס, וואָס האָט שטאַרק אויפגעבראַכט אַלע בעלי־חיים.

די פרוי פון צווייפיסלער האָט אַמאָל געזען זיצן אויף אַ בוים אַ שיינעם פּאַרביקן גן־עדן־פייגל.

—וואָס פאַר וואונדערשיינע פעדערן!—האָט זי געזאָגט און האָט פאַרזשמורעט די אויגן פון התפעלות.—ווער האָט עס אַזאַ שיינגעפוצטן קאָפּ!

דער צווייפיסלער, וואָס האָט אַלץ געזוכט אַ טרייסט פאַר זיין ווייב צוליב דער אַבידה פונם קינד, האָט זיך תיכף אַ לאָז געטאָן מיטן שפיז און כהרף־עין געטויט דעם גן־עדן־פייגל. דעמאָלט האָט זיין ווייב אים אויסגעריסן די שיינע פּאַרביקע פעדערן, אַריינגעשטעקט זיי אין די אייגענע האָר און אַרויפגעצויגן אויפן פנים אַ משונה שטאָלצע מינע.

—דאָס איז דאָך אַ רציחה!—האָט דער צאַרטער סלאָוויק זיך געבייזערט.—צו הרגענען אַ פייגל בלויז צוליב דעם, מען זאָל זיך קענען אויספוצן מיט זיינע פעדערן! צי האָט עמעץ פון אונערע חיות אַזוינס ווען געטאָן? מיר באַנוגענען זיך תמיד מיט אונזערע איינפאַכע גרויע פעדערלעך!

שטאַרק צוטרייסלט און דערשלאָגן, איז די אלמנה פון גן־עדן־פייגל, באַגלייט פון אַ גאַנצע מחנה בעלי־חיים, אַוועק מיט אַ קלאָג צום לייב.

—די צווייפיסלער האָבן אומגעבראַכט מיין מאַן!—האָט זי זיך צעוויינט.—איך בין געבליבן אַן אלמנה מיט פיר קאַלטע אייער... ווען איך זאָל זיי ווילן אויסזיצן, וועל איך שטאַרבן פון הונגער, ווייל מען האָט מיר צוגענומען מיין ברויטגעבער. איך בין אַרויסגעגאַנגען זוכן עפּעס צו עסן, אָבער אַז איך האָב מיך צוריקגעקערט, האָב איך די אייער געפונען קאַלט און טויט. איצט בין איך געקומען צו דיר מיט טרערן און געבעט, דו זאָלסט באַשטראָפן דעם רוצח!

דער לייב האָט לאַנג געשוויגן מיט פאַרביסענע ציין און נאָכדעם אַרויסגעברומט ווי אַ דונער:

—מען קאָן גאָרנישט העלפן דערצו!.. פאַראַן אַ סך אלמנות אין

וואַלד. איך אַליין, אַ שטייגער, פּאַרצוק חיות, אָן אַ חשבון און טראַכט גאָרנישט בעת־מעשה פון זייערע אלמנות און יתומים.

—ער האָט דאָך דאָס אָבער געטאָן נישט צוליב הונגער, נאָר כּדי אויסצופוצן דאָס ווייב מיט די פעדערן פון מיין מאַן...—האָט געיאָמערט די אלמנה פונם גן־עדן־פייגל.
—נו, מילא, וואָס קאָן מען טאָן, ווען אַ ווייב פאַרלאַנגט עס? שלום־בית איז נישט קיין קלייניקייט!—האָט דער לייב אַראָפּגע־לאָזט די גליענדיקע אויגן.
מאַנכע חיות האָבן געשאָקלט מיטן קאָפּ און געזאָגט, אַז אַזעל־כע ווערטער פּאַסטן כּלל נישט פאַרן מלך פון די חיות.
אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט דער וואַלד געקאָכט מיט פאַרשי־דענע מעשיות וועגן צווייפיסלער. יעדער חיה באַזונדער האָט זיך געקלאָגט אויף אים.
—לעצטנס האָט ער מיר צוגענומען זיבעצן פרישע געלייגטע אייער,—האָט זיך געקלאָגט די הון.
—אין טייך איז שוין מער נישטאָ קיין פיש!—האָט געשיפּעט די וואַסערשלאַנג.—און וויל איך אַמאָל כאַפּן עפּעס אַ פישל, באַ־קום איך קלעפּ.
—אַז מען איז נישט זיכער מיטן לעבן!..—האָט דער הירש גע־שאָקלט טריב מיט די ברייט פאַרצווייגטע הערנער.
—אונזער וויסטער סוף איז געקומען!..—האָט געקלאָגט דאָס שעפּסעלע.
אָבער בעת די גרויסע בעלי־חיים זיינען אַרומגעגאַנגען צעשראָקן און פאַרדאגהס, מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, האָבן זיך משונה צעהוליעט די קליינע פליגן. זיי האָבן אַ סך געלאַכט און גע־פלוידערט און נישט געוואוסט וואָס צו טאָן פון שמחה.
—וואָס אַרט עס אונז?—האָט אַ דיקע פליג זיך צעלאַכט.—זאָלן זיי זיך דאָרט שלאָגן קאָפּ אָן דער וואַנט? וואָס גייט עס אונז אָן? פאַר אונז איז בעסער דער צווייפיסלער, ווי דער סלאָוויק...
—קיינער איז נישט זיכער פאַר דעם צווייפיסלער!—האָט אַריינ־

געקלאָגט די בין.—נעכטן האָט ער מיר צוגענומען מיין האָניק...

—יאָ...—האָט זיך אויך אָנגערופן דער רעגנוואָרם.—אייערנעכטן האָט ער גענומען מיין לייבליכן ברודער און האָט אים, ווייי איז מיר, צעריסגעזעצט אויף אַ האַטשיק און געכאַפּט צוויי‌ערום פישו!

V

דער צווייפיסלער ביי דער אַרבעט.

דער צווייפיסלער איז געזעסן פאַר זיין הייל און געטראַכט פון דער צוקונפט. דערביי איז געלעגן דער הונט און געשלאָפן. דאָס ווייב האָט זיך געפּאָרעט ביים פרישטיק.
דער צווייפיסלער האָט געהאַט שווערער רעיונות: דער יאַגד האָט עפּעס נישט געראָטן אינגאַנצן. נעכטן, אַ שטייגער, האָט ער לאַנג געזוכט און גענישטערט אין וואַלד, אָבער אַהיים איז ער געקומען מיט ליידיקע הענט. היינט אינדערפרי איז אויך געווען נישט בעסער.
די בעלי־חיים מיידן אים אויס. זיין שפּיז האָט אָנגעמאַכט אַזאַ חורבן צווישן זיי, אַז זיי מאַכן פּליטה, קוים דערשמעקן זיי נאָר זיינע שפּורן. זיי האָבן שוין געקענט די צייט, ווען ער גייט אויף געיעג און פאַרגראָבן זיך טיף אין די נאָרעס. זיי האָבן אַרויסגעשטעלט וואַך־פּאָסטנס, וואָס באַשיצן זיי פאַרן צווייפיסלער דורך סיגנאַלן און געשרייען.
אין דער נאָענטסטער סביבה פון דער הייל האָט מען שוין מער נישט געזען קיין הירשן, אָקסן, שעפּסן אָדער ציגן. זעלטן

וואו האָט זיך געפּאַשעט אַ בעל־חי אויף דער לאָנקע. אַלע חיות האָבן זיך פאַררוקט טיף אין וואַלד, וואו די געדיכטע קוסטעס און ביימער האָבן פאַרשטעלט און פאַרבאָרגן יעדעס שטעגעלע און וועגעלע. אויסערדעם האָט דער לייב דאָרט עפּעס גע־לויערט און דער צווייפיסלער האָט נישט געוואָלט גיין אַהין.

—ס'איז שלעכט!—האָט דער צווייפיסלער אַ זאָג געטאָן צום הונט.—מיר מוזן זוכן עפּעס אַן עצה.

ער האָט געשלייפט און געשאַרפט זיין מעסער און די העק, וואָס ער האָט געמאַכט פון קראַמשטיין. זיין ווייב האָט גע־בראַכט אַ פרישטיק פון בלויז עפּל און ניס. אַפילו אַ קליין פישל איז נישט געווען צו באַקומען. אַלע פיש זיינען תיכף ומיד אַנטרונען געוואָרן, קוים האָט זיך אין טייך אָפּגעשפּיגלט די געשטאַלט פונם צווייפיסלער.

—הער נאָר!—האָט פלוצלונג אַ זאָג געטאָן דער צווייפיסלער צו זיין ווייב.—טאָמער איז אַ סברה, איך זאָל כאַפּן אַ פּאָר לעבעדי־קע שעפּסן און זיי האַלטן ביי זיך. די שעפּסעלעך, וואָס זיי וועלן ברייינגען אויף דער וועלט, וועלן מיר שעכטן און איך וועל נישט ברויכן תמיד אַרומגיין און נישטערן דעם וואַלד.

דערדאָזיקער פּלאַן האָט שטאַרק אויסגענומען ביי זיין ווייב, און נאָך אין דעם אייגענעם טאָג האָט ער געמאַכט אַ לאַנגן שטריק פון פלעכט־צמחים און האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין וועג אַריין צוזאַמען מיטן הונט און מיט צוויי זין.

לאַנג האָט ער זיך אַרומגעדרייט אין וואַלד, ביז ער האָט דער־טאַפּט אַ שעפּסל, וואָס האָט זיך געפּאַשעט אויף אַ לאָנקע צוזאַ־מען מיט צוויי קלייניטשקע שעפּסעלעך. אויף אַלע פיר איז ער שטיל און פּאַוואָליע צוגעקראָכן צו זיי און האָט פאַרוואָרפן דעם שטריק איבערן האַלז פון מאַדאַם שעפּס. מאַדאַם שעפּס האָט זיך אַפילו שטאַרק געריסן, אָבער עס האָט איר נישט גע־האָלפן. זי האָט זיך אונטערגעגעבן און איז אַוועק נאָך דעם געצויגענעם שטריק און הינטער איר זיינען נאָכגעגאַנגען אירע

צווי קליינע שפּסעלעך. דער צווייפיסלער איז אַוועק אַהיים מיט זיין רויב און פון גרויס שמחה האָט ער צוגעזונגען עפּעס אַן אויסטערליש זמרל אין נאָז.
אַז ער איז געקומען אַהיים, האָט ער צוגעבונדן מאַדאַם שעפּס צו אַ בוים, נישט ווייט פון דער הייל. איין שעפּסעלע האָט ער באַלד געשאָכטן און דאָס אַנדערע געלאָזט לעבן.
די קינדער זיינען אַרומגעלאָפן איבער דער לאָנקע און גע-בראַכט גראָז און וואַסער פאַר מאַדאַם שעפּס און איר שעפּסעלע.

—צי וועסטו מיך אויך שעכטן?—האָט מאַדאַם שעפּס אַ פרעג גע-טאָן דעם צווייפיסלער, בעת ער איז געזעסן אין אָוונט מיט זיין פאַמיליע פאַר דער הייל און זיך שטאַרק געפרייט מיט זיין היינטיקער מציאה.
—ניין,—האָט ער געזאָגט—כ׳וועל דיך נישט שעכטן. איך וועל דיך אויסהאַלטן מיט כל טוב אין דער וועלט און דו וועסט ווערן מיין פריינט און דינערין, ווי דער הונט. מאָרגן וועל איך אַרויסגיין און כאַפּן דיין מאַן, וועט דיר נישט זיין אַזוי לאַנג-ווייליק. איר וועט האָבן אַ סך שעפּסעלעך, וועל איך מאַנכע אויפעסן און אַנדערע אויסהאָדעווען, ווי ס׳וועט מיר טויגן.

—אָבער דו האָסט דערהרגעט מיין שוועסטער, און איר אָפּגע-שונדן דאָס פעל,—האָט מאַדאַם שעפּסל אים פאָרגעוואָרפן.
—אַזוי נאַריש בין איך שוין נישט!—האָט דער צווייפיסלער זי-כער געזאָגט.—דו וועסט עס באַלד זען.
אין דעם אויגנבליק איז זיין פרוי געקומען מיט אַ מעסער און גענומען אָפּשניידן ביי מאַדאַם שעפּס די וואָל. מאַדאַם שעפּס האָט זיך שטאַרק געווערט און געשריען, אָבער ס׳האָט נישט געהאָלפן. דער צווייפיסלער האָט איר אָן רחמנות געשניטן די וואָל.
—גוואַלד, ווי איז צו מיין וועלט, איך וועל דאָך אין דער רעגנצייט דערפרוירן ווערן!—האָט געשריען דאָס בידנע שעפּסל.
און דער צווייפיסלער האָט געזאָגט:

—נאַרישע בריאה! וועט זיין קאַלט, וועל איך דיך אַריינגעמען צו מיר אין הייל. דיין וואָל מוז איך האָבן: איך קען דאָך נישט אַרומגיין נאַקעט... דיין עקשנות וועט דיר גאָרנישט העלפן. זיי בעסער שטיל און געהאָרכזאַם, וועט דיר זיין גוט. וועסט קריגן צו עסן און צו טרינקען.

ביינאַכט, בעת דער צווייפיסלער האָט געשלאָפן, האָט מאַדאַם שעפּסל באַטראַכט איר לאַגע. דער אָקס האָט אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ צווישן די קוסטעס, און באַלד איז געקומען דער הירש און דאָס פערד און דער אָקס און די ציג און נאָך אַנדערע בעלי־חיים.

—וואָס איז דאָס ווידער פאַר אַ נייס?—האָט געפרעגט דער אָקס.—דער ווערבייטשיק פאַרציילט, אַז מען האָט דיך געבונדן און אָפּגעשניטן די וואָל.

—יאָ, ס'איז אמת. זעט ווי נאַקעט איך בין! ווי איז צו מיין וועלט!—האָט זי געקלאָגט.—און מיין ערשטגעבוירן לעמעלע האָט ער געשאָכטן, און מאָרגן גייט ער פאַנגען מיין מאַן... איך ווער משוגע פאַר פחד און עגמת נפש...

—ס'איז אַ שרעקלעכע רציחה!—האָט דער אָקס ווידעראַמאָל געזאָגט—איך האָב עס אָבער פאַרגעזען. צי קאָנסטו זיך נישט אָפּרייסן?

—איך האָב עס געפּרובט,—האָט מאַדאַם שעפּס געזאָגט.—אָבער ס'לאָזט זיך נישט. וואָס מער איך רייס זיך, אַלץ מער שטיקט מיך דער שטריק אַרום האַלדז. עס איז שלעכט, וואָס קלערט איר!..

—געפאַנגענשאַפט איז ערגער ווי דער טויט,—האָט דער וואָלף אַ מורמל געטאָן אונטער דער נאָז.—ווייסטו וואָס? איך וועל ראַטעווען דיין לעמעלע פון געפאַנגענשאַפט און וועל עס דערפאַר אויפעסן.

און מיט דידאָזיקע ווערטער איז ער באַפאַלן דאָס צווייטע לע־מעלע און אים דורכגעביסן דעם האַלדז. מאַדאַם שעפּס האָט גע־מאַכט אַ גוואַלד און דער צווייפיסלער איז אַרויסגעשפּרונגען פון הייל. דערזען דעם צווייפיסלער, האָבן אַלע חיות תיכף ומיד געמאַכט פליטה.

—מען מוז עפעס געפינען אַן עצה דערצו,—האָט דער צווייפיס־לער געזאָגט.—עס וואָלט געווען נישקשה פון אַ משוגעת צו כאַפּן שעפּסעלעך און פּאַשען מיט זיי דעם וואָלף.
און צומאָרגנס האָט ער געפונען אַן עצה.
ער איז אַוועק מיט די זין אין וואַלד, האָט אויסגעהאַקט ביי אַ פערציקביימער און אַרומגעצוימט מיט זיי דעם פּלאַץ פאַר דער הייל. דערנאָך האָבן זיי אַרומגעפלאָכטן די ביימער מיט צווייגן, און בעת דער אָוונט איז צוגעפאַלן, איז שוין געשטאַנען אַ הויכער פעסטער פּאַרקאַן אַרום דער הייל.
אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט ער געכאַפּט מיט זיין שלייף דעם באַראַן. ער איז ווייטער אַרויס אויף געיעג און האָט געפּאַקט אַ קו־געזינדל: ר׳ אָקסל, מאַדאַם קו און זייער קעלבעלע. דער צווייפיסלער איז גאָר אויפגעריכט געוואָרן און האָט נישט גע־וואוסט וואָס צו טאָן פון שמחה. ער, דאָס ווייב און די קינ־דער האָבן ליטער געריסן גראָז און קרויט פאַר די געפאַנגע־נע, אָבער די געפאַנגענע זיינען געווען מוראדיקע פרעסער און האָבן כסדר געשריען, אַז זיי זיינען הונגעריק.
ביינאַכט האָבן די געפאַנגענע באַטראַכט זייער לאַגע.
—דעם אמת געזאָגט,—האָט זיך אָנגערופן מאַדאַם שעפּס,—איז אונז דאָ גאָרנישט אַזוי שלעכט. דרויסן אויף דער לאָנקע איז אונ־זער לעבן געהאַנגען אויף אַ האָר.—דער לייב און דער וואָלף און די שלאַנג—און ווער נישט?—האָבן תמיד געלויערט אויף אונז. איצט זיינען מיר, לפּחות, זאַט און רואיק...
—ס׳וואָלט אַלץ געווען גוט און וואויל—האָט מאַדאַם קו אַ כליפּע געטאָן.—אָבער איך קאָן נישט פאַרטראָגן, ווי דעם צווייפיסלערס ווייב רייסט און צופּט מיין אייטער. דערצו בין איך נישט זיכער, אַז זיי וועלן אונז נישט שעכטן... איר זאָלט קיינמאָל נישט טרויען דעם צווייפיסלער!

VII

דער צווייפיסלער וואַנדערט.

דער צווייפיסלער האָט זיך אַלץ מער און מער געגוויטיקט אין פּאַשע פאַר די בעלי־חיים, וואָס ער האָט געהאַלטן אין געפּאַנגענשאַפט.

דאָס, וואָס איז געוואַקסן אין שכנות פון זיין הייל, האָט ער שוין לאַנג אַרומגעריסן און אַרומגעפּליקט. איצט האָבן זיי שוין געמוזט גאַנץ ווייט גיין זוכן פּאַשע, און דערצו איז געווען גאַנץ שווער עס צו טראָגן אַהיים.

—מיר מוזן זיך אויסזוכן אַן אַנדער דירה,—האָט דער צווייפּיסלער אַ זאָג געטאָן צו זיין ווייב.—דאָ האָבן מיר ווייניק פּאַשע פאַר אונזערע בעלי־חיים. מיר מוזן זיך באַזעצן ערגעץ אויף אַ לאָנקע און אויפשטעלן אַ געצעלט. מיר וועלן אַריינשלאָגן פלעקער אין דער ערד און אַרומהייגען עס מיט פעל פון אַלע זייטן. עס וועט שוין זיין גוט. אונזערע בהמות וועלן זיך קענען פּאַשען אַרום אונזער געצעלט.

—און אַז די פּאַשע וועט זיך אויסנעמען אויף דער לאָנקע?—האָט דאָס ווייב געפרעגט

—וועלן מיר זיך אַריבערפּעקלען אויף אַן אַנדער לאָנקע. דאָס געצעלט וועלן מיר פאַנאַנדערנעמען און אַרויפלייגן עס אויפן רוקן פון אונזערע בהמות...

—איך האָב אָבער מורא, אַז די בהמות זאָלן נישט מאַכן פּליטה,— האָט דאָס ווייב אים געוואָרנט.

—דער הונט וועט אַכטונג געבן אויף זיי,—האָט ער געענטפערט,— און די קינדער אויך. די בעלי־חיים זיינען שוין צוגעוויינט צו אונז און לאָזן זיך פירן, וואוהין מיר ווילן. דו וועסט זען, אינגיכן וועלן זיי זיין גאָר היימיש מיט אונז.

צומאָרגנס האָט מען זיך גענומען גרייטן אין וועג אַריין.

די געפאַנגענע בעלי־חיים זיינען געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, און דער אָקס האָט געזאָגט:

—אפשר וועט ער אונז באַפרייען דאָסמאָל?

מאַדאַם שעפּס האָט, אַ דערשראָקענע, זיך אָנגערופן:

—איך וויל נישט... מיינע פיס זיינען געוואָרן שטייף פון שטיין, אַזוי אַז איך קען שוין נישט לויפן, ווי פריער און מיין ראיה און חוש הריח זיינען גאָר קאַליע געוואָרן. ביי אַזאַ צושטאַנד קען איך מיך גאָרנישט ווערן קעגן וואָלף און אַנדערע פאַרצו־קער. איך וויל שוין ליבערשט בלייבן ביים צווייפיסלער און אַרויסוואַרפן פון קאָפּ דעם פרייען וואַלד מיט די פרייע לאָנ־קעס...

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט דער אָקס מיט גרויס פאַר־אַכטונג אָנגעקוקט מאַדאַם שעפּס.

—און איך וואָלט יאָ געמאַכט פּליטה, ווען איך וואָלט געקאָנט— האָט ער בייז געברומט.—נעכטן האָט דער צווייפיסלער געשאָכטן מיין יינגסטן זון...

—מען מוז דאָך אַמאָל שטאַרבן, פריער אָדער שפּעטער, אָבער כּל־זמן מען לעבט, זאָל מען כאָטש האָבן אַ שטיקל מנוחה,—האָט מאַדאַם שעפּס זיך פאַרענטפערט.

דער אָקס האָט איר נישט געענטפערט און האָט זיך אַרומגע־קוקט מיט גרויסע מרה־שחורהדיקע אויגן.

דער צווייפיסלער האָט פאַנאַנדערגענומען דעם פאַרקאַן, און זיין

זויב האָט פאַרפאַקט די באַלעבאַטישקייט. נאָכדעם האָט מען דאָס אַלץ אָנגעלאָדן אויפן אָקס, און מען האָט זיך אַוועקגע־לאָזט אין וועג אַריין.

—אוי, ס׳איז ביטער!—האָט דער אָקס פיינלעך געברומט אונ־טער דער שווערער משא.—איך בין שרעקלעך מיד און אַלע גלידער טוען מיר וויי.

לאַנגזאַם האָט ער זיך דערשלעפּט צו דער לאָנקע, אָבער דאָ האָט ער פלוצלונג אַראָפּגעשליידערט פון זיך די משא און גע־מאַכט פליטה. מאַדאַם קו איז אים נאָכגעלאָפן.

דער הונט האָט באַלד אויפגעהויבן אַ גוואַלד און גענומען זיי נאָכיאָגן, אָבער דער אָקס האָט זיך אומגעדרייט מיט אַ ווילד ברומען און האָט אים געוואָלט מכבד זיין מיט די הערנער. דער הונט איז אַנטלאָפן און האָט פאַרבויגן דעם עק צווישן די הינטערשטע פיס. דער צווייפיסלער האָט זיי נאָכגעוואָרפן דעם שפּיז, אָבער ער האָט זיי נישט געטראָפן.

—נשקשה, איך וועל זיי שוין פאַקן!—האָט ער געזאָגט.—דערווייל וועלן מיר אויפשטעלן דאָס געצעלט און זיך איינאָרדנען.

זיי האָבן אַוועקגעשטעלט דאָס געצעלט אויף אַ קליין בערגל, פון וועלכן מען האָט געקאָנט אַרומכאַפּן מיטן אויג די גאַנצע לאָנקע. צופוסן פון בערגל האָט געשטראָמט אַ קוואַל, און דאָס הויכע זעפטיקע גראָז האָט מיט די שפּיצן געטרונקען זון און מיטן וואָרצל קאַלט פריש קוואַלוואַסער.

מען האָט זיך גענומען איינאָרדנען. דער הונט האָט געהיט דעם שעפּס און דער צווייפיסלער האָט געכאַפּט די הון, די קאַטשקע און די גאַנז און זיי אַרומגעהאַקט די פליגלען, זיי זאָלן נישט קענען אַוועקפליען.

ביסלעכווייז האָט ער זיך פאַרשאַפט אַ גרעסערע צאָל שעפּסן, ציגן און עופות. אַז די בהמות האָבן אָפּגעפרעסן די פּאַשע פון דער לאָנקע, האָט דער צווייפיסלער זיך איבערגעצויגן אויף אַן אַנדער אָרט,—און אַזוי ווייטער און ווייטער. דעם אַנטלאָפענעם אָקס און קו האָט ער, קענטיק, גאָר פאַרגעסן. אָבער איינמאָל

האָט אים זיין ווייב דערמאָנט וועגן זיי.

—דו מוסט זען מיר ווידער שאַפן עפּעס אַ קו,—האָט זי געזאָגט.— איך קאָן זיך גאָרנישט באַגיין אָן זייער מילך. אויך די קינ־ דער ברויכן שטעקשיכלעך פונם קאַלבסלעדער.

דער צווייפיסלער האָט גענומען דעם שפּיז מיטן שלייף און זיך געלאָזט אין וועג אַריין. אַדורכגעשפּאַנט ביי אַ פּאָר מייל, האָט ער זיי פון וויטן באַמערקט. זיי האָבן אים אָבער אויך באַ־ מערקט און תיכף ומיד געמאַכט פּליטה. אַ פערד, וואָס איז געשטאַנען דערביי און האָט עס צוגעזען, האָט זיך צעלאַכט.

—מיינע פיר פלינקע פיס וואָלטן דיר איצט צונוץ געקומען!— האָט עס געזאָגט.

—יאָ, געוויס—האָט דער צווייפיסלער איינגעשטימט.

—איז דאָך פאָרט פאַראַן אַ זאַך, וואָס דיר פעלט?—האָט דאָס פערד ווידעראַמאָל געלאַכט.—אַבי דו האַלטסט זיך גרעסער פון אַלע חיות אין דער וועלט.

דעמאָלט האָט דער צווייפיסלער שטיל און פּאַוואָליע פאַרוואָרפן דעם שלייף דעם פערד אויפן האַלז. דאָס פערד האָט זיך אויפ־ געהויבן אויף די הינטערשטע פיס און די אויגן זיינען אים אַרויסגעשפּאַרט געוואָרן פון פּחד. ער האָט זיך אָבער נישט אונטערגעגעבן און זיך גענומען ראַנגלען מיט אַלע כּוחות. אָבער וואָס מער ער האָט זיך געראַנגלט, אַלץ איינגער האָט זיך אים פאַרצויגן דער שלייף אַרום האַלז. אַ ליאַדע מינוט האָט ער גע־ קאָנט דערשטיקט ווערן.

דער צווייפיסלער האָט אויך געהאַט גרויסע יסורים, מחמת דער עק פונם שלייף, מיט וועלכן ער האָט זיך אַרומגעבונדן די האַנט, האָט אים זיך איינגעשניטן אין פלייש ביז בלוט.

ער האָט אָבער דאָס פערד נישט אָפּגעלאָזט.

צולעצט איז דאָס פערד מיד געוואָרן. ס'איז געבליבן שטיין, ציטערנדיק מיטן גאַנצן לייב. אַ שוים איז אים אַרויסגעשלאָגן פון מויל.

—וואָס ווילסטו פון מיר?—האָט עס פּלוצלונג אַ פרעג געטאָן.—

מיין פלייש איז נישט געשמאַק, און קיין וואָל האָב איך אויך נישט, אַז דו זאָלסט זי קענען אָפּשניידן.

—איך ברויך דיינע פּאָר פלינקע פיס!—האָט דער צווייפיסלער געזאָגט.—דו האָסט זיך נאָר־וואָס באַרימט מיט זיי. שטיי־זשע שטיל און זיי קלוג... אויב דו וועסט זיין רואיק, וועל איך דיר קיין בייז נישט טאָן.

ער האָט געוויקלט דעם שטריק אַרום אָרעם און זיך לאַנגזאַם דערנענט צום פערד. נאָכדעם האָט ער געגלעט זיין פאַרשוויצטן האַלז, האָט אים מיט פלומרשטער ליבע אַריינגעקוקט אין די אויגן אַריין, און אַז דאָס באַשעפעניש האָט זיך באמת באַרואיקט, האָט ער זיך פלוצלונג אַ כאַפּ געטאָן פאַר דער גריווע און אַרויפגעשפּרונגען אויף זיין רוקן. דאָס פערד איז ווידעראַמאָל אַרויס פון די כלים, זיך אַנידערגעשטעלט אויף די הינטערשטע פיס, געסאָפּעט און משוגענערווייז געשפּרונגען און מיט אַלע כוחות און מיטלען געוואָלט אַראָפּשליידערן פון זיך דעם רייטער. דער צווייפיסלער אָבער האָט נישט אַרויסגעלאָזט די גריווע פון דער האַנט, האָט פאַרדריקט די פיס אַרום בויך פונם פערד און געבליבן זיצן. און ביסלעכווייז האָט זיך דאָס פערד אונטערגעגעבן און דער צווייפיסלער האָט אים געפּאַטשט חברלעךביים האַלז.

—איצט לאָמיר לויפן כאַפּן דעם אָקס.

ער האָט געגעבן דעם פערד אַ לייכטן שמיץ און עס האָט גענומען טראָגן ווי אויף פליגלען.

דער אָקס האָט געזען, אַז דאָס שפּיל ווערט געפערלעך, האָט ער שוין גאָרנישט געפּרובט אַנטלויפן, נאָר אויסגעגלאָצט אַ פּאָר תמעוואַטע אויגן אויפן פערד מיטן רייטער. איידער ער איז געקומען צו זיך, האָט ער שוין דערפילט דעם פאַרהאַסטן שלייף אַרום האַלז. דער צווייפיסלער איז שטאָלץ אַוועקגעריטן אַהיים מיט זיין רויב.

געקומען צום געצעלט, איז ער פלינק אַראָפּגעשפּרונגען פון פערד, האָט עס לאַנג געגלעט און אַזוי־אַרום באַדאַנקט פאַר דער

אַרבעט. דער שלייף אָבער האָט נאָך אַלץ געהאַלטן פעסט דאָס פערד.

—צי ווּעסטו מיך איצט אָפּלאָזן?—האָט דאָס פערד געפרעגט.

דער צווייפיסלער האָט געשמייכלט.

—ניין,—האָט ער געזאָגט,—אָבער איך וועל דיר געבן עפּעס בע־סערס, ווי פרייהייט. איצט באַקומסטו וואַסער פון אַ פרישן קוואַל און פעט זעפטיק גראָז, וואָס דו האָסט עס נאָך קיינמאָל נישט געגעסן. דערנאָך וועסטו זיך אַנידערלייגן און אויסרוען. אויב דו וועסט מיר דינען געטריי און טאָן דאָס ביסל אַרבעט, וואָס איך וועל פון דיר פאַרלאַנגען, וועסטו לעבן אין וואוילטאָג און נישט האָבן קיין שום זאָרגן וועגן חיונה.

ער האָט דערלאַנגט דעם פערד פּאַשע און האָט עס צוגעבונדן צו אַ בוים ביי דער טיר פון געצעלט. דערביי איז געשטאַנען דער צוגעבונדענער אָקס.

—לאָמיר פרובן זיך אָפּרייסן,—האָט דאָס פערד איינגערוימט דעם אָקס אין לאַנגן אויער אַריין, בעת ס׳איז צוגעפאַלן די נאַכט און דער צווייפיסלער איז איינגעשלאָפן.

—דאָס טו איך שוין נישט מער!—האָט דער אָקס געשאָקלט מיט זיין גרויסן קאָפּ.—איך וועל שוין אָננעמען פאַר ליב אַלץ, וואָס עס זאָל נישט געשען. איך האָב נישט געקענט צוזען, ווי ער איז געזעסן אויף דיין רוקן! ער איז אונזער באַצווינגער און באַפעלער, און מיר מוזן אים געהאָרכן!..

דער ווערבייטשיק האָט דערוויל פאַנאַנדערגעקלונגען צווישן די וואַלד־איינוואוינער דאָסדאָזיקע נייס: דער צווייפיסלער האָט געפאַנגען דאָס פערד... ער רייט אויף זיין רוקן... ער האָט עס צוגעבונדן צו זיין געצעלט... דאָס פערד איז אויך געוואָרן זיין דינער.

—דו הערסט?—האָט געפרעגט די לייביכע איר מאַן.—אפשר וועס־טו אים לאָזן רייטן אויך אויף דיין רוקן?

דער לייב האָט ווילד אַ בריל געטאָן.

—זאָל ער פרובן רייטן!—האָט ער געקריצט מיט די ציין.

—נישקשה, ער וועט פרובן!—האָט די לייביכע געשטאָכן דעם

מאַן ווי מיט הייסע שפּילקעלעך.—און דו וועסט זיך אונטערגעבן ווי אַ פליגעלע... דו ציטערסט דאָך פון שרעק און די נעגל ווערן דיר טעמפּ, בשעת דו דערזעסט אים...
דער לייב האָט אַראָפּגעלאָזט דעם מעכטיקן קאָפּ און האָט גאָר־נישט געענטפערט. שווערע, זייער שווערע זאָרגן און רעיונות זיינען אים באַפאַלן.

VII

דאָס זייען און שניידן.

דער צווייפיסלער האָט אַלץ געוואַנדערט מיט זיין טשערע־דע פון אָרט צו אָרט, פון לאַנקע צו לאַנקע.
די טשערעדע האָט זיך פאַרמערט מיט יעדן יאָר, און מיט יעדן יאָר האָט זיך אויך פאַרגרעסערט זיין משפחה. זיין פרוי האָט אים שוין געשיינקט זיבן זין און זיבן טעכטער, וואָס האָבן אַלע פלייסיק געאַרבעט אין שטוב און אין שטאַל און אין פעלד.

דאָס פערד האָט אים געטראָגן אָדער געגאַנגען הינטער אים טריט ביי טריט, ווען דער צווייפיסלער האָט זיך געלאָזט זוכן נייע פאַשעס. עס איז תמיד געקומען אויף זיין רוף און נישט ער און נישט די אַנדערע בעלי־חיים האָבן מער נישט געטראַכט פון אַנטלויפן.
זעלטן־זעלטן האָט זיך דערוועקט אין זיי עפּעס אַ טונקעלער דראַנג צו פרייהייט, באַזונדערס דעמאָלט, ווען זיי האָבן זיך צופעליק געטראָפן מיט ווילדע חיות. אָבער דערדאָזיקער דרנגאַ

איז תיכף ומיד אויסגעלאָשן געוואָרן ווי אַ שוואַך פֿייערל פֿון אַ שטאַרקן ווינט.

איינמאָל ביינאַכט איז דער הירש צוגעגאַנגען צום שטאַל, וואו דער צווייפיסלער האָט געהאַלטן זיינע בעלי־חיים.

—איר פֿילט זיך, זעט אויס, גאַנץ גוט. ס׳איז אייך וואַרעם און טרוקן,—האָט ער געזאָגט און אַריינגעקוקט צו זיי.

—יאָ, נישט צו פֿאַרזינדיקן, ס׳איז אונז גאַנץ גוט, בעסער ווי אַמאָל, ווען מען האָט זיך געדאַרפֿט באַהאַלטן אונטער אַ בוים פֿאַר אַ רעגן און דאָך אויסגעווייקט געוואָרן ביזן ביין,—האָט געענטפֿערט אַ שעפּס.

—יאָ, ס׳איז וואָר,—האָט זיך אויך אָנגערופֿן דער אָקס.—אין דער טרוקענער צייט איז אונז אויך נישט שלעכט... יעדן טאָג באַקומען מיר אונזער גוטע פּאַשע און מיר ווייסן מער נישט פֿון הונגער און דאָרשט.

—אָבער דערפֿאַר מוזט איר שווער האָרעווען!—האָט אַ שטאָך געטאָן דער הירש.—וויפֿיל מאָל האָב איך אייך געזען שלעפּן משאות און טאָן כל עבודת פּרך.

—אַוודאי, עסן גיט מען נישט אומזיסט!—האָט זיך אָנגערופֿן דאָס פֿערד.—איך בין מיך מודה אַפֿילו, אַז פֿון דער נעכטיקער נסיעה ברעכן מיר נאָך אַלע ביינער.

—מיר איז אויך נישט בעסער,—האָט געזאָגט דער אָקס.

די גאַנז, די קאַטשקע און די הון האָבן צוגעשטימט, אָבער דער שעפּס, וואָס האָט מעלה־גרה געווען מיט גרויס אַפּעטיט, האָט צוגעוואָרפֿן:

—איך האָב מיך נישט ליב צו קלאָגן. מיר איז איצט גאַנץ גוט...

—וואָס רעדט איר דאָרט?—האָט דער הונט געפֿרעגט.

ער איז געלעגן אויף דער וואַך און געשלאָפֿן, אָבער נאָר מיט איין אויג.

—זייט רואיק און שווייגט?—האָט ער זיי שטרייִנג געוואָרנט, ווי אַ תּפֿיסה־שומר.

דער הירש איז דערשראָקן אויפֿגעשפּרונגען און געמאַכט פּליטה,

און דאָס פערד האָט געזאָגט:

—קודם מאַך דו נישט קיין קולות, וועט שוין אַלץ זיין גוט. דו שרייסט דאָך העכער פון אַלעמען.

באַלד דערויף האָט אַ טויטע שטילקייט אַרומגעכאַפּט דאָס גע־צעלט און אַלע זיינען איינגעשלאָפן.

אָבער דער צווייפיסלער האָט נישט געשלאָפן.

ער איז געזעסן און געטראַכט, און דערביי איז געזעסן זיין ווייב אויך שטאַרק פאַרזונקען אין אירע רעיונות.

—גענוג פאַר מיר תּמיד זיך אַרומצעשלעפּן איבער דער וועלט,— האָט ער אַ זאָג געטאָן.—מיר זיינען שוין נישט יונג, די משפּחה איז גרויס, און איך האָב שוין נישט די אַמאָליקע כּוחות.

—און איך אויך,—האָט זיין ווייב צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.—אָבער מען מוז אַרבעטן. מיר האָבן שוין נישט קיין פּאַשע און מען מוז זוכן אַ נייע לאָנקע...

דער צווייפיסלער האָט געשוויגן.

ער האָט זיך אויפגעהויבן, אַרויס אויפן רעגן, אַ קוק געטאָן אויפן שטאַל, און ווידער אַריינגעקומען און זיך אַנידערגעזעצט אויפן פריערדיקן אָרט. ערגעץ אויף דער לאָנקע האָט ווילד געברילט אַ לייב.

—דו הערסט?—האָט דאָס ווייב געפרעגט.

דער צווייפיסלער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

—הער נאָר,—האָט ער פלוצלונג אַ פרעג געטאָן נאָך אַ קורצן שווייגן.—דו ווייסט פון וואַנען ס׳שפּראָצט דאָס גראָז?

—דו ווייסט דאָך אַליין אַזוי גוט ווי איך,—האָט זי זיך אָנגע־רופן.—מיר האָבן דאָך אַ סך מאָל גערעדט דערפון. דאָס גראָז שיט פאַנאַנדער זיין זוימען, און ווען ס׳קומט דער רעגן, שפּראָצט עס אַרויס פריש און גרין, צווישן די אַלטע פאַרוויאַ־לעטע גרעזלעך.

—דאָס איז אַזוי,—האָט ער געזאָגט.—אָבער איך פרעג דיך, פאַר־וואָס זאָלן מיר נישט קענען צונויפקלייבן די זוימען און אַליין זיי פאַנאַנדערשיטן? מיר וועלן אויסרייסן דאָס אַלטע גראָז, אויפקלויבן די זוימען פון יענע סאָרטן, וואָס אונזערע בהמות

האָבן זיי געֹרן, און פאַנאַנדערשיטן זיי אויף דער לאָנקע. אַזוי־אַרום וועלן מיר האָבן אַ גוטע פעטע פּאַשע פאַר אונזערע בהמות. וואָס זאָגסטו דערצו? צי איז עס נישט אַ גוטער איינפאַל?

—יאָ, ווען דאָס וואָלט מעגלעך געווען!—האָט זי אים אָנגעקוקט מיט גוטע דאַנקבאַרע אויגן.

—פאַרוואָס זאָל עס נישט מעגלעך זיין?—האָט ער זיך צעהיצט.—אויב דאָס וועט אונז געלינגען, וועלן מיר אויסבויען אַ שטאַרק פעסט הויז פאַר אונז און אונזערע בהמות, און מיר וועלן זיך נישט באַדאַרפן מער אַרומשלעפן איבער דער וועלט. איך בין דיר ערב, אַז מיט אונזערע נייע העק וועלן מיר קענען אויס־האַקן די גרעסטעביימער און זיך אויסבויען דאָס בעסטע הויז. באַלד ווי די רעגנצייט וועט אַריבער, וועל איך גיין אויסזוכן עפּעס אַ פּלאַץ, וואו מיר וועלן זיך באַזעצן אויף שטענדיק און פאַרברייינגען אונזערע לעצטע יאָרן אין מנוחה און תּענוג. דאָס אַרומשלעפן זיך ציצט מיר שוין גוט אין די ביינער.

אין אַ וואָך אַרום האָט דער הימל זיך אויסגעלייטערט. דער צווייפיסלער האָט זיך אַרויפגעזעצט אויף זיין פערד, זיך צע־זעגנט מיט זיין הויזגעזינט און האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין וועג אַריין. דריי טעג האָט ער געוואַנדערט און אויפן פערטן טאָג איז ער געקומען אַהיים שטאַרק אויפגעלייגט און צופרידן.

—איך האָב שוין געפונען דאָס, וואָס איך האָב געזוכט!—האָט ער געמאָלדן אַ צופרידענער זיין ווייב.—מען באַדאַרף זיך אָנ־הויבן פּאַקן.

מען האָט, ווי געוויינלעך, פאַנאַנדערגענומען די געצעלטן און שטאַלן, אַרויפגעלייגט אַלץ אויף די בהמות און זיך געלאָזט מיט האַק און פּאַק אין וועג.

געקומען אויף דעם נייעם פּלאַץ, האָבן אַלע געמוזט מודה זיין, אַז דער אַלטער האָט גוט אויסגעקליבן.

דאָס איז געווען זייער אַ פעט ברייט אָפן פעלד, פון איין זייט אַרומגערינגלט מיט אַ וואַלד און פון דער אַנדערער זייט—מיט

אַ לאָנקע און אַן אָזערע, וואָס האָט געשווימלט און געגריבלט מיט פאַרשידענע מינים פיש. אויף דער אַנדער זייט פון דער אָזערע האָבן זיך געהויבן צום הימל הויכע פאַרשפּיצטע בערג. האַרט ביים וואַלד, ביי אַ בערגל, האָט געקלונגען אַ זילבערנער קוואַל, וואָס האָט זיך אַריינגעגאָסן אין אַ העל טייכל און דאָס טייכל האָט זיך שיין געשלייגלט איבער דער לאָנקע און איז אַריינגעפאַלן אין דער אָזערע.

דאָס פעלד און די לאָנקע זיינען געווען באַדעקט מיט גראָז און בלומען.

עס זיינען געווען צאָלרייכע מינים גראָזן און בלומען, און פאַר־שידענע בלומענפאַרבן האָבן געטאַנצט און שעמערירט פאַרן אויג.

אַזאַ פעלד, אַזאַ לאָנקע, אַזאַ קוואַל און אַזאַ רחבות פון הימל און ערד האָט נאָך קיינער פון דעם צווייפיסלערס משפחה ביז אַהער נישט געזען.

—דאָ וועלן מיר וואוינען!—האָט דער צווייפיסלער מיט שטאָלץ אַ זאָג געטאָן.—אויף דעמדאָזיקן בערגל וועלן מיר בויען אַ גרויס שטאַרק הויז און אַ שטאַל פאַר אונזערע בהמות. דאָס אַלץ וועלן מיר אַרומצוימען מיט פלעקער און אַרומפלעכטן מיט צווייגן, צו שיצן זיך קעגן אונזערע פיינט. מיר וועלן זיך תיכף נעמען צו דער אַרבעט. ווען דאָס הויז וועט פאַרטיק ווערן, וועלן מיר זען וואָס ווייטער צו טאָן.

דער צווייפיסלער און זיינע זין האָבן אָנגעהויבן האַקןביימער.

זיי האָבן געהאָרעוועט טאָג־איין, טאָג־אויס, אָבער מען האָט גע־מוזט לאַנג האַקן און אָנשטריינגען אַלע כּוחות ביז די ביימער האָבן זיך גערירט. דורכן וואַלד האָט זיך דורכגעטראָגן אַ שעפּ־טשען פון בוים צו בוים:

—וואָס איז דאָ געשען? וואָס וויל ער פון אונז? וואָס האַקט ער אונטער אונזערע וואָרצלען?

דער צווייפיסלער און זיינע זין האָבן זיך אָבער געמאַכט נישט וויסנדיק און ווייטער געהאַקט, ביז די ביימער זיינען געפאַלן.

דערנאָך האָבן זיי אויסגעבויט אַ שטאַרק הויז אויפן בערגל, עט־לעכע הייזער פאַר די קינדער, שטאַלן פאַר די בהמות און אַ שייער, וועגן וועלכן דער צווייפיסלער האָט דערווייל גאָרנישט גערעדט.

די שפּאַלטן און לעכער פון די בנינים זיינען פאַרשטאָפּט גע־וואָרן מיט מאָך, און דער גאַנצער פּלאַץ איז אַרומגעצוימט גע־וואָרן מיט קלעצער און דורכגעפלאָכטן געוואָרן מיט צווייגן— עס זאָל קענען זיין אַ שוץ קעגן די חיות־פּאַרצוקער.

פאַרטיק געוואָרן מיט די בנינים, האָט דער צווייפיסלער זיך גענומען צו אַ נייער אַרבעט.

ער האָט געהייסן דער ווייב, זי זאָל אויפנייען עטלעכע לע־דערנע בייטלעך פאַר זיך און פאַר די קינדער. נאָכדעם איז מען געגאַנגען אין פעלד און אויף דער לאָנקע און צונויפגע־קליבן די זוימען פון פאַרשידענע נוצלעכע גראָזן.

—אפשר וועסטו נעמען פון מיינע זוימען?—האָט געפרעגט דער מאָן און געעפנט זיין רויט בלימעלע,—אין מיינע שעלכעלעך זיי־נען פאַראַן טויזנטער, טויזנטער זוימענקערנדלעך און איך גע־הער צו די שענסטע פלאַנצן אין לאַנד.

—מעגלעך, אָבער איך ברויך דיך נישט דערווייל,—האָט געענט־פערט דער צווייפיסלער.

און מיך האָסטו גאָר אויסגעמיטן!—האָט אים באַשיידן דערמאָנט דאָס פייכעלע.

—דו ביסט חנוודיק, אָבער פאַר מיר טויגסטו נישט!—האָט אים דער צווייפיסלער צוגעוואָרפן, פאַרבייגייענדיק.

—אָן מיר האָסטו פאַרגעסן!—האָט געשריען דאָס דיסטל.—איך בין די שטאַרקסטע און שטאָלצעסטע פלאַנץ אויף דער לאָנקע.

—און איך בין די האַרטעסטע פלאַנץ,—האָט געטענהט דאָס קלעט־בלימעלע—נעם מיך, איך בעט דיך...

—פון אָט דיביידע זאָלסט איר, למען־השם, גאָרנישט נעמען!—האָט דער צווייפיסלער געוואָרנט זיינע קינדער.—אונזערע בהמות עסן זיי נישט.

ווען די בייטלעך זיינען פול געוואָרן מיט זוימען, זיינען די צווייפיסלער געגאַנגען אַהיים און זיי אויסגעליידיקט, און באַלד דערויף געגאַנגען נאָך נייע זוימען. אַזויאַרום האָט מען אָנגעזאַמלט גרויסע קופּעס זוימען.

—איצט וועלן מיר באַאַרבעטן די ערד,—האָט דער צווייפיסלער געזאָגט.—קום, מיין פערדל, זיי מיר צו הילף, אַזוי ווי דו האָסט עס שוין פיל מאָל געטאָן.

ער האָט זיך געמאַכט אַן אַקער, איינגעשפּאַנט דאָס פערד אין אַקער און געשניטן דערמיט די ערד, שריט פאַר שריט, שורה נאָך שורה. די ווייכע ערד האָט זיך איבערגעקערט מיט אַ וואַרעמען מחיהדיקן ערדריח.

—וואָס זאָל עס באַדייטן?—האָט דער מאָן געפרעגט.

ער איז פּלוצלונג אונטערגעהאַקט געוואָרן פונם אַקער צוזאַמען מיט אַנדערע גראָזן.

—ס'וועט דיר גאָרנישט העלפן!—האָט געשריען דאָס אונטערגעהאַקטע דיסטל—איך וועל אַרויסקומען און וואַקסן דיר אויף צו להכעיס.

—דאָס וועלן מיר זען!—האָט געזאָגט דער צווייפיסלער.

ער האָט געהייסן זיינע קינדער, זיי זאָלן אויסרייסן די דיסטלען איינס פאַר איינס, און אַוועקטראָגן. און אַז ער האָט שוין געהאַט גענוג געאַקערט, האָט ער צעזייט די זוימען איבער דער ווייכער פרישער ערד.

—איצט וועלן מיר אָפּוואַרטן די רעגנצייט און זען, וואָס דערפון וועט זיין,—האָט ער געזאָגט.

און די רעגנצייט איז געקומען, און ס'איז געשען אַזוי ווי דער צווייפיסלער האָט פאָרגעזען.

קליינע גרינע גרעזעלעך האָבן אַרויסגעשפּראָצט פון דער פריש־צעאַקערטער ערד—לויטער גראָז פון יענע סאָרטן, וואָס זיינע בהמות האָבן ליב. וואו־נישט־וואו האָט זיך באַוויזן אויך אַ דיסטל אָדער אַ מאָן, אָבער זיי זיינען ווי בטל געוואָרן אין דעם גריינעם ים פון גראָז.

—זעט איר!—האָט דער צווייפיסלער אויסגערופן מיט גדלות.—

איצט דאַרפֿן מיר האָבן שיינע זונטעג, און אַלץ וועט זיין גוט, אַזוי ווי איך האָב געוואָלט.

די זון האָט געלויכטן און געוואַרעמט, און די גראָזן האָבן זיך געהויבן, ווי דורך אַ כשוף.

איינמאָל איז דער הירש אַרויס פון וואַלד און איז געבליבן שטיין אַ פאַרגאַפטער. דאָס גרינע זאַפטיקע פעלד האָט אים גע־קיצלט די גרויסע אויגן.

ער האָט אַרויסגערופן זיין משפחה פון וואַלד און געשעפּטשעט פון התפעלות:

—קומט אַרויס, קינדער, וועט איר זען עפּעס שיינס! סאַראַ פיי־נע זעפטיקע גראָזן! ווי זיי שמעקן! ווי זיי צערטלען דעם מאָגן!

אָבער דאָ איז פלוצלונג אויסגעוואַקסן דער צווייפיסלער מיטן שפיז, און ער האָט זיך צעשריען:

„אַוועק פון דאַנען, דו פרעסער! צי מיינסטו, אַז איך האָב גע־אַרבעט און געפּראַצעוועט, אַז דו זאָלסט האָבן צו פרעסן? טראָג זיך אָפּ וואָס גיכער, אַנישט וועסטו זיך באַצאָלן מיטן לעבן!

דער הירש האָט געכאַפּט די פיס אויף די פּלייצעס און איז הענדום־פּענדום אַוועקגעשפּרונגען צוריק אין וואַלד אַריין. און דער ווערבייטשיק האָט ווידער געהאַט וואָס צו דערציילן:

—דער צווייפיסלער האָט זיך צוגענומען אַ גרויס שטיק ערד און קיינער טאָר עס נישט אָנרירן. דעם הירש האָט ער שטאַרק באַ־ליידיקט, ווען יענער האָט זיך צוגערירט צו אַ ביסל גראָז...

VIII

דער צווייפיסלער האָט הנאה פון לעבן.

אין דער שניטצייט האָט דער צווייפיסלער אָנגעפּאַקט דעם שייער, אַ בנין, וואָס זיין הויזגעזינט האָט אים פריער נישט פאַרשטאַנען, מיט די פּרוכטן פון זיין פעלד. אָבער באַלד ווי ער האָט נאָר געענדיקט זיין אַרבעט, האָט ער שוין אָנגעהויבן צו טראַכטן פון נייעם יאָר.

ער האָט שטאַרק פאַרגרעסערט זיינע פעלדער און אויפן צווייטן יאָר האָט ער אַ שטיק וואַלד פאַרוואַנדלט אין פעלד, וואָרום ער האָט אויסגעבערענט די ביימער צוזאַמען מיט די וואָרצלען.

אַרום הויז האָט ער פאַרפלאַנצט אַ פּרוכטגאָרטן און די פעלדער זיינען פאַרזייעט געוואָרן מיט קאָרן און פּאַשע. אַלץ איז געווען אַרומגעצוימט ווי געהעריק, און ווער ס׳האָט זיך אַריינגעריסן אין זיין גבול און אָנגעמאַכט דאָרט אַ שאָדן, האָט תיכף באַקומען אַ שווערן פּסק: וואונדן אָדער טויט.

ס׳האָט באמת אויסגעזען, ווי ער וואָלט געווען דער גאַנצער באַלעבאָס און הערשער איבער דער ערד... אַלץ האָט געציטערט

פאַר אים און מיט גרויס הכנעה אַרונטערגעפאַלן אונטער זיין גיריקער האַנט.

זיינע טשערעדעס האָבן זיך פאַרמערט און פאַרגרעסערט פון טאָג צו טאָג, און די פעלדער האָבן געטראָגן אַ גאָלדענעם אוצר פון צייטיקע תבואות.

נאָר טיף אין וואַלד און טיף אין נאַכט, בשעת אַלץ איז פאַר־זונקען געוואָרן אין שטילקייט און שלאָף, האָבן די בעלי־חיים מיט גרויס אַנגסט און ווײ געשמועסט פון דער גוטער אַלטער צייט, בעת זיי זיינען אַליין געווען די באַלעבאַטים פון וואַלד, און מען האָט געלעבט אויף דער וועלט, ווי אין אַ גן־עדן.

—ער וואַרפט שטיינער אויף יעדן בידנעם פייגעלע, וואָס נאַשט אויף אַ קערנדל פון זיין פעלד,—האָט דער ווערבייטשיק פאַר־מסרט.

—נעכטן האָט ער מיך אַוועקגעיאָגט פון די ניסביימער, וואָס שטייען אַרום זיין גאָרטן,—האָט זיך געקלאָגט די וועווערקע.

—ער האָט אַריינגעשאָסן אַ פייל אין מיין לינקן פליגל דערפאַר, וואָס איך האָב גענומען אַ לעמעלע פון זיין טשערעדע,—האָט זיך געחדושט דער שפּאַרבער.

—און מיך האָט ער אינגאַנצן פאַרטריבן פון וואַלד!—האָט גע־וואָיעט דער וואָלף.—ער זאָגט, אַז אַלע חיות זיינען זיינע, און באַם איך וועל מיך דערוועגן זיי אָנצערירן, וועט ער מיך און מיינע קינדער רודפן ווי ווייט ער וועט נאָר קענען.

—מאָרגן וועט ער מסתמא זאָגן, אַז אַלע פעלדער און לאָנקעס זיינען זיינע!—האָט זיך אָפּגערופן דער הירש.—וואו וועלן מיר דעמאָלט נעמען צו עסן?

דאָס דיסטל און דער מאָן און די בלויע גלאָקן־בלום האָבן זיך שרעקעוודיק פאַררוקט צום פאַרקאַן. די פייל־כעלעך האָבן זיך פאַרבאַהאַלטן אין גראָבן, און די פּאָקשיווע איז געשטאַנען אומעטיק און בייז אויף יענער זייט פאַרקאַן.

—צי אונז איז בעסער?—האָט זיך אָפּגערופן דאָס דיסטל—מיר

זיינען פֿאַרטריבן געוואָרן פון אונזער היים און מוזן דאָ זיצן אין חרפּה און צוזען, ווי אַזוי דאָס נאַרישע גראָז האָט זיך אויסגעשפּרייט אויפֿן גאַנצן פעלד. מיר לעבן דאָ תּמיד אין פּחד, אַז ער זאָל אונז נישט אויסרייסן מיטן וואָרצל און אַרייַנוואַרפן אין מיסט.

—פון אונזערע שוועסטער האָט ער עטלעכע געפּלאַנצט אין זיין גאָרטן,—האָבן זיך אָפּגערופן די פיילכעלעך.

—און פון מיינע אויך,—האָט דער מאָן געזאָגט.—אָבער וואָס קומט מיר דערפון אַרויס?

—שטיק אים, דיסטל!—האָט געזאָגט דער גרויסער דעמב.

—דאָס האָב איך שוין געטאָן, האָט ער מיך מכבד געווען מיט זיין שטעקן...—האָט דאָס דיסטל געענטפערט.

—ברען אים, פּאָקשיווע!—האָט דער דעמב ווייטער געזאָגט.

—איך האָב עס געטאָן, האָט ער מיך שיער נישט צעטראָטן פון רציחה,—האָט די פּאָקשיווע געזאָגט.

אָבער דאָס קאָרן האָט טריאומפירט. אַ פריילעך שעפּטשען פון די זאַנגען האָט זיך געטראָגן פון איין עק פעלד ביז דעם אַנדערן עק.

—מיר... מיר... מיר... זיינען די באַלעבאַטים פון דער ערד... מען האָט אונז ליב... מיר זיינען נוצלעך... און איר אַלע זענט שלעכטע גראָזן.

—איר הערט, וואָס זיי זאָגן, די פּחדנישע זאַנגען?—האָט דאָס דיסטל געשריען.

—מיר קענען גאָרנישט מאַכן,—האָט די בלויע גלאָקנבלום זיך אָנגערופן.—אָבער איר גרויסעביימער, למאי פאַלט איר נישט אָן אויפן צווייפיסלער און מאַכט נישט אַ סוף צו אים און זיינע בנים?

—דאָס איז נישט אַזאַ לייכטע זאַך, ווי איר מיינט,—האָט דער דעמב געזאָגט.—אָבער עס איז דאָך פאַראַן עפּעס אַ לייב אין וואַלד, וואָס קאָן זיך נוקם זיין פאַר אונז! וואו איז דער לייב?

—יאָ, דער לייב... וואו איז דער לייב?—האָבן אַלע דערשטוינט געפרעגט.

דער לייב האָט זיך אָבער נישט אָפּגערופן, און מען האָט נישט געקענט וויסן, וואו ער האָט זיך פאַרגראָבן.

דער צווייפיסלער איז זיך דערווייל געזעסן אין זיין גאָרטן אונטער אַ פאַרצווייגטן עפּלבוים, אַרומגערינגלט פון זיין גאַנצער פאַמיליע.

ער האָט געקוקט אויף זיינע פעלדער, וואו די תבואות האָבן זיך לייכט געוויגט פון ווינט, און אויפן עפּלבוים, וואָס זיינע צווייגן האָבן זיך געבראָכן פון די גרויסע צייטיקע פירות. דער עלטערער זון איז נאָר וואָס געקומען פון דער אָזערע און האָט געבראַכט אַהיים אַ פיין פעקל פיש. אַ צווייטער זון איז געווען אויף געיעג אין וואַלד. און אָט האָט ער פריילעך געשפּרייזט אַהיים מיט זיין רויב, וואָס איז אים געלעגן אויפן אַקסל.

אַ דריטער איז געזעסן און געאַרבעט איבער אַן אַקער. אַ פערטער האָט געמאַכט פייער און אַזוי ווייטער. אַלע קינדער האָבן גערן, פריילעך און פלייסיק געאַרבעט. די מיידלעך האָבן על־פּי־רוב געאַרבעט אין קיך אָדער געדרייט די האַנטמיל.

—נו, מען קען נישט זאָגן, דאָס מזל האָט אונז שטענדיק געשפּילט,—האָט דער צווייפיסלער זיך אָנגערופן צו זיין ווייב.—אַלץ וואַקסט אונטער אונזערע הענט און אונזערע קינדער זייַנען גליקלעך און אונזערע קינדסקינדער וועלן זיין נאָך גליקלעכער... איך קאָן מיר גאָרנישט משער זיין, צו וואָס פאַר אַ מאַכט און גדולה אונזער מין וועט זיך דערהויבן מיט דער צייט!

און דאָס ווייבל האָט אים געענטפערט אויף דידאָזיקע שטילע גליקלעכע ווערטער:

—יאָ, מיר לעבן גליקלעך... זייער גליקלעך. ווייסט, מיין מאַן, עס וואָלט געווען אַ יושר צו געבן אַ ביסל קערנדלעך די בידנע ווערבייטשיקעס, ווען עס וועט אָנקומען דער ווינטער.

און דער מאַן האָט געזאָגט:

—דו ביסט גערעכט. מיר האָבן גענוג, און קענען זיך פאַרגינען רחמנות צו האָבן אויף די בידנע פייגעלעך. איך האָב ליב זייער פייפן, ווען איך שטיי אויף אינדערפרי...

IX

די אסיפה פון די בעלי־חיים.

מיט יעדן טאָג זיינען די בעלי־חיים אַלץ מער און מער פאַרזונקען אין גרויס מרה־שחורה און זאָרג.

—היינט ווייס מען שוין גאָרנישט, וואָס מען טאָר און וואָס מען טאָר נישט!—האָט זיך אָנגערופן דער קראָט.—נעכטן האָט מיין פעטער אויפגעגראָבן אַ ביסל ערד, אַזוי ווי אונזער מין איז זיך נוהג פון קדמונים, האָט מען אים באַלד אַרויסגעצויגן פון זיין נאָרע און איינער פון דעם צווייפיסלערס זין האָט אים דער־הרגעט אויפן אָרט. נו, זאָגט אַליין, איז דאָס אַ וועלט?

—זיין טאָכטער האָט דערהרגעט מיין ווייב, ווייל איר פרצוף איז דער צווייפיסלערין נישט געפעלן.—האָט זיך געקלאָגט אַ יונגער שפין.—אמת, איך האָב אַפילו פון מיין פלוניתטע קיין האָניק נישט געלעקט, זי האָט מיך געוואָלט אויפפרעסן תיכף נאָך דער חתונה און איך בין קוים אַרויס מיטן לעבן. אָבער זי איז דאָך געוועז אַן אָנשטענדיקע פרוי און האָט זיך תמיד זייער שיין אויפגעפירט.

—און אונז פאַרשפּאַרט ער אין קליינינטשקע תפיסות...—האָבן די בינען טרויעריק געברומט.
—און אונז רודפט ער אָן שום רחמנות!—האָט זיך דער קאָמאַר געקאָכט.
—און אונז פאַרשפּאַרט ער און גיט אונז צו עסן, אָבער ער פּרעסט אונז נאָכדעם אויף...—האָט דער חזיר אַריינגעבורטשעט מיט גרויס עגמת נפש.
—און אונז שטעלט ער פּאַסטקעס, וואו נאָר מיר שטעלן אַ פוס,—האָט אַ מייזל געקוויטשעט.
—ער געוועלטיקט איבער אונז אָן שום רחמנות,—האָט מיד צו־געוואָרפן דער הירש—און מיר קענען זיך נישט העלפן. דער לייב איז אַ פּחדן געוואָרן. ער איז שוין נישט מער דער האַר פון וואַלד. ער רייסט פון אונז שטיקער, ווען ער איז הונגע־ריק און פאַרטיידיקן פאַרטיידיקט ער אונז נישט.
ביי דידאָזיקע ווערטער האָט זיך פּלוצלונג באַוויזן די לייביכע. דער פאַרזאַמלטער עולם האָט זיך אַפילו שטאַרק דערשראָקן, אָבער די לייביכע האָט זיך רואיק אַנידערגעלייגט און געזאָגט:

—איר דאַרפט זיך נישט שרעקן פאַר מיר. איך וועל אייך נישט טאָן קיין שום בייז. די לעצטע אַכט טעג קאָן איך נישט עסן פאַר גרויס עגמת־נפש. איך ווער משוגע פון רעיונות און זאָרג. מיין מאַן איז אַ פּחדן געוואָרן, מיין מאַן, דער האַר פון וואַלד, און איך שעם מיך פשוט צו ווייזן די אויגן פאַר אייך...
—דער לייב איז מחויב אונז צו העלפן! דער לייב מוז אונז באַפרייען! האָבן אַלע גענומען שרייען אין איין קול.
—יאָ, יאָ, ער איז מחויב!—האָט זי טרויעריק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.—ער ליגט אָבער אין זיין הייל ווי אַ פאַרריקטער. נאָר איך קען שוין מער נישט שווייגן! הערט, וואָס איך וועל אייך זאָגן.
אַלע חיות האָבן זיך צוגעשטופּט נענטער צו דער לייביכע און אויפגעשפּיצט די אויערן.
און די לייביכע האָט געזאָגט:

—די סכנה דראָט אונז אַלעמען אָן אַן אויסנאַם. פאַר עוֹ"דאָ־זיקער צייט האָב איך צונויפגעזאַמלט די סאַמע נויטיקע ידיעות וועגן אונזער שונא, און איצט קען איך אייך זאָגן, אַז ער וויל געוועלטיקן איבער דער גאַנצער ערד. ער און זיינע קינ־דער ווילן אונז פאַרשקלאַפן.
—דאָס איז וואָר!—האָבן געשריען די בעלי־חיים.
—יאָ, ס'איז וואָר,—האָט די לייביכע ווייטער געזאָגט.—קיינער פון אונז איז נישט זיכער מיטן לעבן. אוויב די שטאַרקסטע חיה און דער גרעסטער בוים זיינען ביי היינטיקן טאָג גאַנץ, ווייסן זיי אָבער נישט, וואָס דער מאָרגן וועט זיי ברענגען. איר מעגט זיין דאָס קלענסטע ווערעמל אָדער דאָס עלנטסטע גרעזעלע־קומט דער טאָג, ווען ער האָט אייך נויטיק אָדער, פאַרקערט, איר ווערט אים שעדלעך, מעגט איר זיך שוין אויסרעכטן אַ שוואַרץ יאָר!..
—יאָ, יאָ, דאָס איז וואָר!—האָבן אַלע געשריען.
דער שטאַרקער דעמב האָט צוגעשאָקלט מיט זיינע סענקעוואַטע צווייגן, דער הירש האָט טיף אַראָפּגעלאָזט זיינע הערנער, דער רעגנוואָרם האָט געשעפּטשעט זיין יאָ טיף אין דער ערד און די בינען האָבן צוגעזשומעט אויף זייער לשון.
—אַזוי איז עס,—האָט די לייביכע ווייטער געזאָגט.—מיר זיינען אָדער נוצלעך אָדער שעדלעך—קיין מיטלוועג איז נישטאָ. גע־פעלט אים אַ בלימל, האָדעוועט ער עס, געפעלט עס אים נישט, צעטרעט ער עס מיט די פיס. ברענגט אים אַ בוים שאָטן אָדער פירות, לאָזט ער אים שטיין, ברויכט ער זיין האָלץ אָדער גע־פעלט ער אים אַזוי נישט, האַקט ער אים אויס. נוצט אים עפּעס אַ בעל־חי, כאַפּט ער אים און פאַרשקלאַפּט אים. ער קליידט זיך אין זיין פעל, עסט זיין פלייש און צווינגט אים צו אַר־בעטן פאַר אים. ער כאַפּט בעלי־חיים און זאַמלט פירות, ווען ער ברויכט זיי נאָך נישט, און טוט וואָס ער וויל.
—דאָס איז אמת, אַלץ אמת!—האָבן געשריען די בעלי־חיים אין איין קול.
—אָבער דאָס איז נאָך נישט אַלץ!—האָט די לייביכע זיי אי־

בערגעשריען.—דער צווייפיסלער איז נישט קיין ערלעכער יע־גער, ווי מיר. ער יאָגט נאָך די חיות נישט מיט די אייגענע פיס, נאָר אויפן רוקן פון זיין פאַרשקלאַפטן פערד. ער כאַפּט זיי נישט מיט זיינע קלויען, צעררייסט זיי נישט מיט זיינע ציין... ער האָט אַ געווער, וואָס פליט אין דער לופטן און ברענגט דעם טויט, וואו עס טרעפט...

—מיר קענען אַלע דאָס געווער!—האָט דער הירש געטרייסלט מיט די הערנער.

—עס איז נישט איין מאָל פאַרבייגעפלויגן פאַר מיינע אויגן!—האָט דער וואָלף וואוילויוגעריש אַ מאַך געטאָן מיטן קאָפּ.

—ער האָט געטראָפן אין מיין פליגל!—האָט דער קאָרשון פאַר־צייל̈ט.

—ער טרינקט נישט קיין בלוט און עסט נישט קיין פלייש, ווי מיר,—האָט די לייביכע געזאָגט.—ער בראָט עס און ברענט עס אויפן פייער, וואָס ער האָט תמיד אין געצעלט. ער פאַרגעוואַל־טיקט אַפילו די נאַטור... מיר ווייסן, אַז פייער קומט פון אַ בליץ, וואָס קלאַפּט אַריין אין אַן אַלטן בוים—ער קלאַפּט אָן צוויי שטיינער און ס׳שפּרינגט אַרויס אַ פייער... ער רייבט צוויי שטיקער האָלץ—און זיי ברענען. דאָס איז אַ פאַרגוואַלטיקונג פון דער נאַטור.

—דאָס איז אמת, הייליקער אמת!—האָבן אַלע אויסגעשריען.

—ער רייסט נישט די וואַלדפּירות, ווען זיי ווערן צייטיק,—האָט די לייביכע ווייטער געדרשנט.—ער פלאַנצט נאָר יענע צמחים, וואָס ער ברויכט און וואָרצלט אויס די אַנדערע, וואָס טויגן אים נישט. אויב מען זאָל אים לאָזן געוועלטיקן, וועט ער די גאַנצע וועלט איבערקערן. ס׳וועלן בלייבן לעבן בלויז די יעני־קע בעלי־חיים, וואָס ברייגען אים נוצן און תענוג. אויב מיר ווילן ווייטער לעבן אויף דער וועלט, מוזן מיר פּשוט ווערן זיינע שקלאַפן.

—דאָס איז וואָר... דאָס איז וואָר!—האָבן די חיות נאָכאַנאַנד געשריען.

די לייביכע האָט אַ ווײַלע געשוויגן. די חיות האָבן אָראָפּגע־לאָזט די קעפּ. אַ טויטע שטילקייט האָט אָנגעפילט דעם וואַלד. פּלוצלונג האָט זיך דערהערט דאָס בילן פון אַ הונט.

—איר הערט, איר הערט דעם הונט?—האָט די לייביכע געפרעגט.— דאָס איז זײַן ערשטער דינער, וואָס זוכט אים אָפּ די שפּורן פון אונזערע בידנע חיות...

—דער הונט האָט אונז פאַרראַטן... מיר וועלן אים דערהרגענען!— האָבן געשריען די בעלי־חיים.

די לייביכע האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, און ווידעראַמאָל איז שטיל געוואָרן.

—און די לייביכע האָט געזאָגט:

—געדיינקט איר די נאַכט, בעת די נײַע בעלי־חיים זײַנען נאָר־וואָס אָנגעקומען און מיר האָבן זיך דאָ פאַרזאַמלט אויף דער לאָנקע? דעמאָלט האָבן אונז מאַנכע בעלי־חיים געוואָרנט... דאָס פערד, דער אָקס, דער שעפּס... אויך די גאַנז און די קאַטשקע האָבן געגאָרגלט געגן דעם צווייפיסלער... איצט זײַנען זיי אַלע זײַנע שקלאַפן. אָבער געדיינקט איר אויך, ווי די נײַע בעלי־חיים האָבן אויסגעזען, בעת זיי האָבן דאָ געשלאָפן? נאַקעטע, עלנטע... מיר וואָלטן זיי דעמאָלט געקאָנט צעקוועטשן אונטער די פיס, ווי די פליגן!... מיר האָבן דאָס אָבער נישט געטאָן.

—געוויס, געוויס!—האָבן אַלע געשריען.

—נו, זעט איר שוין,—האָט די לייביכע אַ קלאַפּ געטאָן מיטן עק.— איצט זײַנען זיי די האַרן פון וואַלד. ווייסט איר אָבער אין וואָס עס ליגט זייער כוח? זייער כוח ליגט אין די בעלי־חיים, וואָס זיי האָבן פאַרשקלאַפט. אויב מען זאָל צונעמען פון זיי די בעלי־חיים, וואָלטן זיי ווידער געווען אַזוי אומבאַהאָלפן און שוואַך ווי פריער. דער צווייפיסלער איז שטאַרק בלויז דער־פאַר, ווייל ער קאָן צווינגען אַנדערע צו אַרבעטן פאַר אים. ווילט איר פאָלגן מײַן עצה, טאָ פרובט אָפּריידן פון אים זײַנע

משרתים. לאָמיר שיקן אַ דעפּוטאַציע צו זיי. דידאָזיקע דעפּו־טאַציע באַדאַרף זיי דערקלערן, אַז מען טאָר נישט פּראַצעווען פאַר פרעמדע. מען באַדאַרף זיי דערמאָנען אין יענער צייט, ווען זיי זיינען אַרומגעלאָפן פראַנק און פריי איבערן וואַלד... איבער פעלד און לאָנקע... אָבער ווער וועט גיין צו זיי?

אַלע חיות האָבן זיך אָפּגערופן:

—דו מוזט אַליין גיין!

—ניין!—האָט די לייביכע געזאָגט.—דאָס טויג נישט. דאָס וואָלט געווען נישט קלוג. צווישן מיר און זיי הערשט אַ מוראדיקע שנאה. מיין מאַן האָט דאָך דערהרגעט זייער קינד. עס מוז, אַלזאָ, גיין אַזעלכער, צו וועלכן זיי זאָלן נישט האָבן קיין טענות. די דעפּוטאַציע וועט באַשטיין, ווי איר זעט, פון איין בעל־חי...

—מען האָט לאַנג, לאַנג געקלערט וועמען צו שיקן און לסוף איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז דער פוקס זאָל זיין דער שליח. ער האָט אַפילו אַמאָל געהאַט שווערע סכסוכים מיט דער גאַנז און מיט דער הון, דאָך אָבער האָט מען קיין פּאַסיקערן שליח פאַר אים דערווייל נישט געפונען.

דער פוקס האָט זיך אויפגעהויבן און זיך געלאָזט אין וועג אַריין. קיינער האָט אַזוי גוט נישט געוואוסט די פאַרבאָרגנסטע וואַלד־שטעגעלעך, ווי ער, דער פוקס. דער פאַרזאַמלטער עולם האָט אָפּגעצויגן דעם אָטעם און זיך דערווייל אָפּגערוט אויף דער לאָנקע. מאַנכע האָבן זיך שטיל געסודעט צווישן זיך.

אַ שפּרונג אַהער, אַ שפּרונג אַהין, און אָט איז דער פוקס גע־קומען צו דעם הויז פונם צווייפיסלער. דאָ האָט ער פּלוצלונג באַגעגנט דעם הונט, וואָס האָט געטריי אָפּגעהיט דעם צוויי־פיסלער און זיין פאַרמעגן.

—גוטן אָוונט, פעטער!—האָט דער פוקס אַ זאָג געטאָן מיט אַ פאַרבאָרגענער חניפה.—אַזוי שפּעט נאָך אין דרויסן?

—דאָסזעלבע וואָלט איך דיר אויך געקענט פרעגן,—האָט געענטפערט

דער הונט.—אָט איך היט אָפּ מיין האַר. אָבער דו, זע איך, דרייסט זיך דאָ אַרום גאָר מיט אַנדערע רעיונות...
—איך האָב נישט קיין האַר,—האָט דער פוקס געזאָגט.—ווי לאַנג איז דען, אַז דו אַליין ביסט געווען אַ פרייער הונט אין וואַלד. קום, איך בעט דיך, מיט מיר אויף דער לאָנקע. דאָרט איז אַן אסיפה פון בעלי־חיים. זיי וועלן דיר מוחל זיין דיין חטא, וואָס דו דינסט דעם שונא פון די בעלי־חיים און וועלן דיך אויפנעמען מיט כבוד. אָבער פריער מוסטו עפענען די טירן און אַרויסלאָזן די געפאַנגענע חיות.
—מיר האָבן נישט קיין געפאַנגענע!—האָט דער הונט שטרייבג אַ זאָג געטאָן. מיר לעבן דאָ אַלע גוט און פאַרלאַנגען נישט קיין בעסערס. איך בין נישט בלויז דער משרת פון צווייפיסלער—איך בין אויך זיין חבר און פריינט. גיי צוריק צו דעם, וואָס האָט דיך געשיקט אַהער!
און מיט דידאָזיקע ווערטער האָט זיך דער הונט אויסגעדרייט מיטן רוקן צום פוקס און אַנטרונען געוואָרן אין אַ לאָך פונם פאַרקאַן. דער פוקס איז אָבער געבליבן שטיין. ער האָט אָפּגעוואַרט, טאָמער וועט זיך באַווייזן אַן אַנדער בעל־חי פון די געפאַנגענע... און דער פוקס האָט זיך טאַקע נישט טועה געווען. אין אַ מינוט אַרום האָט אַ יונגע פעטע גאַנז אַרויסגעשטעקט קעפּל פון אַ לאָך און אָנגעהויבן צו גאָרגערן אויף איר שטייגער:
—גוטן אָוונט, מאַמזעל!—האָט דער פוקס זיך העפלעך פאַרנויגט.— קומט אַרויס אַ ביסל נענטער, איך בעט אייך!..
אָבער יענע האָט געענטפערט:
—איך האָב מורא... איך טאָר נישט אַרויסגיין ביינאַכט, הגם איך האָב גרויס חשק דערצו. איך האָב אַזוי מורא פאַר דיצווייפיסלער. נישט לאַנג האָבן זיי מיין מאַמען אָפּגעבראָטן און אויפגעפרעסן.
דער פוקס האָט געמאַכט גרויסע גליענדיקע אויגן, פונקט ווי ער וואָלט זיך געכאַפּט פאַרן קאָפּ און האָט אַרויסגעזאָגט:

—וואָס רעדט איר? איר טאָרט דאָ נישט בלייבן קיין איין רגע, ווארום דאָ וואוינען רוצחים, בלוטזייגער, גזלנים! אָבער מיין טייערע מאַמזעל, קומט אַרויס אַ ביסל, כאַפּט אייך אָפּ דעם אָטעם פון אייער געפאַנגענשאַפט...

די יונגע גאַנז האָט זיך אָנגערופן:

—איך וואָלט זייער געוואָלט אַוועקגיין מיט אייך. אָבער איך האָב דאָ צען ברידער און שוועסטער און איך קאָן זיי נישט איבערלאָזן אויף הפקר.

—איך וואָלט זיי נישט וועלן איצט וועקן!..—האָט דער פוקס געזאָגט מיט אַ שמייכעלע.—יונגע דאַמען, ווי איר ווייסט, האָבן ניין מאָס רייד און ווען דער הונט אָדער דער צווייפיסלער וועט דערהערן, אַז זיי אַנטלויפן, וואָלטן מיר געהאַט אַ מאוסן סוף. מען וואָלט אייך מסתמא אָפּגעבראָטן, און מיך וואָלט מען אויך נישט געשאַנעוועט. זאָלן זיי בעסער שלאָפן.

—איר זייט אַפילו גערעכט,—האָט די יונגע גאַנז געזאָגט,—אָבער איר גיט מיר אייער וואָרט, אַז איר וועט שפּעטער קומען נאָך מיינע שוועסטער און ברידער?

—איך גיב אייך מיין הייליק וואָרט, אַז איך וועל פון היינט אָן קומען יעדע נאַכט אַרויסנעמען איינע פון די יונגע דאַמען, ביז אַלע וועלן ביסלעכוויז באַפרייט ווערן,—האָט דער פוקס פאַרגלאָצט די אויגן ווי צו אַ תפילה.—וואָס אַרט אייך, איר קענט זיך פאַרלאָזן אויף מיר. איך וועל נישט רוען, ביז איך וועל נישט באַפרייען אייער פאַמיליע.

—ווי גוט און העפלעך איר זענט!—האָט די יונגע גאַנז אויסגעשריגן.—און איך האָב תמיד געמיינט, אַז אַלע בעלי־חיים זיינען רוצחים. מען האָט מיר אַזוי איינגערעדט! מען האָט מיר תמיד אָנגעזאָגט, איך זאָל, חס־וחלילה, נישט גיין אין וואַלד, ווארום מען וועט מיך דערהרגענען...

—ס'איז לויטער רכילות!—האָט דער פוקס געזאָגט.—אַלע וואַלד־חיות זיינען גוט און וואויל ווי מלאכים. איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געהערט, אַז אַ בעל־חי זאָל בראָטן אַ צווייטן בעל־

חי... אָבער מיין ליבע מאַמזעל, איר מוזט מיט מיר שוין גיין, אַנישט וועט מען אונז שטערן...

—איך גיי...—האָט די יונגע גאַנז פריילעך אַ זאָג געטאָן און האָט זיך אַרויסגעקאָלערט פון לאָך.

אָבער אין דעם אייגענעם מאָמענט האָט דער פוקס זי אַ פּאַק געטאָן צווישן די לאַפּעס און האָט איר דורכגעביסן דעם האַלז. די גאַנז האָט אַרויסגעלאָזט איין כאָרכל־געשריי און האָט באַלד פאַרמאַכט אויף אייביק די גענזעשע אויגן.

דער הונט האָט דערהערט דעם געשריי און האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צום פוקס. די גאַנז איז אָבער געווען זייער אַ געשמאַ־קער ביסן, און דער פוקס האָט זיך בשום אופן נישט געקענט שיידן מיט איר. ער איז געשטאַנען מיט אַן איינגעבויגענעם קאָפּ און האָט אָן אויפהער, גיך־גיך, געריסן שטיקער פלייש פון דער יונגער גאַנז. אַנטלאָפן איז ער ערשט דעמאָלט, ווען ער האָט דערשפּירט טיף אין רוקן דעם הונטס ציין.

די חיות זיינען אָבער נאָך אַלץ געזעסן אויף דער לאָנקע און געוואַרט.

—דער פוקס מאַכט פון אונז חוזק, איך קען אים.—האָט זיך אָנגערופן דער הירש.

דער סלאָוויק האָט פאַראומערט געפייפט:

—דער צווייפיסלער האָט אודאי געפּאַקט דעם בידנעם פוקס און זיין וויסטער סוף איז געקומען.

אַ בער האָט צוגעברומט:

—מיט אַ פוקס שפּאַסט מען זיך נישט...

ערשט פאַרטאָג איז דער ווערבייטשיק געקומען מיט אַ נייס:

—דער פוקס איז געשטאָרבן. מען האָט אים מסתמא דערהרגעט. ער ליגט אויפן בערגל פאַרן צווייפיסלערס הויז, איך האָב אים אַליין געזען. נעבן אים ליגט אַ גאַנז.

דערהערט דאָסדאָזיקע נייס, איז די לייביכע אויפגעשטאַנען און

אַלע חיות מיט איר.
-דער פוקס איז געגאַנגען אין זיינע אייגענע אינטערעסן !—
האָט זי געזאָגט.—ער איז געפאַלן אויף זיין אייגענעם געיעג.
מיר קענען זיך אויף קיינעם נישט פאַרלאָזן.
און זי איז אַוועק אַהיים מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ...

X

דער לייבֿ.

מ'איז געווען נאַכֿט און שטיל.
—דער לייבֿ איז געלעגן, ווי געוויינלעך, אין זיין הייל און געגלאָצט מיט זיינע גליענדיקע אויגן אַרום זיך. זיין ווייבֿ האָט געשלאָפֿן, אָדער זיך געמאַכֿט שלאָפֿנדיק און עפּטער האָט זי שווער אָפּגעזיפֿצט. אַלע חיות האָבן, קענטיק, געשלאָפֿן.

דער לייבֿ האָט גוט געוואוסט, וואָס עס באַטייט דער לייבֿיכֿעס זיפֿץ. מיט אַ פּאָר טעג צוריק איז געווען אַן אסיפֿה אין וואַלד, און הגם ער האָט זיך נישט באַטייליקט אין דערדאָזיקער אסיפֿה, דאָך האָט ער זייער גוט געוואוסט וואָס דאָרט איז גערעדט געוואָרן און מיט וואָסערע ווערטער דאָס ווייבֿ און אַנדערע בעלי־חיים האָבן זיך אויסגעדריקט וועגן אים. ער האָט אויך געוואוסט, אַז אַלע חיות זיינען שלעכֿט געשטימט געגן אים.

איצט איז ער געזעסן מיט אַ בייז האַרץ געגן יענע חיות, וואָס האָבן אים אַממערסטן אָנגעגריפֿן אויף דער אסיפֿה.

„זאָל נאָר קומען די צייט,—האָט ער געטראַכט מיט גליענדיקע אויגן, וועל איך זיך שוין אָפּרעכענען מיט זיי פאַר אַלץ, פאַר אַלץ..."

אַלע טאָג האָט ער געמוזט אויסהערן אַ לאַנגן צעטל מיט מוסר און שטראָפרייד פון דער ווייב, אָבער צו דעם איז ער שוין געוויינט געוואָרן. אַ ווייב איז אַ ווייב,—האָט ער געטראַכט,—און זי וועט זיך מסתמא איבערבעטן מיט אים. זיינע קינדער וועלן אויך נישט פאַרלירן די אַכטונג צו אים. אַ פאָטער איז נישט קיין קלייניקייט, און אגב ווייסן זיי זייער גוט, אַז ער איז קיינמאָל נישט געווען קיין פּחדן און האָט קיינמאָל פאַלש נישט געהאַנדלט. אָבער מיט יענע חיות וועט ער זיך אָפּרעכענען פאַר זיך און פאַר זיין געפאַלענעם כבוד. ער וועט זיי שוין ווייזן ווער ער איז.

אַ גרויער באַגינען־שיין האָט לאַנגזאַם פאַררוקט די נאַכט טיפער אין וואַלד אַריין און דער לייב האָט זיך אויפגעהויבן. ער האָט אָפּגעטרייסלט זיין פעל און איז אַוועק.

—דער מלך פון די חיות גייט אויף געיעג!—האָט זיך אָנגערופן דער שטעכלשוויין, וואָס האָט זיך געפּאָרעט צווישן די קוסטעס.

—זעט נאָר, ווי מאָגער ער איז, הויט און ביינער!—האָט די פלעדערמויז געגאַפט.

—ער איז שוין אַ סך נעכט נישט געווען אויף געיעג!—האָט די סאָווע אַריינגעפּיקט.—זיינע אויגן גלאַנצן פון הונגער.

דער לייב האָט אָבער גאָרנישט געטראַכט פון געיעג. ער איז געגאַנגען ווי אין אַ פיינלעכן חלום אין דער ריכטונג פון דעם צווייפיסלערס הויז. אַ הירש איז דורכגעלאָפן דעם וועג—ער האָט אים נישט באַמערקט. ער איז געגאַנגען פּאַוואָליע ווייטער ביז דעם בערגל, וואו עס איז געשטאַנען דעם צווייפיסלערס הויז.

באַלד דערזיף האָט ער אַ שפּרונג געטאָן, איז אַריבערגעפלויגן דעם פאַרקאַן און זיך פאַרבאָרגן אין די קוסטעס, וואָס זיינען געוואַקסן פאַר דער טיר. קיינער האָט אים דאָ נישט געקענט

באַמערקן. בלויז זיינע געלע אויגן האָבן פיינטלעך געגליט צווישן די טונקעלע געדיכטע בלעטער. דער לייב איז געלעגן און גע־וואַרט.
דער צווייפיסלער האָט די נאַכט געשלאָפן זייער אומרואיק.

ער האָט זיך געוואָרפן פון איין זייט אויף דער אַנדערער, און ווען ער איז, ענדלעך, איינגעשלאָפן, האָט דער הונט אָנגעהויבן אַזוי שטאַרק צו בילן, אַז דער צווייפיסלער האָט געמוזט אויפ־שטיין און אַ קוק טאָן דורך אַ שפּאַלט אין דרויסן. ער האָט פאַרמאַכט דאָס לאָך, דורך וועלכן דער הונט פלעגט אַריין און אַרויסגיין, ווייל דאָס געגנט איז נישט לאַנג אַריינגעפאַלן אין די נעגל פון פוקס דורך דעמדאָזיקן וועג.
—וואָס איז דאָ געשען?—האָט ער אַ פרעג געטאָן דעם הונט.

דער הונט האָט ווייטער געבילט און געשפּרונגען דעם צוויי־פיסלער אין פנים אַריין. ער האָט געעפנט אַ קליין פענסטערל, אַרויסגעקוקט אין דרויסן און זיך איינגעהערט. נאָכדעם האָט ער אַ זאָג געטאָן צום הונט, ער זאָל זיין רואיק און זיך צו־ריקגעלייגט אין בעט. אָבער באַלד דערויף האָט ער דערהערט, ווי דאָס פערד וואַרפט זיך אין שטאַל, ווי דער אָקס ריטשעט און די עופות שפּרינגען פון דער הויט. דעמאָלט איז ער ווי־דער אויפגעשטאַנען און געשפּירט, ווי אַלע בעלי־חיים ציטערן און פלאַטערן ווי אין קדחת.
—וואָס קאָן דאָ זיין?—האָט ער זיך געפרעגט.
ער האָט געעפנט די טיר און איז אַרויס אין דער פינסטערער נאַכט, אומבאַוואָפנט און נאַקעט, אַזוי ווי ער איז אַראָפּ פון געלעגער. פלוצלונג האָט זיך דערהערט אַ שאָרך צווישן די קוס־טעס. דער לייב איז אַרויסגעשפּרונגען, אָבער דער צווייפיסלער האָט נאָך באַוויזן זיך אַריינצכאַפּן אין שטוב אַריין, וואו ער האָט באַלד פאַרהאַקט און פאַרריגלט די טיר.
איין אויגנבליק איז ער געשטאַנען אין גרויס אַנגסט און נישט געוואוסט וואָס צו טאָן.

דורך אַ שפּאַלט האָט ער געזען, אַז דער לייב ליגט אין דרויסן צווישן די קוסטעס, מיט די גליענדיקע אויגן צו דער טיר, גרייט צו מאַכן אַ שפּרונג.

דעמאָלט האָט דער צווייפיסלער איינגעזען, אַז דער לאַנג אָפּגעלייגטער קאַמף איז איצט אומפאַרמיידלעך, און אַז אויב ער וועט איצט נישט אַוועקליייגן דעם לייב, איז זיין לעבן מער גאָרנישט ווערט.

ער האָט געוואָלט אויפוועקן זיינע זין, אַרויסגנבענען זיך דורך אַן אַנדער טיר און באַפאַלן דעם לייב פון הינטן. די זין זיינען אָבער געשלאָפן אין די וייטע חדרים. דרויסן האָט שוין געשאַריעט אויף טאָג, און דער צווייפיסלער האָט זיך שטאַרק געשראָקן, טאָמער וועט עמעץ פון זיינע קינדער אַרויסגיין פון שטוב און אַזויאַרום אַריינפאַלן אין די לאַפּעס פון לייב.

ביסלעכווייז אָבער האָט ער אינגאַנצן פאַרלאָרן דעם פחד.

ער האָט זיך געפילט גענוג שטאַרק בייצוקומען אַליין דעם שונא.

רואיק האָט ער גענומען צוויי שפּיזן אין די הענט, האָט גוט און פּאַוואָליע אויסגעפּרובט די שפּיצן, נאָכדעם טיף אָפּגעאָטעמט און געעפנט די טיר.

דעם לייב האָט מען אין ערגעץ נישט געזען.

דער צווייפיסלער האָט געוואָרפן די אויגן אין אַלע זייטן און אים נישט באַמערקט. ער איז אָבער געווען אַן אַלטער געניטער יעגער און איז געווען זיכער, אַז דער לייב האָט זיך ערגעץ פאַרבאַהאַלטן. דער צווייפיסלער איז געבליבן שטיין ביי דער טיר מיט געשפּאַנטע מוסקולן, מיט אָנגעשטריינגטע, אויגן גרייט צום קאַמף.

אַ שטילער שאָרך האָט זיך דערטראָגן פון די קוסטעס—און באַלד דערויף האָבן אים אַ גלי געטאָן דעם לייבס אויגן.

דער צווייפיסלער האָט געוואוסט, אַז מען טאָר איצט נישט פאַרלירן קיין איין רגע. שפּרינגט דער לייב פריער—איז ער אַ פאַרלוירענער.

ער האָט געוואָרפן זיין שפּיז ווי אַ בליץ און געטראָפן דעם לייב

אין אַן אויג. דער לייב האָט געענטפערט דערויף מיט אַזאַ געברום, אַז די ביימער זיינען אַזוי ווי אַרויסגעשפּרונגען פון דער ערד מיט די וואָרצלען, אָבער אין דעם אויגנבליק האָט דער צווייטער שפּיז דורכגעבויערט דעם לייבס האַרץ.
דעם לייבס געברום האָט אויפגעריסן אַלע קינדער פון די בעטן און דער עולם איז אין טויטשרעק אַרויסגעלאָפן אין דרויסן.

דער לייב איז געלעגן אויסגעצויגן ווי גרויס ער איז געווען. ער האָט שוין נישט געאָטעמט. דער הונט האָט גענומען בילן אויף אים און געוואָלט אים בייסן, אָבער דער צווייפיסלער האָט אים אָפּגעטריבן.
—אַ געפּאַלענעם בייסט מען נישט...—האָט דער צווייפיסלער געזאָגט.
מען האָט אים אָפּגעשונדן די פעל און זי אויפגעהאָנגען אויף אַ הויכן שטאַנג אין מיטן פעלד, אַז אַלע חיות זאָלן זען, ווי דער מלך פון וואַלד איז געטויט געוואָרן דורכן צווייפיסלער.

דער וועךבייטשיק איז אַרומגעפלויגן פון חיה צו חיה מיט דער בשורה:
—דער צווייפיסלער האָט געטויט דעם מלך פון די חיות. זיין פעל הייגנט אין פעלד אויף אַ שטאַנג... איך האָב עס געזען מיט מיינע אייגענע אויגן.
אַלע זיינען געלאָפן זען דאָס פעל. פון די וואַלדביימער האָבן די בעלי־חיים געוואָרפן שרעקעדיקע בליקן אויפן צווייפיסלערס הויז. די פייגלעך האָבן געפּאָכט אין דער לופטן מיט גרויס פּחד און אַנגסט.
—איצט איז שוין אַ סוף!—האָט דער הירש געזאָגט מיט אַ פייכטן אויג.
און אַזוי איז געווען.
שפּעטער איז דער אוראַנג־אוטאַנג געקומען צום צווייפיסלער, וואָס איז בעת־מעשה געזעסן פאַר זיין הויז.
—גוט מאָרגן, פעטער!—האָט דער אוראַנג־אוטאַנג געזאָגט.

דער צווייפיסלער האָט אים אָנגעקוקט און גאָרנישט געענטפערט.

—מען האָט דיר אפשר געזאָגט,—האָט דער אוראַנג־אוטאַנג זיך אָנגערופן מיט גרויס הכנעה—אַז איך האָב דיך באַרעדט פאַר די וואַלדחיות... אָבער איך לייקן דאָס נישט. איך בין מיך מודה, אַז איך בין געווען אַ ביסל צו היציק און גערעדט, וואָס מען דאַרף נישט. אָבער ווי זאָגט מען? נישט איך האָב גע־רעדט, נאָר מיינע יסורים האָבן גערעדט. ביי היינטיקע צייטן איז זייער שווער דורכצוקומען מיט אַ גרויסער פאַמיליע, בפרט אַז מען כאַפּט דיר אויס פון אונטער די הענט... אויטערדעם, האָסטו מיך אַמאָל געשלאָגן מיט אַ שטעקן...

—אָבער וואָס פאַרלאַנגסטו?—האָט אים דער צווייפיסלער האַרב אַ פרעג געטאָן.—איך האָב נישט קיין צייט און דו מוזט ריידן צו דער זאַך!..

דער אוראַנג־אוטאַנג האָט זיך הכנעהדיק אַנידערגעזעצט נעבן צווייפיסלער און זיך אָנגערופן:

—זיי נישט בייז, פעטער... איך אָנדערקען דיין גרויסקייט! דו האָסט געהאַט מזל, זייער גרויס מזל... גאָט באַהיט, איך וויל דערמיט נישט זאָגן, אַז דו האָסט עס נישט פאַרדינט. דו האָסט אַ סך אויפגעטאָן אויף דער וועלט. מיטן פערד האָסטו ממש באַ־וויזן וואונדער... און זינט דו האָסט אַריינגענאַרט אין זאַק דעם לייב...

—אָבער וואָס ווילסטו פאָרט?—האָט דער צווייפיסלער ווידער־אַמאָל אַ פרעג געטאָן.

דער אוראַנג־אוטאַנג האָט אַרויסגעמורמלט:

—איך וועל מאַכן מיט דיר שותפות, פעטער... צוזאַמען וועלן מיר די גאַנצע וועלט איינגעמען.

—ציי ביסטו משוגע?—האָט דער צווייפיסלער געשטוינט.—צו וואָס טויג מיר אַזאַ שוטה און טויגעניכטס, ווי דו? טראַג זיך אָפּ וואָס גיכער, אַנישט וועל איך דיך מכבד זיין מיט מיין שטעקן דו געדיינקסט נאָך אודאי דעם טעם?

דער אורא̇נג־אוטא̇נג הא̇ט זיך אַפילו באַלד א̇פּגערוקט, א̇בער ער הא̇ט ווייטער געזא̇גט:

—דו ווערסט זיך עס איבערלייגן, פעטער... דו ביסט אַפילו אַ גרויסער בריה, דא̇ך קענסטו זיך נוציקן אין מיר... איך קא̇ן זיין אַ מעקלער צווישן דיר און די בעלי־חיים. איך קא̇ן טא̇ן אַזוינס, וואָס דו קענסט עס בשום אופן נישט טא̇ן... דו מוזט וויסן...

דער צווייפיסלער הא̇ט זיך אויפגעהויבן און א̇נגעכא̇פּט דעם אורא̇נג־אוטא̇נג ביים א̇רעם.

—קומט אַרויס, קינדער, וועט איר זען עפּעס שיינס!—הא̇ט ער געשריען אין דער טיר פון זיין הויז.

אַלע זיינען אַרויסגעלא̇פן פון שטוב און געגלא̇צט מיט די אויגן אויף דער מאַלפּע, און דער צווייפיסלער הא̇ט געזא̇גט:

—א̇ט די מאַלפּע וויל מאַכן מיט מיר שותפות! א̇ט דער תכשיט באַרימט זיך, אַז ער איז אַזאַ בריה, ווי איך. מיר וועלן אים אַקא̇רשט אַריינישבענען אין אַ שטייג, און אין דער רעגנצייט, בשעת מיר הא̇בן ווייניק אַרבעט, וועט ער אונז אַ ביסל משמח זיין...

אַלע טענות פון אורא̇נג־אוטא̇נג הא̇בן נישט געהא̇לפן. מען הא̇ט אים פאַרשפּאַרט אין אַ שטייג און אַוועקגעשטעלט אויפן הויף פאַר די שטאַלן.

—איך הא̇ב לאַנג געזא̇גט, אַז זיי זיינען רוצחים און גזלנים!—הא̇ט ער פיינלעך אַ שעפּטשע געטא̇ן צו זיך און באַלד דערויף גענומען אַרא̇פּוואַרפן די ווערעם פון זיין פעל.

XI

מיט אַ סך יאָרן שפּעטער.

אַ סך, אַ סך יאָרן זיינען אַוועק.
דאָס איז געשען נישט אין די וואַרעמע לענדער, וואו די זון לייכט און וואַרעמט שטאַרקער, וואו דער רעגן פאַלט געדיכטער און וואו אַלע בעלי־חיים און צמחים געראָטן בעסער, ווייל זיי ווייסן נישט פון קעלט און זאַווערוכעס.
דאָס איז געשען אין אַ קליין שטעטל ערגעץ אין צפון.
ס'איז געווען אַ יריד אין שטעטל און דער מאַרק איז געווען פול געפּאַקט מיט מענטשן, בהמות און חזירים. אומעטום זיינען געשטאַנען געצעלטן מיט כלערליי סחורות, וועגן מיט שפּינדלעך, געפאַרבטע קופערטס, טישלעך מיט געבעקס און געטראַנקען און דעסגלייכן.
ערגעץ אין אַווינקל פונם ירידפּלאַץ איז געשטאַנען דאָס „וועלטטעאַטער" מיט צוויי קאַרוסעלן, אַ הייזל, וואו מען האָט געוויזן אַ ריזיקע דאַמע און אַ געצעלטל, וואו מען האָט געוויזן דעם קלענסטן קאַרליק אין דער וועלט. אויסערדעם, זיינען דאָרט געווען ווייסע מייזלעך, ים־חזירימלעך און פּאַפּוגייען און אַרום

האָט אַזוי גערעשט און געפּילדערט, אַז מען האָט ממש גע־
קענט פאַרטויבט ווערן.

אָבער דאָס גרעסטע וואונדער פון דער וועלט איז געלעגן פאַר־
באָרגן אין אַ גרויס געצעלט, וואָס איז געשטאַנען אין רעכטן
מיטן מאַרק. פאַר דעמדאָזיקן געצעלט איז געשטאַנען אַ מענטש
און האָט אָן אַן אויפהער געשריען:

—קומט אַהער! קומט אַהער! פאַר צוואַנציק גראָשן וועט איר
זען עפּוואָס אַזוינס, וואָס איז ווערט כּל הגעלטן. איר וועט זען
דעם מלך פון די חיות, דעם שרעקלעכן אַפריקאַנישן לייב!
יעדן טאָג פרעסט ער אויף אַ האַלבן אָקס, און ווען ער, אַ שטיי־
גער, רייסט זיך אַרויס פון שטייג, מאַכט ער פון אונז אַלע אַ
קאַשע אין אַ משך פון דריי מינוט! אָבער שרעקט זיך נישט,
מיינע הערשאַפטן, דער לייב איז פאַרשפאַרט אין אַ שטייג מיט
אייזערנע שטאַבעס. צוואַנציק גראָשן זיינען קיין געלט נישט
און גייט אַריין! גייט אַריין, גייט אַריין, מיינע הערשאַפטן!

פאַרן געצעלט האָט זיך אויפגעקליבן אַ גרויסער המון, גרויס און
קליין, און אַ סך זיינען טאַקע אַריינגעגאַנגען אין דעמדאָזיקן
געצעלט. ווען זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען צוריק, האָבן זיי דער־
ציילט געוואַלטיקע חידושים פון דעם געפאַנגענעם לייב און נאָך
מענטשן זיינען אַריין אין געצעלט. אַריין און אַרויס, ביז ס'איז
צוגעפאַלן די נאַכט.

טיף אין געצעלט איז געשטאַנען דער שטייג מיטן לייב.
דער שטייג איז געווען נידריק און שמוציק. אויף דער פּאָדלאָ־
גע איז געלעגן אַ ביסל שמוציק שטרוי און עטלעכע ביינער.
דיקע פאַרזשאַווערטע גראַטעס זיינען געווען די מחיצה צווישן
דעם מלך פון וואַלד און דעם המון פון יריד. און דער לייב
איז געלעגן אין ווינקל, אָנגעשפאַרט דעם קאָפּ אויף די פאָ־
דערשטע לאַפּעס און זיינע גליענדיקע אויגן האָבן געגלאָצט מיט
אַ טעמפן מאַטן אויסדרוק אויף די נייגיריקע מענטשן, וואָס האָבן
אַרומגערינגלט דעם שטייג. אין זיין קאַלטענוואַטער גריווע זיי־
נען געלעגן שטיקער שטרוי און מיסט, און ער איז געווען

שרעקלעך מאָגער. פון צייט צו צייט האָט ער געהוסט מיט אַ קראַנקן פאַרלייגטן האַלז.

אַ דינער מיט אַ לאַנגן שטעקן אין האַנט האָט דערקלערט די באַזוכער, וואָס דאָס איז פאַר אַ חיה. די פויערים און קרעמער האָבן אויסגעשטאַרצט די ברייט אויפגעריסענע אויגן אויף דער מעכטיקער חיה, וואָס איז געלעגן פאַר זיי אַזוי שטיל און אומ־באַוועגלעך. ווי קראַנק און שוואַך דער לייב האָט נישט אויס־געזען, האָט מען דאָך געקענט דערקענען, אַז דאָס איז אַ חיה—אַ ריז, און אַ שוידער האָט זיי דורכגענומען ביים געדאַנק, טאָ־מער וועט ער זיך אַרויסרייסן פון שטייג. אָבער דער לייב איז געלעגן ווי פאַרגליווערט און זיך נישט גערירט פון אָרט און איינער פון די צושויער האָט אַ זאָג געטאָן:

—איך רעכן, אַז ער איז טויט!

דעמאָלט האָט דער דינער, וואָס איז געשטאַנען דערביי, אַריינ־געשטעקט זיין לאַנגן שטעקן אין שטייג אַריין און אָנגערירט דעם לייב. דער לייב האָט פּאַוואָליע אַ צי געטאָן מיטן קאָפּ און אויפגעהויבן אַ פּאָר פוילע אויגן, אָבער ער האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. האָט אים דער דינער ווייטער געשטויסן מיט זיין שטעקן און דעמאָלט האָט דער לייב אַרויסגעלאָזט אַזאַ ברום, אַז דאָס גאַנצע געצעלט האָט אויפגעציטערט און דער עולם אַרום איז זיך צעלאָפן.

—ער האָט פאַרצוקט זיין פריערדיקן באַלעבאָס!—האָט דערציילט דער דינער.—מיר האָבן אים אָפּגעקויפט ביי דער אלמנה. ער איז שרעקלעך ווילד און בלוטדורשטיק. ער חלומט נאָך אַלץ פון זיין היים, וואו ער איז אַרומגעלאָפן פראַנק און פריי אין די געדיכטע אַפריקאַנישע וועלדער... אָבער איצט, מיינע הער־שאַפטן, איז די פאָרשטעלונג געענדיקט און עס הויבט זיך אָן אַ נייע.

און דער מענטש פאַרן געצעלט האָט פאַרטויבט די לופט:

—צוואַנציק גראָשן!—צוואַנציק גראָשן! דער מלך פון וואַלד, דער געוואַלדיקער לייב!

און אַזוי האָט געדויערט ביז נאַכט. ערשט ווען דער מאַרק־פּלאַץ האָט ביסלעכווייז זיך אויסגעליידיקט און קיינער האָט זיך מער נישט צוגעהערט צו זיינע געשרייען, האָט ער פאַר־מאַכט די טיר, און אין געצעלט האָט מען איבערגעציילט דאָס געלט, וואָס מען האָט היינט פאַרדינט פונם לייב.
—אַ שלעכטער טאָג!—האָט דער באַלעבאָס פון לייב אַ זאָג גע־טאָן מיט גרויס גרימצאָרן.—חיה, דו האָסט קוים פאַרדינט אויף דיין פרעסן!
ער האָט אים אַריינגעוואָרפן אין שטייג אַריין אַ שטיקל פאַר־דאָרבן פלייש און איז אַוועק אין שיינק, וואו ער האָט גערעכנט זיך אָנצעשיכורן.
דער לייב האָט זיך נישט צוגערירט צו דעם פאַרדאָרבן פלייש. דעם קאָפּ פאַרלייגט אויף די פאָדערשטע לאַפּעס, האָט ער לאַנג און נודנע געגלאָצט אויפן טריבן איילעמפּל, וואָס איז געהאַנ־גען אין געצעלט און אַריינגעטריפט אַ שוואַך ליכט אינם אַרו־מיקן חושך. פּלוצלונג האָט ער דערהערט אַ גערויש. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און זיך אומגעקוקט.
—ביינאַכט לאָזט מען מיך אויך נישט רוען?—האָט ער בייז גע־ברומט.
—דאָס בין איך!—האָט איך געענטפערט אַ דין קוויטשיק קולכל.—מען האָט מיך דאָ פאַרמאַכט על־פּי־טעות. אָבער איך וויל אַרויס, איך וויל אַרויס! מיין באַלעבאָסטע וועט זיך זייער איבערשרעקן!

דאָס איז געווען אַ קליין הינטעלע מיט אַ גלעקעלע אויפן האַלז און מיט אַ געשטיקטער דעקע אויפן רוקן. ער איז שפּרינגענדיק געלאָפן אַהין און אַהער, געקוויטשעט און געהווילט און גע־קראַצט ביי דער טיר, אָבער קיינער האָט אים נישט געהערט. אויפן מאַרקפּלאַץ איז געווען טויטשטיל.
—זע, דאָס איז דער הונט!—האָט דער לייב געגאַפט.—אָבער זע, וואָס זיי האָבן פון דיר געמאַכט!
—אָבער איך וויל אַרויס! איך וויל אַרויס!—האָט געוואָיעט דאָס הינטל.

דער לייב האָט ווידער אַוועקגעלייגט דעם קאָפּ אויף די פּאָ־ דערשטע לאַפּעס און אָנגעקוקט דעם הונט.
—וואָס וואָיעסטו אַזוי ?—האָט ער געפרעגט.—קיינער טשעפּעט דאָך דיך נישט. ווען איך זאָל אַפילו וועלן, קאָן איך דיך אויך נישט אויפעסן. די אייזנשטאַנגען זיינען צו שטאַרק. תּחילת האָב איך זיי אַפילו געפּרובט אויפטרייסלען, אָבער עס האָט נישט געהאָלפן. זיץ איך, ווי דו זעסט, פאַרשפּאַרט אין שטייג און מען צווינגט מיך, איך זאָל מיך לאָזן אָנקוקן פאַר געלט. אַך, הונט, וואָלסטו וויסן, ווי מען חוזקט איבער מיר, ווי מען לאַכט פון מיר, ווי מען קוקט אויף מיר, ווי מען נערט מיך, ווי איך שטיק מיך אין קעלט און אין עפּוש! אָבער איך מוז שווייגן! איך קען דען עפּעס אַנדערש טאָן?
דער הונט האָט אויפגעשווידערט און האָט אים שלעכט געהערט.

—לאָז מיך אַרויס!—האָט ער זיך געבעטן.
—דאָס קאָן איך נישט,—האָט דער לייב געזאָגט.—אָבער איך בין דאָך נישט אַזוי געפאַלן, ווי דו. איך בין דאָ געפאַנגען, פאַר־ שטייסט? אָבער דו האָסט מיטן אייגענעם ווילן זיך געפאַנגען צום צווייפיסלער! האָסט פאַרראַטן דיינע חברים און האָסט אים געהאָלפן געגן זיי!.. דאָס איז דער גרעסטער חטא פון אַ באַ־ שעפעניש!
—איך ווייס נישט, וואָס דו רעדסט,—האָט דער הונט געצויגן מיט אַן אויער,—איך דין ביים מענטשן. מיין באַלעבאָסטע איז אַ פאַרנעמע באַראָנעסע, און זי וועט שטאַרבן פאַר עגמת־נפש, ווען איך וועל נישט קומען באַצייטנס אַהיים.
דער לייב האָט אַ ברום געטאָן פון עקל.
—דו האָסט אונז אומגליקלעך געמאַכט!—האָט דער לייב צולעצט געשעפּטשעט און געגליט מיט מידע אויגן.—מיטן גוטן ווילן ביזטו געגאַנגען צו זיי. אַנדערע האָבן זיי געכאַפּט און פאַר־ וואַנדלט אין נאַרעשע טעמפּע קנעכט. אָבער דו ביזט מיטן גוטן ווילן געגאַנגען צו זיי...
און דער הונט האָט אַלץ געוואָיעט און געטענהט דאָס זייניקע.

—איך ווייס נישט, וואָס דו רעדסט!.. איך ווייס נאָר, אַז אין דערהיים האָב איך ביי מיין באַלעבאָסטע אַ וואָרעם קוישל, אַז די באַלעבאָסטע גיט מיר גוט צו עסן און זי גלעט מיך און קושט מיך. איך וויל אַרויס... איך וויל אַהיים...

דער לייב האָט שטיל און פאַרטראַכט געזאָגט:

—איין טרייסט האָב איך אין מיין שטייג, וואו איך וועל מסתמא באַלד שטאַרבן פון מיין הוסט און מיין ביינקשאַפט. איך טרייסט מיך דערמיט, וואָס די קינדער פונם צווייפיסלער זיינען שטאַרק אָפּגעקומען. דער צווייפיסלער אַליין איז געווען שלאַנק און גרויס און שיין—ער איז דאָך געווען אַן איידעלער בעל־חי! און ווי זעען אויס זיינע קינדער? דראָבנע ברואימלעך! דער צווייפיסלער האָט געקאָנט אַרומשפּרינגען, קלעטערן אויף ביי־מער—און אָט די רירן זיך קוים. יענער האָט געקענט קעמפן... אָבער אָט די! ס'איז פּשוט אַ חוזק צו זען, ווי זיי ווערן אויפ־געציטערט, ווען איך דערנענטער מיך צו די שטאַבעס אָדער איך טו אַ ברום. זיי ציטערן ווי די פיש אין וואַסער, הגם זיי זעען און ווייסן, אַז איך בין פאַרשפּאַרט און קאָן זיי גאָרנישט טאָן.

דאָס הינטל האָט נאָך אַלץ קוויטשיק געשריען:

—איך וויל אַרויס, איך וויל אַהיים! אַהיים וויל איך!..

דער לייב האָט מיט עקל זיך אויפגעהויבן און צוגעגאַנגען צו די קראַטעס. ער האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיטן עק איבער זיינע מאָגערע זייטן, געעפנט דעם פּיסק און אַ בליק געטאָן מיט זיי־נע מוראדיקע ציין. דאָס הינטל האָט אויפגעשוידערט פאַר פּחד און האָט זיך איינגעשרומפּן, ווי אַ קליין קניילעכל.

—אומגליקלעכע באַשעפעניש, וואָס דו ביזט!—האָט דער לייב קאַלט אַ בריל געטאָן.—דער צווייפיסלער איז באמת געווען, ווען ער זאָגט: „ס'איז בעסער דעם טויטן לייב ווי דעם לעבעדיקן הונט".

באַלד דערויף האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ מוראדיקן ברום, אַזוי אַז די לייט פון שטעטל האָבן אויפגעשוידערט אין די בעטן.

נאָכדעם האָט ער זיך אַוועקגעלייגט אין ווינקל פון שטייג, אויס־
געצויגן די מאָגערע לאַפּעס און איז איינגעשלאָפן.
דאָס הינטל האָט נאָך לאַנג געוויינט און געוואָיעט אין שטייג.
ערשט פאַרטאָג איז עמעץ געקומען און האָט עס באַפרייט.